STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07458

www.libtool.com.cn

# GEZAMLTE VERK

Morris Winchevsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

מאָרים ווינטשעווסקי

# געזאמלטע ווערק

רעדאקטירט פון קלמן מרמר

פארלאג „פרייהייט“
ניו יאָרק, 1927

www.libtool.com.cn

COPYRIGHT 1927
by the
Freiheit Publishing Association, Inc.

www.libtool.com.cn

באנד זיבן

# פובליציסטיק

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# פאָרוואָרט

די שריפטן וועלכע זיינען אריין אין אַט דעם באַנד האָט מאָרים ווינטשעווסקי געשריבן, ווען ער איז אַלט געווען אַרום זעכציק יאָר, אַ פּאָר יאָר פריער און אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

אין אַט די שריפטן ווענדט זיך ווינטשעווסקי אין דער ערשטער ריי צו דער אינטעליגענץ און צו דער אינטעליגענטער אַרבעטער־יוגנט.

דער זעכציק־יאָריקער ווינטשעווסקי טרעט אַרויס שאַרף קעגן די קאָנווענציאָנעלע ליגנס, וואָס הערשן אין די אידישע ראַדיקאַלע קרייזן. ער טוט עס הויפּטזעכלאַך אין זיין סעריע אַרטיקלען „וואָס מיר פעלט...“, געשריבן אין די יאָרן 1916 — 1918.

מאָרים ווינטשעווסקי באַווייזט אונז, אַז דער אידישער גענאָסע — סאָציאַליסט, אַנאַרכיסט א. ד. ג. — איז, אַ חוץ אין איינגע פּאַרטיי־פראַגן, דורכגעדרונגען פון דער אידעאָלאָגיע פון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע. באַזונדערס אונטערשטרייכט ער עס אין זייער שטעלונג צו דעם לעבן־שטייגער און די קולטורן פון די איינגעוואַנדערטע פעלקער־מאַסן. ער ווייזט אָן, אַז אַ טייל גענאָסן שטייען אין אַמעריקע פאַר׳ן וואולגאַרן אַמעריקאַניזם און פאַרשפּרייטן קולטור־לאָזיקייט, עם־הארצות און פאָלקס־פאַרראַט.

דער זיידע באַנוגנט זיך אויך ניט מיט דעמאַסקירן די איינגעהאַרציקע עגאָאיסטישע אַסימילאַטאָרן און באַווייזן, אַז אונטער זייער ראַדיקאַלן פּודער זיינען זיי פּשוט׳ע באַלעבאַטישע „תכלית“־זוכער. ער גייט נאָך ווייטער און גראָבט אונטער דעם פונדאַמענט אויף וועלכן זיי שטיצן זייער „אַמעריקאַניזם“. ער באַווייזט, אַז דער עכט־אַמעריקאַנער אַרבעטער איז אַ קליינער חלק פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע און ווערט אין אים בטל

www.libtool.com.cn

בששים. און איז אמעריקע א לאנד פון איינגעוואנדערטע פעלקער־מאסן, ציט ער דערפון דעם לאגישן און יושר'דיקן שלוס, אז די ארבעטער־באוועגונג און די קולטור־ארבעט אין אמעריקע דארפן זיין צוגעפאסט צו די נויטן און באדערפנישן פון אט דער באפעלקערונג. דערפון פאלגט אויך, אז די טאן־געבער פון דער ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע דארפן שטיין נאנט צו דער שפראך און קולטור פון די איינגעוואנדערטע מאסן. זיי דארפן באטראכטן די צענדליקע מיליאנען אימיגראנטן און זייערע קינדער ניט פאר א רויען מאטעריאל פאר'ן יענקישן שמעלץ־טאפ, נאר ווי גלייכבארעכטיקטע פעלקער מיט די ענגליש־רעדנדיגע אמעריקאנער.

און כאטש זיין אייגענעם נאציאנאלן אני מאמין באטראכט ער בלויז פאר א געפיל־זאך און האט ניט „קיין שום פרעטענזיעס צו דערלאנגען דעם עולם א וויסנשאפטלאכע אפהאנדלונג", איז ווינטשעווסקי דאך איבערצייגט, אז ער שטייט אויפ'ן פעסטן באדן פון דער מארקסיסטישער וויסנשאפט. ווינטשעווסקי באווייזט, אז דער אינטערנאציאנאל האט אלעמאל סימפאטיזירט מיט די נאציאנאלע שטרעבונגען און האפנונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער. ער דערמאנט, ווי אזוי קארל מארקס האט אויסגעלאכט יענע פראנצויזישע ראדיקאלן, וועלכע האבן, אינ'ם נאמען פון א ניט־פארשטאנענעם אינטערנאציאנאליזם, גערעדט פון אפשאפן די באזונדערע שפראכן און קולטורן. קארל מארקס האט אנגעוויזן, אז דאס רעדט ניט אין זיי דער גייסט פון אינטערנאציאנאליזם, נאר פון פראנצויזישן פאטריאטיזם, וואס וויל, אז אלע מענטשן זאלן ווערן פראנצויזיש.

געשטיצט אויף די פרינציפן פון אינטערנאציאנאליזם און פעלקער־רעכט, פאדערט מארים ווינטשעווסקי, אז די פאליטישע פארטיי פון ארבעטער־קלאס — איר אידישע סעקציע — זאל זיך אפגעבן דירעקט מיט פראגן פון אידישער קינדער־דערציאונג און מיט אידישע קולטור־אנגעלעגנהייטן.

www.libtool.com.cn

אַ סך פֿון מאָרים ווינטשעווסקי׳ס פֿאָדערונגען אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע זיינען דערפֿילט געוואָרן דורך זיינע היינטיקע חברים, די קאָמוניסטן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע — איר אידישע סעקציע — גיט זיך אָפּ דירעקט מיט אידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען און מיט אידישע קולטור־ענינים. זי שטייט נאָנט צו דער אידישער שול־באַוועגונג, עפֿנט אַליין אידישע לער־אַנשטאַלטן, און אונטערשטיצט אַלע אידישע קולטור־טעטיקייטן, צום נוצן פֿון די אידישע אַרבעטער־מאַסן. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וואו ווינטשעווסקי׳ס חברים־קאָמוניסטן האָבן די מעגלאַכקייט דורכצופֿירן אין לעבן זייער אינטערנאַציאָנאַליזם, גיבן זיי אַלע פֿעלקערשאַפֿטן, אפֿילו די קלענסטע און צוריקגעשטאַנענסטע, די פֿולסטע מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען זייערע נאַציאָנאַלע אייגנ־טימלאַכקייטן, שפּראַכן און קולטורן.

דאָך האָט דער קאָנסערוואַטיווער ראַדיקאַליזם מיט זיין בורזשואַזער אידעאָלאָגיע פֿון „נאָר ניט אידיש“, נאָך ניט פֿאַר־לאָרן זיין שעדלאַכן איינפֿלוס אין אידישן לעבן. ווינטשעווסקי׳ס שריפֿטן וועגן דעם ענין זיינען דערפֿאַר אַזוי צייטמעסיק ווי מיט צען יאָר צוריק. צוליב דעם מאָטיוו האָב איך באַשלאָסן אויס־צופֿילן דעם באַנד פּובליציסטיק מיט ווינטשעווסקי׳ס אָפּהאַנדלונ־גען איבער דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, אַנשטאָט דער סאָציאַלער, וואָס ווערט ברייט אַרויסגערעדט אין די צוויי בענד פֿעליעטאָנען און טיילווייז אויך אין עטלאַכע אַנדערע בענד.

מער שוועריקייט האָט פֿאַראורזאַכט דער פּאָלעמישער כאַ־ראַקטער פֿון אַט־די שריפֿטן. זיי זיינען געווען געדרוקט קאַ־פּיטלענווייז אין צייטשריפֿטן און זיינען באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון צייטגעשעענישן און צייטפֿראַגן. האָט דאָרט ווינטשעווסקי אָפּטמאָל געמאַכט אַן אומוועג, צו ענטפֿערן קעגנער, מערסטנס אַזוינע גענאָסן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפֿ׳ן באָדן פֿון קאָריעריסטישער אַמעריקאַניזאַציע און תכלית־זוכנדיקער אַסימי־

www.libtool.com.cn

לאציע. אַט די סבות, באַזונדערס די לעצטע, האָבן צייטנווייז געגעבן ווינטשעווסקי'ס ווערטער א מער ריגאָריסטישן, עקסטרעמען אויסזען ווי ער האָט עס געהאַט בדעה. דערצו איז נאָך צוגע־קומען דער פאַקט, וואָס דער זיידע האָט אין די לעצטע פינף־זעקס יאָר רעווידירט א סך פון זיינע אַלטע מיינונגען און באַ־גריפן. באַזונדער שטאַרק האָט אויף אים געווירקט די רייזע איבער'ן סאָוועטן־פּאַרבאַנד, וועלכע האָט א סך געענדערט זיין שטעלונג צו דער נייער אידישער שול און זיין פּאָרשטעלונג וועגן דער צוקונפט פון דער אידישער שפּראַך און דער אידישער קולטור.

צוויי אויסוועגן זיינען געווען: ענדערן אָדער אויסלאָזן. נאָר כאָטש ביידע אויסוועגן האָבן געהאַט דעם זיידנ.ס הסכמה, האָב איך געזוכט ווייניק אויסצולאָזן און גאָרנים צו ענדערן. כ'האָב אויסגעלאָזן בלויז אזוינע שטעלן, וואָס זיינען ווידערהאָ־לונגען אָדער אפּווייכונגען פון עניין. כ'האָב זיך אָבער געהיט אויסצולאָזן עפּעס, וואָס קאָן ענדערן די איינגנטימלאכקייט פון זיינעם א געדאַנק. אין אזוינע פאַלן האָב איך בלויז דאָ און דאָרט צוגעגעבן אַן אָנמערקונג. אז דער זיידע האָט אין דעם אָדער יענעם פּרט געענדערט זיין מיינונג.

קלמן מרמר.

ניו יאָרק, 25טן סעפּטעמבער, 1927.

www.libtool.com.cn

# אַ יום־טוב

מיר פעלט אַ יום־טוב.

אָבער האָט, למען־השם, ניט קיין טעות. ווען איך זאָג: מיר פעלט אַ יום־טוב, מיין איך דערמיט ניט, אַז איך נויטיק זיך ציַיטנווייַז אין אַן עקסטרא יום־מנוחה; אַ טאָג פון רוה, אַ שטייַגער, חוץ מייַנע אידישע אָדער (צו זאָגן דעם אמת) די ניט־אידישע, די געזעצלאַכע שבתים און ימים טובים.

ניין, ניט דאָס. אויך דאַרף מען פאַרשטיין, פעלט מיר ניט קיין שום מאכל אָדער משקה וואָס פייַערטעג, ספּעציעל אונזערע אידישע, פלעגן געבן אין מייַנע יונגע יאָרן.

איך בין בכלל ניט קיין בעל תאוה אין וואָס איז שייך צו דאָס, וואָס קיצלט דעם גומען.

דער שבת׳דיקער קוגל: די פּסח׳דיקע כוסות לעבן די קנייד־לאַך: שבועות׳דיקער טייגעכץ מיט די אייערלע בלינצעס; ראש השנה׳דיקער האָניק מיט די פּירות אויף שהחיינו: ערב יום־כפּור׳דיקע כּפּרות: סוכות׳דיקע קרעפּלאַך: חנוכה לאַטקעס; פּורים׳דיקע המן־טאַשן, שוין גאָרניט צו ריידן פון די באָקסער פאַר חמשה־עשר בשבט און אַנדערע אַזעלכע דעליקאַטעסן, ווי, למשל, ווילנער „הייסע, זודיקע באָב־עס" פאַר אַ שלום־זכר, אָדער די ריעטשישניקעס פון דער אידישער סטאָליצע*) לכבוד שבת, אַ מאָלע וואָס...

איז אָט די אַלע זאַכן, וואָס גיבן דעם אידישן גומען דעם טעם פון יום־טוב, וואָלט איך אפשר נאָך עד היום געניסן מער אָדער ווייניקער גערן, אָבער דער עסער אין מיר מאָנט זיי ניט. עס איז רעכט יע און רעכט ניט. וואָס איז שייך צום מאָגן

*) הויפּשטאָט

www.libtool.com.cn



מיינעם, איז — רעדט מיט אים, קען ער אַט די אַלע געשמאַקע מאַכלים, משקאות און פּרוכטן גאַרניט פאַרטראַגן. ער איז אַ גרויסער יחסן ביי מיר, און אמת׳ער — איר וואָלט געזאָגט: אַ „רעגולער" — דיר־מיר־ניט־אָן, בעונותינו הרבים.

בקיצור, ניט דאָס פעלט מיר און ניט צוליב דעם בּיינק איך נאָך אַ יום־טוב.

וואָס־זשע דען? אַט וואַרט, וועל איך אייך זאָגן.

* * *

מיר פעלט דער יום־טוב גופא. ניט דאָס וואָס ער גיט, נאָר דאָס, וואָס ער איז.

מיר פעלט די אמת׳ע יום־טוב׳דיקע שטימונג, די דאָזיקע געהויבענע שטימונג, וואָס זעצט אין אייך אריין אַ נשמה יתירה און מאַכט אייך אויף אַ ווײַלע פּאָר אַ העכערן, אַ איידעלערן, אַ ריינערן מענטשן.

מיין אַמאָליקע נשמה יתירה איז אַזוי טויט ווי די אמונה אין שדים. די נשמה יתירה, וואָס זיצט אפשר איצט אין מיר, ניט מיר ניט דאָס, וואָס מיר פעלט.

ווען איך האָב איצט אַ טאָג רו, קומט דאָס צו גוט דעם גוף, ניט דער נשמה. דעם טאָג רוען זיך אָפּ מיינע הענט, פיס, אפשר דער מוח, אָבער דער גייסט גייט ענטוועדער אין הינער־פּלעט: אָדער אויף אַפּלייגער ערגעץ אין אַ ביכל. ער שלאָפט, אָדער ער חלומ׳ט, בעת איך אַליין — דער בעל־הבית זיינער — דרעמל, און גענעץ, און ציִ זיך, און גיי אַמאָל אַרויס אין גאַס, ווייל די שטוב איז אַזוי שרעקלאַך וואָכעדיק.

דעם ערב־יום־טוב, אָדער דעם פרייטיק־צו־נאַכט — ספּעציעל טאָקע דעם פרייטיק־צו־נאַכט פון אַמאָל האָב איך שוין לאַנג ניט.

און ווען מיין יום־המנוחה קומט אָן, זינגט ניט מער מיין האַרץ, ווי אַמאָל, בעת איך פלעג דערלאַנגען, אריינקומענדיק פון קבלת־שבת אין הויז, אַ ברייטן שלום עליכם, אַ ברייטן און האַר־ציקן, די מלאכים, די מלאכי־השרת, די מלאכי־עליון, זיי וואָס

www.libtool.com.cn



פלעגן זיין מיין לייב־גוואַרדיע אַלע נאַכט אויף מיין האַרטן גע־לעגער און פלעגן מיך איינשלעפערן אַזוי, אַז איך פלעג זיך פילן אַ סך זיכערער, ווי אַמאָל דער אַליינהערשער פון רוסלאַנד, אונ־טער דער השגחה פון זיינע קאָזאַקן מיט אַל־די־כלי־זיין אויף זיי.

מיין האַרץ זינגט ניט מער און דער קלאַנג פון גלאָקן געפינט ניט קיין אָפּקלאַנג אין אַ אידישע האַרץ, ווי גלייכגילטיק זי זאָל ניט זיין צו תקיעת שופר און צום קול פון׳ם שול־רופער.

און דער רו־טאָג קומט דערפאַר אַן קאַלט, וואָכעדיק, אַ שטיי־גער, קום־איך־ניט־היינט קום־איך־מאָרגן; דער גאַנצער עסק איז אַ קאַלענדאַר־פּראַגע און מען דאַרף אוועקלייגן די אַרבעט, מחמת אַזוי הייסט דער לוח־מאַכער.

די אַמאָליקע פייערלאַכע יום־טוב־שטימונג איז מער ניטאָ; די פונקען אין די אויגן זיינען אויסגעלאָשן, און קיין זאַך האָט דעם היזק ניט פאַריכט, דעם ריס ניט פאַרצווינגן, אַ נייע נשמה ניט אַריינגעזועצט.

* * *

און דער שפּאַס איז, אַז איך האָב איינגנטלאַך, אַנשטאָט די איינציקע אַלטע, דרייערליי נייע ימים טובים:

איך האָב די קריסטלאַך־געזעצלאַכע, — האָב זיי, צי איך וויל אָדער ניט.

איך האָב די פּאַטריאָטיש־אַמעריקאַנישע, און —

איך האָב די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע.

לאָמיר זיך צו די דריי מינים פייערטעג צורוקן אַ האָרעלע נעענטער און זיי באַטראַכטן.

איינגנטלאַך נאָר צו די לעצטע צוויי. פון די קריסטלאַך־גע־זעצלאַכע איז ביי אונז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ וואָס צו ריידן. אויב עס קען איבערהויפּט עפּעס געזאָגט ווערן אין דעם פּרט, איז דאָס נאָר, אַז די צוויי הייליקסטע פון זיי — קריסטמעס און איסטער — האָבן אַ שייכות מיט דער געבורט און דעם טויט פון אַ מאַן, וואָס זיינע דריי־און־דרייסיק יאָר לעבן אויף דער

www.libtool.com.cn



וועלט האָבן אונז אַריינגעבראַכט צוויי מאָל דריי־און־דרייסיק דורות פון מאַרטירערטום, און קיין סוף זעט זיך נאָך אַלץ ניט.

אַז אין זיי זאָל געפינען אַ נחת־רוח אפילו דער אַסימילירט־סטער פון אַלע ניט־גע'שמד'טע משומדים, גלויב איך ניט.

רו, געוויס. אָפּט נויטיקע רו, צי מען איז פון דער זייט אָדער פון יענער זייט נאַציאָנאַלע (ד. ה. ניט דוקא רעליגיעזע) אידישקייט. אָבער ניט מער. ניט קיין יום־טוב. אפילו ווען די קינדער האָבן אַ יאָלקע צו קריסטוס'עס געבורטסטאָג און זיי שטאָפּן זיך מיט „קראָס־באַנס" ערב איסטער. איז דאָס ניט קיין אמת'ער פייערטאָג, אפילו ניט פאַר זיי, דאָס הייסט, ווען איר פאַרגלייכט זייערע געפילן מיט די געפילן פון זייערע קריסטלאַכע חברים. אפשיטא שוין פאַר אונז.

דערפון, הייסט עס, איז אָפּגערעדט.

עטוואָס מער באַדייטונג האָבן פאַר מיר און פאַר אײַך די אַמעריקאַנישע „טאַבעלנע טעג", די פּאַטריאָטישע ימים־טובים. לינקאָלנ'ס געבורטסטאָג, וואַשינגטאָנ'ס; דעקאָריישאָן־דעי (ווידער לינקאָלן, אין תוך), פאָרט אָוו דזשוליי (ווידער אַמאָל וואַ־שינגטאָן), און די אַנדערע ימים טובים, פאַבריצירטע, ניט אויס־געוואַקסענע: אַן וואָרצלען אין דעם געשיכטלאַכן באָדן פון דעם לאַנד, אַן אַ דירעקטער שייכות מיט דער פאַרגעשיכטע פון נײַן־צענטל פון דער באַפעלקערונג.

הײַנט אַ שטייגער דאַנקסטו גאָט פאַר אַלץ וואָס ער האָט דיר געגעבן, אָדער געזאָלט געבן, אָדער געוואָלט געבן, מער נישט ער האָט דיר פאַרטיילט, ווייל דער עולם איז צו גרויס און די וואָס זיצן ביי די הינטערשטע טישן זעען זיך ניט, אָדער פשוט אַזוי זיך... פאַרטיילט: „טהענקסגיווינג דעי".

מאָרגן, ווידער, איז אַ יום־טוב „פאַר די אַרבעטער". כדי אַז די בערזענמעקלער און די באַנקירן און די אַנדערע קופּאָנענשניידער זאָלן זיך קענען אָפּרוען, בעת די זינגער־מאַשינען און די סוועט־שעפּער טיק־טאַקעווען מוזיקאַליש זייער געוויינלאַכן געזאַנג. אין

www.libtool.com.cn



רערזעלבער צייט פייערן די ארגאניזירטע ארבעטער אַן עקסטרא טאָג אַלס אַ צוגאָב צו די פינף חדשים סלעק אינ׳ם יאָר.

„טהענקסגיווינג דעי״! און טאַמער גלויבסטו ניט אין דעם קריסטלאַכן גאָט? און טאַמער קומט דיר גאָר פון גאָט עפּעס ארוים? נעוואר מאַינד! מען הייסט דיר ניט גלויבן, מען הייסט דיר דאַנקען, פרעג ניט קיין קשיות און דאַנק.

דאַסזעלבע בנוגע צום „לייבאָר דעי״. עס זיינען געווים דאַ מענטשן ניט־ארבעטער אויך. מיר האָבן דאָ אין ניו יאָרק, מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק געהאַט אַ קבצן, וואָס פלעגט פּרינציפּיעל ניט לייענען די „ארבעטער צייטונג״, ווייל — פלעגט ער זאָגן — איך בין גאָר ניט קיין ארבעטאָרער, איך בין גאָר אַ פּעדלער! און ער איז ניט דער איינציקער, אָבער עס איז לייבאָר דעי און דער קאָנגרעס האָט געהייסן פּריילאך זיין.

אָבער די היגע ימים טובים וואָס האָבן שוין יאָ אַ היסטאָרישע „פּאָדקלאַדקע״, קענען זיי דען מיר געבן דאָס, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט?

נעמט די פּערזענלאַכע פּייערטעג.

וואַשינגטאָן איז טאַקע געווען אַ גרויסער גענעראַל און לינ־קאָלן האָט באַפרייט די שוואַרצע. — אַזוי זאָגט מען און אין דעם איז זיכער דאָ אַ שטיק אמת.

אָבער קודם קען איך אַנדערע. מיר, פּערזענלאך, זיינען פּרענקלין און דזשעפערסאָן סימפּאַטישער ווי וואַשינגטאָן, און וואָס איז שייך צו לינקאָלן, וועלכן איך ליב באמת ובלב תמים, איז ער ביי מיר ניט קיין בן־יחיד. עס זיינען געווען אַנדערע, און פאַר אים. אַט, למשל, כאַטש וועגדעל פיליפּס, דער היגער נביא, דער גרויסער פאָלקס־טריבון, ניט צו פאַרקריכן אין צו ווייטע דרכים.

און חוץ דעם איז דער פּערזענלאַכער יום־טוב ניט קיין אידישע זאַך און אַפּעלירט צו אונז ניט. מיר האָבן ניט קיין משה־רבנו־טאָג, קיין עזרא־הסופר־טאָג. דער איינציקער טאָג, וואָס טראָגט

www.libtool.com.cn



ביי אונז א נאָמען פון א פּערזאָן. איז א תענית, א הונגער־טאָג, ווען מען אַרבעט, ווי א גאַנץ יאָר — דאָס איז צום־גדליה (אסתר תענית איז פון אַן אַנדער סאָרט).

נעמט די אַנדערע:

„דער גלאָררייכער פּערטעך"! נעווים א שיינער יום־טוב. אפּגעשאַקלט פון׳ם רוקן א פרעמדן יאָך און געוואָרן א פרייע, זעלבסטשטענדיקע אומה!

אָבער די פּראָזע דערפון!

א פּרעה, וואָס הייסט דזשאָרדזש, ווי יעדער פּאָרטער אין א פולמאַן קאַר! א יציאת מצרים אָן א הגדה (מען לייענט אַפּילו ניט, אַלס א מצוה, די דעקלערײישאָן אָוו אינדעפּענדענס!): א זמן־חירותנו עפּעס גאָר אָן א קריעת ים־סוף, גאָר אָן מכות, גאָר אָן נסים!...

אַמאָל האָבן מיר, דאָ אין ניו יאָרק, לכל־הפּחות געהאַט גע־פּערלאַכע „פייער־קראַקערס", און ביקסלאַך מיט אמת׳ע פּולווער, פייער און רויך. דאָס פּלעגט ביי אונז געבן דעם פּערטן דזשולייי א טעם פון דעם פּאַרצייטיקן „דם ואש ותמרות עשן". היינט איז דאָס אויך ניטאָ: פּאָליטישענס מאַכן „ספּיטשעס" און דער עולם שלאָפט, אָדער גייט זען א „בייסבאָל־גיים".

ווי פּראָזאַאיש דער עסק איז!

און די צרה איז, אַז טאָמער ווער איך על פּי סבה צוריק א איד, א פרומער איד, אַן אַמעריקאַנער פרומער איד, קריג איך מיין אַמאָליקן יום־טוב אַלץ ניט צוריק. די היגע אידישקייט, וואָס האָט א שטאָט אין א שול, און גייט אַהין ראש־השנה, יום־כפור, האַלטנדיק די קראָם אָפן שבת תשובה: די אידישקייט וואָס קויפט אין שול אַן עליה, אין דעם „אַקשען־סייל" אויפ׳ן באַ־לעמער און פאַרבייסט עס מיט אַן „אַקשען־פּינאַקל": די אידיש־קייט די היגע, וואָס עסט פּסח „מאַצאָטה", אַמאָל מיט א שטיקעלע הערינג, אַמאָל מיט א שטיקעלע דבר־אחר, — די דאָזיקע אידיש־קייט קען מיר מיין יום־טוב ניט מחיה מתים זיין.

www.libtool.com.cn



בלייבט מיר דער 18טער מערץ און דער 1טער מאי און דער 31טער אויגוסט.*)

לאזט מיר אפכאפן דעם אטעם. אט אזוי.

* * *

און איצט נעמען דעם ערשטן און דעם דריטן צוזאמען.

עס איז א גרויסער ספק ביי מיר, צי דער דורכשניטלאכער לעזער פון דעם היינטיקן דור ווייס נאך פון אזעלכע ימים טובים ווי דער 18טער מערץ און דער 31טער אויגוסט. אים דארפט איך ערשט זאגן, אז דעם מערץ־יום־טוב פלעגט מען פייערן אמאל אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, אלס דעם טאג, ווען די פאריזער קאמונע איז פראקלאמירט געווארן און ווען די רעוואלוציע פון 1848 האט אויסגעבראכן אין דייטשלאנד און האט פארכאפט כמעט גאנץ אייראפע, מער אדער ווייניקער.

אליין וועט ער, דער היינטיקער לעזער, זיך אפשר שוין אנ־שטויסן, אז דער 31טער אויגוסט איז דער טאג ווען פערדינאנד לאסאל איז געשטארבן. אבער אויסער אויב ער איז ווען־עס־איז געווען אין דייטשלאנד, וועט ער ניט וויסן, אז לאסאל'ס יארצייט איז ערגעץ־וואו געפייערט אלס א יום־טוב.

און דאך זיינען געווען אין מיינע יונגע יארן — אפילו נאך מיט א יאר צוואנציק צוריק — אזעלכע מערץ פייערטעג, וואס האבן איבערגעלאזן א רושם ביז'ן היינטיקן טאג. ווי אזוי דער ראזיקער יום־טוב איז כסדר געווארן ביליקער, פארבלאזער, אפ־געלעבטער, ביז ער איז ענדלאך פארשוואונדן הינטער'ן האריזאנט, ווי די זון גייט אונטער ווען איר טאג איז צו ענד, — ווי אזוי דאס איז געשען האב איך שוין אין קורצע שטריכן געשילדערט אין 1906.

דער יום־טוב איז אין אמעריקע אזוי גוט ווי פארגעסן, און דער איירישער סט. פאטריק'ס־טאג, וואס קומט אויס מיט א טאג

---

*) די ווערטער זיינען געשריבן אין 1916.

www.libtool.com.cn



פריער, איז זיכער פּאָפּולערער פאַר אים אפילו צווישן יונגע סאָציאַליסטן.

און קיין אמת'ן לאָסאַל־יאָרצייט האָב איך ניט געזען אַלס אַ יום־טוב, אַלס אַן אמת'ן יום־טוב, זינט איך בין אַוועק פון דייטשלאַנד אין 1879.

אמת, אין גרונד הארצן האָב איך דעם 31טן אויגוסט קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן, און אויב מען קען אַן אַ ציבור, אַן ווערטער, אַן פאָנען, אַן מוזיק־קאַפּעלן פייערן אַ יום־טוב, האָב איך ווייניק יאָרצייטן פאַרפעלט.

אבער ווי דאָס זאָל ניט זיין. אפילו ד ע ר טאָג האָט מיר ניט צוריקגעגעבן דאָס, וואָס מיר איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

נו, און דער ערשטער מאַי?

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב „געמאַרטשט“ אין דער ערשטער מאַי־פּראָצעסיע אין 1890 אין לאָנדאָן, און בין געווען אויף די פיס אין דער לעצטער, אַנומלט, דאָ אין ניו יאָרק. האָב ווייניק מאַי־ימים־טובים מחלל געווען אין מיין צייט. מיין „רע־קאָרד“ ביי דעם מלאך, וואָס פירט אויבן דעם סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן ספר־הזכרונות, דאַרף זיין ניט ערגער ווי דער רעקאָרד פון אַנדערע באַקאַנטע סאָציאַליסטן.

און דאָך... אַ יום־טוב אינ'ם פולן זין פון'ם וואָרט איז דער ערשטער מאַי פאַר מיר קיינמאָל ניט געווען.

קיינמאָל ניט. אפילו ניט אין דעם אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן.

דער „פּאַרוואָס“ דערפון איז אַ פילאָסאָפישער און פאַרלאַנגט אַ לאַנגן אַרטיקל פאַר זיך אַליין.

דאָ וועט גענוג זיין צו זאָגן פאָלגנדעס:

ימים־טובים קענען ניט ווערן דעקרעטירט. זיי קענען ניט ווערן געמאַכט. זיי זיינען ענטוועדער אַ זכר פאַר אַ גרויסער און עפּאָכע־מאַכנדער געשעעניש, אָדער זיי זיינען פון אָנהויב אָן טאָגעלנע טעג אַן אַ ווירקלאַכן אינהאַלט.

www.libtool.com.cn


צי זיי ווערן באשלאסן אויף א סאציאליסטישן קאנגרעס אין פאריז, אדער אין דעם פלוטאקראטישן קאנגרעס אין וואשינגטאן: צי דער ארבעטער יום־טוב רופט זיך מעי־דעי, אדער לייבאר דעי. — זיי שטאמען ניט פון דער געשיכטע, נאר פון עמיצענס מוח.

אלס ימים־טובים, וואס דארפן האלטן גרויסע מאסן — ניט בלויז יחידי־סגולה — באגייסטערט אין א געהויבענער שטימונג, זיינען אזעלכע פייערטעג טויט־געבארענע, אדער צום טויט פאר־אורטיילטע באשעפענישן.

איך קען פאלגן א באשלוס מיט די פיס, אבער אויב איך זאל עס טאן מיט'ן הארצן, מיט'ן גאנצן הארצן, מוז דאס זיין מער ווי א זאך, וואס אימיצער האט פארגעשלאגן, אן אנדערער האט אונטערשטיצט און א מאיאריטעט האט אנגענומען!

דער סך הכל פון די אלע דבורים איז: מיר פעלט א יום־טוב.

די אקטאבער־רעוואלוציע האט אריינגעגעבן א נייעם לעבעדיקן אינהאלט אין די אלטע צוויי ימים־טובים (פאריזער קאמונע און ערשטן מאי), און צוגעגעבן צוויי נייע (דעם טאג פון דער רעוואלוציע און לענינ'ס מעמאריאל), וועלכע באגייסטערן אין א געהויבענער שטימונג דעם זיידן אזוי גוט ווי זיינע איניקלאך. ער פילט אויך אמת יום־טוב'־דיק אינ'ם געבורטסטאג פון דער „פרייהייט" און אין אלע אנדערע נייע ימים־טובים פון דער רעוואלוציאנערער יוגנט.

www.libtool.com.cn

# א לשון

יא, מיר פעלט א לשון.

אין פלוג בין איך, דאכט זיך, גאר אלרייט. א מענטש מיט אלעמען צוגלייך, א מענטש מיט בירגער־פאפירן אין קאמאד, מיט א שטים ביי די וואלן, מיט א נאז־לויט אין דער אויסשפראך, מיט קיי־גומי אפט אין מויל, מיט א שיין ביסל שטאלץ אויף מיין צוויי־און־צוואנציק יאריקן אמעריקאניזם און מיט א נישקשה׳דיקע באקאנטשאפט מיט איבער הונדערט שטעט און שטעטלאך אין דער מדינה.

בין, וואלט איך זאגן, כמעט שוין א גאנצער אמעריקאנער. און דער „כמעט“ וואלט אייך פארקומען כמעט איבעריק, ווען איר וואלט ווישן, אז איך בין אויף דער עלטער געווארן א מענטש מיט א שטיקעלע ידיעה אין עניני „בייסבאל“, די ווינכטיקסטע זאך אין א מדינה, וואו יעדעס קינד, זיכער יעדער אינגל, ווערט נעבארן מיט א פילקע אין דער האנט, און ארייננקומענדיק אין דער גרויסער ווייסער וועלט, נאך איידער ער באוויזט זיך אויס־צורייבן די אויגעלאך, טוט ער א פרעג: „הו וואן?“ און טאמער איז ער א ניו יארקער און די „דזשאיענטס“ האבן דעם טאג גראד פארלארן, טוט ער זיך א פלוסקע אין דער מולטער וואסער, אז ארום אים ווערט א ים...

בקיצור, איך ווייס שוין וואס א „דיימאנד“ איז, א דיאמאנט, אדער ווי מיר זאגן: א דימענט, — וואס א דימענט איז דוקא אויף א גרויסער לאנקע; א דימענט, וואס מען קען ניט פארזעצן. און איך ווייס דעם גאנצן חושן־משפט פון „בייסבאל“: ווי מען וואַרפט און ווי מען כאפט (אין דערהיים אמאל פלעגט בלויז וואַרפן אין קדחת, בעת כאפן פלעגט דער רוח, דא ווערט „געפיטשט“ און „נעקעטשט“ אויף אז אנדער אופן): איך ווייס וואס „בייסעס“ זיינען, ווי מען קריגט זיי, ווי מען דערגליטשט זיך

www.libtool.com.cn



צו זיי, ווי מען גנב'עט זיי (אויף א האנאראוון אופן — ווי אייזנ־באנען, א שטייגער), ווי מען קלאפּט, טרעפט, טראסקעט, הרג'עט די פּילקע, ווי מען טרעפט איר אויפ'ן סאמע גאז (וואס זי האט ניט, אבער אזוי שטייט אין פסוק), ווי מען וויל דערגרייכן און מען דערגרייכט איר ניט, ווען דער ווארפער, המכונה „פּיטשער" איז מער בריה ווי דער שלאגער.

אזוי באהאוונט בין איך היינט שוין אינ'ם ענין, אז איך ווער אליין נתפּעל, ווען איך הער די יונגווארג רעדנדיק מכח דעם ווי אזוי דער און דער מעכטיקער שלאגער, פּילקע־קלאפּער (בעטטער, בלע"ז) האט אין נעכטיקן „גיים" געטאן נסים ונפלאות מיט זיין מעכטיקן קלאב, — א קלאב, לגבי וועלכן דער אמאליקער קלאב פון דעם געטער־זון הערקולעס מעג זיך באהאלטן, און לגבי וועלכן אפילו משה־רבינו'ס שטעקן, מיט וועלכן ער האט געשפּאלטן דעם ים־סוף, איז אזוי ווי א וויצקע, פון וועלכער מען מאכט ל"ג־בעומר־דיקע פייפלאך. משה רבינו! הערקולעס!! וואס זיינען זיי דא אין אמעריקע, וואס פאר א חשיבות האבן זיי לגבי די גבורים פון בייסבאל: ווען, הייסט עס, איך פארגלייכט זיי מיט א טירום ריימאנד קאב, דעם שטאלץ פון דזשארדזשיא, אדער מיט אנדערע אזעלכע העלדן, נאציאנאלע העלדן!

בין איך, דאכט זיך, שוין א גאנצער אמעריקאנער.

אמת, איך בין דא ניט קיין געבארענער בירגער. נו, דאס איז דזשארדזש וואשינגטאן אויך ניט געווען.

אמת, איך בין ניט קיין קריסט, אבער דאס איז יעזוס קריס־טוס אויך ניט געווען.

אמת, איך טראג נאך וואנצעס, אבער דאס טוט קייזער מארגאן דער צווייטער (פון וואל סטריט) אויך.

אמת, מיין ענגליש איז נאך א ביסל ספרים'דיק: איך קען נאך ניט זאגן: „איי סעז, סעז איי" (יא גאווארימ — גאווארימ יא): מיין אקצענט איז נאך אביסעלע בריטיש: מיין „ררר" א הארעלע אייריש; מיין וויץ, וואו עס ווארפט זיך אמאל דורך

www.libtool.com.cn



אזעלכער, ניט פריש פונ'ם וואָרעוויל־שאָו: מיין גאַנג אבּיסל מעשה ליטוואַק; מיין הוט איבּער'ן שטערן מעשה איד; מיין ידיעה אין הלכות־עטיקעטע נאָך שוואַכלאַך; מיין גאָלד פּאַרטאָן מער אין פעז־פאַנטאַנקעס ווי אין ציינער; מיין פּראַקטישקייט צווייפלהאַפט און מיין אַמאָליקע גרינקייט נאָך אַלץ ניט אַזוי גרינדלאַך אויסגעגעלט ווי די גרינקייט פון מאַי־בלעטער, ווען זיי דערלעבן דעם הערבּסט, ד. ה., ווען זיי דערלעבן דעם טויט, אַנ־שטאַט צו שטאַרבּן יונגערהייט, אפשר אַ מיתה־משונה דורך מענטשלאַכע הענט.

אמת, אמת, אמת! אָבער איך קען אייך ווייזן אַ סך מענטשן, וואָס זיינען ניט בּעסער פאַר מיר און קיינער צווייפלט פונ־דעסטוועגן ניט אין זייער אַמעריקאַנישער אַלרייטקייט. אדרבה, מען האַלט זיי פאַר פולקאָמענע בּלאָפערס.

און חוץ די אַלע מעשיות, איז דאָך דאָס, וואָס מיר רופן און וואָס די איינגעבּאָרענע רופן „אַמעריקע" אין תוך גאָר קיין מדינה ניט; די בּלומרשט־אַמעריקאַנער — גאָר קיין נאַציע ניט; דער לשון זייערער גאָר ניט זייערער, גאָר אימפּאָרטירט מעבר לים; דער אַקצענט אַ מישמאַש פון אַלע קלימאַטן און אַלע פינף ערד־חלקים. די אמת'ע אַמעריקאַנער — די רויטע אינדיאַנער — שטאַרבּן בּיסלאַכווייז אויס און די איצטיקע וועלן ערשט אַמאָל ווערן אַ פאָלק.

נאָך אַמאָל: אין פלוג בּין איך, דאַכט זיך, אַ מענטש מיט אַלעמען צוגלייך און דאָך...

און דאָך בּין איך עפּעס ניט קיין מענטש ווי זיי, מחמת איך האָב ניט קיין לשון ווי זיי.

מיר פעלט דער לשון.

ווען זייריידן ענגליש ריידן זיי זייער מוטער־שפּראַך. איך ניט.

קודם קען מען ניט האָבּן קיין מוטערשפּראַך, ווען מען האָט ניט קיין פאָטערלאַנד. און דערבּיי איז ניט וויכטיק צי מען פילט

www.libtool.com.cn



א ביינקשאַפט צו דעם הר המוריה, אָדער דעם אַלעקסאַטער באַרג, האַבנדיק (מיט אָדער אָן פינף סענט „קאַרפעיר") דעם ניו יאָרקער „מאַונט מאָרים", צי מען בּיינקט לחלוטין גאָר ניט, נאָך קיין זאַך ניט. דער פאַקט בלייבט, אַז מען האָט ניט קיין פאַטערלאַנד. דאָס לעבן אָבער אויפ'ן וועג, דער „היום כאַן ומחר בפלונגיאַן"־לעבן, קען ביי אונז מאַכן, אַז אין דריי דורות זאָל זיך אייער מאַמע־לשון דריי מאָל איבּערקוליעגען און אָננעמען אַן אַנדער פנים. דעם זיידנ'ס רוסיש ווערט אַמאָל מגולגל אין דעם זונ'ס דייטש און אַ דור שפּעטער אין דעם אייניקל'ס ענגליש.

דער מיטלסטער דור רעדט זיך צונויף מיט'ן זיידן, פון וועמען ער קומט אַרויס, און אויך מיט'ן אייניקל וואָס קומט אַרויס פון אים. ער רעדט און רעדט זיך צונויף, אָבער, ווי זאָגט היינע? „פראַגט מיך נור ניכט ווי!" און דאָס האָט ניט צו זאָגן, אַז ער רעדט שלעכט דעם לשון פון דער מדינה. פאַרקערט: ער איז אַפּט אויסלענדיש, ווייל ער רעדט גראַמאַטיקאַליש, ווייל ער האָט זיך נעבאַך געשטאַפּט מיט מעקאָליי און ראַסקין און וויליאַם מאָרים און שטייט ווי אַ האָן אין בני־אדם פאַר „איי'ל סאָוק יו אַ פּאַנטש אין דהי איי!"

און וואָס איז שייך צו מיר אַליין, איז די מעשה אַזוי:

איך פיל זיך אין דעם לשון. וואָס איך רעד, ווי מען פילט זיך אין אַ געליענעם מלבוש.

איר וועט זאָגן, איך זע ניט אויס „גרין" אין דעם בגד, וואָס איך טראָג: ער זיצט, דאַכט זיך, גוט אויף מיר, און אין פּאַכווע איז מיר גאָר ניט ענג, און דער רוקן איז ווי אויסגעגאָסן אויף מיר און איך באַוועג זיך אין אים אפשר לייכטער ווי אין די אַמאָליקע היימישע בגדים. קיינער, חוץ אַ גרויסער מבין אַ מקפיד, וועט ניט דערקענען, אַז דער בגד איז ניט מיינער, אַז ער איז גענומען אויף פּראָקאַט.

אָבער וואָס העלפן די קונצן: איך אַליין פיל, אַז דער ראָק איז ניט אויף מיר צוגעשניטן; אַז ער הענגט אויף מיר ווי אַ

www.libtool.com.cn



העגדזיק (פרעגט מיך ניט וואָס א הענדזיק איז, מיין מאַמע'ס ווערטערבוך איז היינט שוין א יקר המציאות), און אז מיר איז אפט צו לויז אין טאַליע און ניט ברייט גענוג אין די פּלייצעס, אָדער סתם ניט באַקוועם.

דאָס איז דער געפּיל, וואָס איך האָב כסדר בנוגע צו דעם לשון וואָס איך רעד.

איך מעג זיך דרייען און ווענדן ווי איך וויל, איך פיל רק, אז איך רעד א לשון אויף פּראָקאָט און אז איך צאָל דערפאַר מיט טויזנטער גרויסע און קליינע אומבאַקוועמלאַכקייטן.

אין דער ליטע, געדענק איך, האָט אַמאָל, א פּרוש, א גרויסער חקרן גע'טענה'ט, אז ווערליג ווי ביי אים קומט אויס, איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי די דייטשן, די ענדיקעס, רעדן זיך צוזאַמען.

„מילא, איך ווייס — האָט ער געזאָגט — מן הסתם האָבן זיי דאָך שוין אַזעלכע ווערטער ווי, מעלט אייך, „טיש", „ביינקל", „מעסער", „טעלער", „עפּל", ודומיהם. אבער, רבונו מריה דכולא עלמא! וואָס טוט אַזא דייטש, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, ווען ער וויל זאָגן לאַפּוקי!! ?"

פון דעם האָט מען (און איך אליין אויך) אין יענע צייטן פיל געלאַכט. און מיט רעכט: דער נאַרישער חקרן האָט ניט פאַר־שטאַנען, אז דעם דייטש פאַרוועלט זיך קיינמאָל אַזא זאַך ניט.

אָבער מיר?

מיר, מיט וועבסטער'ס גאַנצן „אוצר השרשים" אין מיר, ווילט זיך טאַקע — רעדנדיק דעם לשון פון דער מדינה — אָפט זאָגן „לאַפּוקי", און איך גיי אויס, איך וואָלט וועלן זאָגן „כל־בו'ניק" און „איפּכא מסתברא", און „א קשיא אויף א מעשה" און הונדערט אַזעלכע ווערטער, היימישע ווערטער, פון וועלכע יעדער האָט זיך זיין לאַנגן שלשלת היוחסין, אייניקע דערגרייכנדיק ביז הריסות ביתר, אַנדערע ביז גזירות ת"ח: ווערטער מיט קינ־דשאַפט איינגעשטאַכענע אין מענטשנפּעט: איינגעקריצט מיט דע־

www.libtool.com.cn



געגס אויף אידישעביינער: איינגעשריבן מיט אידנבלוט אויף פּאַרמעט, אויסגעגאַרבט פון אידנהויט. אָט זיי בעטן זיך אין מיין נייעם לשון, אין דעם היגן אַנגלאָ־זאַקסישן, נאָרמאַן־פרענקישן זשאַרגאָן אַריין, וואָס מען רופט ענגליש. די אַלטע ווערטער מיינע פּאַסן זיך ניט צו, זיי קענען זיך ניט אַסימילירן אין דעם גרויסן אוצר פון היגע ווערטער, און מיר שטייען זיי אין האַלז, אַפּט ווי טרערן, וואָס לאָזן אייך ניט רעדן, און איר קענט זיי ניט אַראָפּ־שלינגען.

א קליינינקייט דער „לאַפּוקי אַבער!" דעם דייטש פעלט ער טאַקע ניט, מיר אַבער פעלט ער, און דאָס ניט סתם ווי א וואָרט פון זעקס אותיות, ווי, למשל, געלט איז א וואָרט פון פיר.

ביי מיר איז ער א טייל פון דעם אידישן לעבן, דורך פיל, פיל דורות, א טייל פון מיר אליין, אַן אינטעגראַלער טייל פון מיין אייגענעם איך.

„לאַפּוקי אַבער!" שטייט פאַר מיינע אויגן אין דער גע־שטאַלט פון אַן אויסגעשטעלטן גראָבן פינגער, אויסגעשטעלט צום הימל צו, אַרויסקומענדיק מיט א מין שמערץ־געשריי פון א קראַנקער ברוסט, אין א דומפּיקן בית־מדרש, וואו די נשמה וואַקסט אויף דעם חשבון פונ'ם גוף, וואו די תענוגים פון עולם־הזה גייען א כפרה פאַר דעם חלק שור הבר, מיט די מאַרינירטע שטיקעלע לויתן, מיט'ן קעלבעלע יין המשומר, ווען מען וועט אויפ־שטיין תחית המתים. אין דעם בית המדרש, וואו דער קרעכץ איז א טאָן, און דער זיפץ א ניגון, און דער יאָמער־קול א נאַטירלאַבער אויסגוס פון אַן אַנגעוויטאַקטע לערנער־האַרץ.

דעם „לאַפּוקי" אונזערן, אים מיט אַלע זיינע חברים אין דעם אידישן גלות־לעקסיקאָן, זע איך פאַר מיינע אויגן ווי סימבאָלן, ווי וואַנדערנדע מצבות אויף דעם בית עולם, וואָס מיר רופן בית חיים. ווייל איך דאָס איבערגעבען מיינע מיטמענטשן אַרום מיר, איבערגעבן אין זייער לשון, און קען ניט.

www.libtool.com.cn



רעדנדיק אַלעמענס לשונות חוץ דעם אייגענעם, בין איך אַ מענטש אָן אַ שפּראַך.

מיר פעלט, הייסט עס, אַ לשון, ווי מיר פעלט אַ יום־טוב, ווי מיר פעלן די אַנדערע זאכן, ארום וועלכע מיר וועלן נאָך רעדן.

1916.

www.libtool.com.cn

## אַ פּאַטער

מיט יאָרן צוריק — אין מיין עלטער קומט אַלץ אויס „מיט יאָרן צוריק", אַמאָל זאָגאָר „מיט יאָרן און יאָרן צוריק" — איז אין ווילנע געווען אַן אויפגעקומענער סוחר, אַ לומפּנהענדלער, מיט'ן נאָמען איציק זאַק. דער מאַן, אַזוי ווייט ווי איך געדענק, איז געווען אַ קלוגער איד, מיט אַ פּאָר קליינע שפּיציקע אויגעלאַך און אַ סאָלידע, האַרטע האַרץ — איינע פון יענע הערצער, וועלכע דער בוחן לבבות אַליין פּרובירט אוים מיט רענטגענשטראַלן, כדי זיי ריכטיק אויסצופאָרשן. געגאָלטן האָט דער בעל דבר פּאָר אַ קמצן, אָבער אַן ערלאַכן מאַן, און... נאָר דאָס איבעריקע קען איך ווייניק וואָס אָנגיין און מיר קענען גלייך קומען צום עיקר.

איין טאָג בין איך, כמעט נאָך אַ אינגל, צוזאַמען מיט אַ נע־ וויסן פּומפּיאַנסקי געווען ביי דעם דאָזיקן איציק זאַק מיט אַ געשעפט־וויזיט. כדרך הטבע איז פּומפּיאַנסקי, ניט אין דער ערד עלטער פאַר מיר, געווען דער ריידער.

אין דער צייט, וואָס דער שמועס איז אָנגעגאַנגען, איז אין אַווינקל לעבן אונז געזעסן ביי אַ טישל אַן אַלטער איד, ווייט אין די זיבעציקער אַריין, און האָט געגעסן. דאָס טוענדיק כמעט אַזוי שעמעדיק ווי אַן אָרעם־בחור, וואָס איז נאָך „גרין אין די ביזנעס", און אויסזעענדיק מער ווי א איד, וואָס ריכט אָפּ גלות, איידער אַ מענטש, וואָס עסט אָנבייסן מיט אַ דאַנק פאַר גאָט'ס גאָב און האָט דערפון הנאה.

איציק האָט אַלע ווײַלע אויף אים אַ בלישטש געטאָן זיינע אויבנדערמאָנע קליינע אויגעלאַך, אפשר טאַקע מיט דער כוונה, אַז זייער שפּיציקייט זאָל דעם אַלטן „דאַרמאָיעדניק" — ווי די אויגן האָבן זיך אויסגעדריקט — געבן אַ שטאָך פון צייט צו צייט.

ענדלאַך, פאַר וואָס פאַר אַ חטא ווייס איך ניט, האָט הער זאַק פּלוצלונג אין גרימצאָרן אויסגעשריען:

www.libtool.com.cn



„טאַטע, גענוג! קלייב זיך אַרויס פון דאַנען! אַרויס מיט די ביינער און שטעל פיס!״

פאַרשטייט זיך, איך וואָלט היינט ביי באָרד און פּאות ניט שווערן, אַז דאָס וואָס איציק זאָק האָט געזאָגט צו זיין טאַטן איז געווען וואָרט פאַר וואָרט אַזוי ווי איך האָב עס דאָ איבערגעגעבן. איך וואָלט אויף דעם אַפילו ניט מאַכן קיין אַפידייווויט ביי אַ „פּובליטשנעם נאָטאַריוס״, דאָס הייסט, ביי איינעם פון די טויזנטער ניו יאָרקער „אָפיס־באָיס״, וואָס טראָגן געזעצלאַך דעם שטאָלצן טיטל.

אָבער אומגעפער אַזוי האָט זיך הער זאָק אויסגעדריקט.

פּומפּיאַנסקי, ניט ווייניקער ווי איך אַליין, איז געווען סקאַנ־דאַליזירט. פּומפּיאַנסקי, פאַרבייגייענדיק, האָט אַ קורצע צייט פריער געהאַט פאַרלאָרן זיין פאָטער.

„ר׳ איציק — האָט מיין פריינט געזאָגט, רעדנדיק מיט אַ קאָוונער אַקצענט און אויסרעדנדיק יעדן שין ווי אַ סמך — ר׳ איציק, ב׳לעבן, דאָס איז ניט סיין, זייער ניט סיין!„

יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האַלב פאַרוואונדערט, וואָס ער מישט זיך אין פרעמדע עסקים, האַלב אין כעס, וואָס מען מאַכט דאָ אַ וועזן פון אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט... ער וואָלט זיכער מיין פריינט גוט אָנגעזידלט, נאָר מיר זיינען צו אים גע־קומען פון קאָוונע קיין ווילנע ניט אים מבקר חולה צו זיין, אָדער אַ שידוך צו רעדן, נאָר צוליב מסחר און אים איז געשטאַנען צו מאַכן פון אונזער בעל־הבית שיינע עטלאַכע צענדליקע קאַרבאָ־וואַנצעס ריוח און הער זאָק האָט זיך באַנוגנט מיט דעם איינגע־האַלטענעם ענטפער:

„אייך, פּומפּיאַנסקי, איז גוט צו רעדן: איר האָט ניט קיין טאַטן!״

זינט יענעם טאָג האָט זיך רוסלאַנד געשלאָגן צוויי מאָל מיט׳ן טערק, איינמאָל מיט יאַפּאַן, אַ סך מאָל מיט דער דעה, צי וואָלט ניט געווען כדאי זיך צו נעמען צום דייטש, ביז דער דייטש האָט

www.libtool.com.cn


זיך גענומען צו רוסלאנד. היינט איז דער מסחר מיט קאָדרעס און ביינער אין גרויסע הענט, מחמת ביינער וואַלגערן זיך אין ליטווישע גאַסן און קאָדרעס טראָגן היינט די גבירים פון יענער צייט, און פּומפּיאַנסקי, אויב ער לעבט נאָך, איז אפשר אַ מיסטער פּאָמפּ ערגעץ־וואו אין וויסקאָנסין, אָדער אָהייאָ, בעת איציק זאַק האָט זיך מסתמא שוין לאַנג איבערגעבעטן מיט זיין טאַטן פון יענער זייט מעבר יבוק, דאָרטן אין דעם עולם האמת, ווי מען רופט די וועלט, וואו מען זאָגט ניט קיין ליגן — און מען איז אויך ניט גראָב צום טאַטן — ווייל מען קען פּשוט קיין מויל ניט עפענען.

אַ דור איז אַוועק און אַ דור איז געקומען זינט יענער צייט, און די אַלטע מעשה'לע ווערט דאָ דערציילט קודם צוליב דעם ענין, אַרום וועלכן מיר רעדן דאָ איצט, און חוץ דעם צוליב אַן אַנדער ענין, וואָס וועט קומען, פאַר'ן עולם מיט דער צייט.

אין דעם דאָזיקן אויגנבליק מוזען מיר די מעשה'לע לאָזן אַן אַ זייט און זיך פּאַרקירעווען אויף אַן אַנדער וועג צו דעמזעלביקן אָרט.

---

ווי מיר פעלט אַ יום־טוב, און אַ לשון, אַזוי פעלט מיר אויך אַ טאַטע.

איך רעד דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט דערפון, וואָס איך האָב אין 1888 פאַרלאָרן דעם פאָטער, וואָס איך האָב געהאָט די זכיה צו האָבן. אַזאַ פאָטער ווערט ניט לייכט פאַרגעסן, און מיר וועט ער פעלן אַזוי לאַנג ווי איך וועל אַליין בלייבן „אַביוואַטעל" פון דער דאָזיקער וועלט, כל זמן איך וועל־ צאַלנדיק אָפּגאָב דעם לעבן. האָבן ליכט פאַר די פענסטער אין מיין קאָפּ, און לויפט פאַר די לונגען, און די ביסעלע ליבע, לוסט און לאַבונג, אויף דער עלטער, וואָס מאַכט מעגלאָך, אַז דאָס האַרץ זאָל ניט פּלאַצן, צווענדיק אַל־די מעשים תעתועים, וואָס די זאַגענאַנטע מענטשהייט טוט היינט אָפּ אַלע ליבע טאָג.

www.libtool.com.cn



אבער ניט דערפון רעד איך. מיר פעלט ער אין אַן אַנדער זין. ער פעלט מיר, ווייל אין ♣טיך האָב איך, דאַכט זיך, קיין פאַטער ניט געהאַט, אפילו ניט ווען ער, וועלכן איך האָב אַזוי היים געליבט, האָט נאָך געלעבט.

ביי די אומות העולם איז דזשאָן דזשאָנס, דער עלטסטער זון פון דזשאָן דזשאָנס. ווען דער אַלטער האָט נאָך געלעבט איז דער זון געווען דזשאָן דזשאָנס דזשוניאָר (דער איינגערער), בעת יענער איז געווען דער עלטערער, דער סיניאָר. דער זון איז איצט אַ טאַטע פון אַן אַנדער דזשאָן דזשאָנס, און אַזוי וועט עס גיין פון דור צו דור, ווי עס איז געגאַנגען אין די פריערדיקע דורות.

אַזוי פירט זיך ניט ביי אַלע פעלקער, אָבער אויב אַ זון ירשנ׳ט ניט דעם פאַטער׳ס נאָמען און „פּריזווישקע“, ירשנ׳ט ער זיין „פריזווישקע“ אַליין, און חוץ דעם זיין אמונה, זיינע מידות, זיין וועלט־אַנשויאונג, אַפּט זאָגאַר זיין פּראָפעסיע.

עס פּאַסירט, נאַטירלאַך, ניט זעלטן, אַז ווען דער טאַטע איז געווען אַ שמיד, איז דער זון אַ שטאָל־פאַבריקאַנט; אַז דער זון גייט ניט אַזוי אָפט אין קירך, ווי עס פלעגט גיין דער פאָטער; אַז דעם אַלטנ׳ס גוטסקייט אָדער שלעכטסקייט דריקט זיך אויס ביים זון אויך אַן אַנדער אופן: אַז דער איז אַ „בולמוזער“, וואו יענער איז געווען ענטוועדער אַ רעפּובליקאַנישער „סטענדפעטער“ אָדער אַ „מאַגוואַמפּ“ און אַזוי ווייטער.

דאָס הייסט אָבער נאָר, אַז אין דער לאַנגער קייט פון דורות איז איין רינג פון דער קייט אַ האָרעלע בלאַנקער ווי די אַנדערע, עטוואָס מער צוקראַצט, אפשר על פי סבה אַביסעלע גרעסער, אָדער וויניקער קיילעכדיק. די קייט איז אָבער גאַנץ אַלם אַ קייט און דער לעצטער רינג איז ניט בלויז פון דעמזעלביקן מעטאַל, נאָר אויך פון דעמזעלביקן סאָרט, פאַבריצירט פון דעמ־זעלביקן בעל מלאכה, אין דערזעלבער קוזניע, אין דערזעלבער היץ, מיט דעמזעלביקן בלאָזאָק און אונטער דעמזעלבן האַמער, אַרויס־קומענדיק פון דעמזעלבן פורעם.

www.libtool.com.cn


איין דזשאַן איז ווי דער אַנדערער. ניט מער ווי אַ שפּאַן צייט און דער שטענדיקער פּאַרטשרעט שיידט זיי פאַנאַנדער, און דזשאַן דזשוניאָר האָט דזשאַן סיניאָר פאַר אַ פאַטער.
איך ניט.

מיר האָט געפעלט אַזאַ מין פאַטער מיט יאָרן פריער, איידער דער קלוגער, סימפּאַטישער, דענקנדער, ערלאַכער מאַן, וועלכן איך האָב אין מיין קינדהייט גערופן טאַטע, האָט זיך געזעגנט מיט דעם לעבן.

איך האָב צו פערצען יאָר געקערט דעם רוקן צו זיין מזרח־וואַנט. האָב געזאָגט שקע תשקצנו פאַר זיין בית־המקדש, געמאַכט חוזק פון זיין חורבן, געשפּילט זעקס־און־זעכציק אויף זיין מזבח, געוויזן אַ פייג אונטער אַ דעכעלע זיינע כהנים, זיינע לוויים, זיינע כלי־קודש אין מענטשנגעשטאַלט.

איך בין געוואָרן זיין היפך, זיין געגנזאַץ, זיין געגנער, זיין שונא — ליב ווי איך האָב אים געהאַט.

אביי ורבא זיינען פאַר מיר געוואָרן ווילדע בטלנים, און שמאי והלל קלויזניקעס, וואָס קענען ניט דורכקומען, און בעת־מעשה איז מיין נשמה געווען אין דער תורה פון טשערנישעווסקי און פּיסאַרעוו, אין דער מחלוקת צווישן היינע און בערנע, אין דעם סכסוך צווישן לאַסאַל און שולצע־דעליטש.

וואָס נעענטער איך בין געקומען צו קאַרל מאַרקס, אַלץ ווייטער בין איך אַוועק פון משה רבנו, מיט זיין תורה, מיט די נביאים, מיט אַלעם מיט אַנאַנדער.

און דער מדרש איז מיר געוואָרן אַ טריף־פּסול, בעת איך האָב זיך געלאַכט מיט באַבא יאַגאַ; די מעשה מיט חוני המעגל, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ זיבעציק־יאָריקן שלאָף, איז פאַר מיר געווען אַ ווילדער משונה׳דיקער ליגן, בעת איך האָב געקליבן נחת פון דער שיינער לעגענדע פון ריפּ וואַן ווינקל, ווי וואַשינגטאָן אירווינג דערציילט זי, מיט זיין שלאָף פון צוואַנציק יאָר.

www.libtool.com.cn



און מיט באגייסטערונג האב איך זיך געגראָבן און געגריבלט אביסל אין דעם רוימישן רעכט, און מער אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע, און אין דער רוסישער געשיכטע, און אין די ליידן פון פוילן, און אין דער אונטערדריקונג פון אירלאַנד דורך ענג־לאַנד; בעת מעשה אפּלאַכנדיק פון מיין טאַטנ׳ס שור שנגח את הפרה, פון מטטרון און דיקרנוסא אין זיין מחזור, פון די מעשה מיט די אבות און פון יציאת מצרים. פון די עשרה הרוגי מלכות (ווייל זיי זיינען גאָר ניט געשטאָרבן אויף אמאָל), פון אידישע פיינהיים לגבי דעם צארישן קנוט.

און וואָס א יאָר מער, אלץ ווייטער און ווייטער איז פון מיר אוועק מיין פאָטער, אלץ ווייניקער און ווייניקער בין איך געוואָרן זיין זון, אלץ העכער און דיקער און מורא׳דיקער איז אויסגעוואַקסן די מחיצה צווישן אונז, אלץ מער און מער האָב איך געפילט, אז דער „אלטער", וועלכן איך האָב נאָך אלץ האַלט געהאַט אין א שיעור, איז ניט מער ווי א מענטש, וואָס האָט געהאַט א צופעליקע שייכות מיט מיין געבורט, אָבער אז מיין אמת׳ער פאָטער איז גיכער פעטער לאַווראָוו ווי דער מאַן, וואָס האָט אמאָל געפּראַוועט מיין שלום־זכר.

און טאַמער פעטער לאַווראָוויטש לאַווראָוו אויך ניט, האָב איך גאָר קיין טאַטן ניט.

---

און יאָרן זיינען אוועק.

ביסלאַכווייז איז די השכלה אויסגעגאַנגען מיט די כחות און האָט אָנגעהויבן צו גוסס׳ן. איר טאָכטער, מאַמזעל אַסימילאַציע, געבאָרן מיט א נערוועזע הארץ און מיט אלע צייכנס פון לאַנג־זאַמע אויסצערונג, האָט גענומען גיין באַרג אראָפּ, צום בּרעג צו פון דעם לעטוס־טייך פון דער וועלט־געשיכטע, — דעם טייך, וואָס נעמט אריין אין זיך און מאַכט פאַרשווינדן א סך בריליאַנ־טענע און אויפ׳ן ערשטן בליק דויערהאַפטע זייפנבלעזלאַך, אויב

www.libtool.com.cn


זיי פלאצן ניט אין דער לופט, איידער זיי קענען קומען צום תהום.

און נאך יארן זיינען אוועק.

און דער „גלגל החוזר" האט זיך א לעצטן דריי געטאן, און איך אליין בין טריטווייז און ביסלאכווייז צוריקגעקומען צו מיין אייגענעם מקור, צו דעם פונקט פון וואנען איך בין ארויסגעפארן, צו מיינע יוגנט־יארן, צו יענע דרייציגסטע יאר, ווען איך האב גע־שריבן, און געזונגען, און גע׳דרש׳נט אין דעם לשון פון די נביאים, און די אנשי כנסת הגדולה, און די משנה, און אביסל זאגאר דעם לשון — אייגנטלאך זשארגאן — וועלכן די גמרא האט גערעדט.

און אין מיין לעבן קומט אריין עפעס אזוי ווי א נייער פרילינג, ניט אבטנדיק אויף פרידריך שילער׳ס מיינונג, אז „דעם לעבנ׳ס מאי בליט איינמאל און ניט מער".

אמת, דער שטראם פון מיין לעבן פליסט ראש אין דעם גרויסן אלגעמיינעם מענטשהייט־ים אריין, און דער קוואל, פון וואנען מיין לעבנס־שטראם קומט, ווערט שוואכער און שוואכער, און איך וויים, אז טאמער ווערט דער דאזיקער קוואל דורך א צופאל פארשאטן, אדער דורך אן אנדער סיבה אויסגעטריקנט, ווערט דער גאנצער פלוס מיינער פארשלונגען אין דעם אייביקן אקעאן און מיין מזמור איז אפגעזונגען, און איך — דורך מיין גאנצן לעבן אין א מינאריטעט — בין ענדלאך אין דער גרויסער מערהייט...

געוויס וויים איך דאס. אבער די יוגנט מיינע קומט צוריק ארויף אויף דער פאנטאסמאגאריע, דעם וואנדל־בילד, פאר מיר. און איך באגיי מיין באקאנטשאפט מיט ישעיה בן אמוץ און מיט מיכה המורשתי, מיט הלל הזקן און מיט ר׳ יוחנן בן זכאי, מיט דער אידישער געשיכטע און דער אידישער לעגענדע, מיט דעם חומש, וועלכן איך קען איצט לייענען דורך די שפאקולן, וואס די מאדערנע ביבל־פארשונג האט פאר מיר געשליפן און מיט דעם מוח, וואס דער אלטער מארקס האט א הארעלע אויפגעקלערט.

www.libtool.com.cn



איך ווער א איד. צוריק א איד. דאָס שוואַכט ניט אָפּ מיין אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, דאָס פאַרשטאַרקט אים, מחמת א ניט־איד־און־ניט־גוי, מחמת א סתם־מענטש, קען אפילו אַן אמת'ער סאָציאַליסט ניט זיין. א כלומרשט אַמעריקאַנער, א כלומרשט פראַנצויז קען בלויז זיין א מיטגליד אין א כלומר׳שט־אינטערנאַציאָנאַל, און קען דאַרטן בויען א צוקונפט אַן א פונדאַ־מענט, מיט ווענט פון פּאַפּיר און א קונציקן שפּינוועבס־באַלדאַכין פאַר א דאַך.

דער עיקר איז: איך ווער א איד. אין דעם קומענדיקן אַרטיקל וועט זיין א גענויערע אויסמאָלן דעם בילד אביסל ברייטער און מיט העלערע פאַרבן. וואָס איך בין דאָ אויסן איז אָט וואָס:

צוריק, אין א מזל'דיקער שעה, אין דער אַלטער היים! דער תנ"ך צוריק אויפ'ן טיש, מיט א נייעם פירוש, אָבער דער אַלטער תנ"ך. און איך לייען ווידער (און לאָב זיך דערמיט), א קאַפּיטל תהלים, און א פּרק משניות, און אמאָל זאָגאַר א בלאַט גמרא. בעת מעשה טראַכטנדיק פון וואַנען האָט זיך גענומען אונזער מעשה בראשית...

און איך שלאָף איין מיט דעם בילד פון אויגוסט בעבעל פאַר די אויגן, ווי ער באַגריסט די אומקלאָרע געשטאַלט פון ר' חוצפית המתורגמן, דעם גרויסן מאַן, וואָס זיין מיתה משונה האָט דאָס געמאַכט אלישע בן אבויה פאַר אַן אפּיקורס...

א איד, ניין? א איד! א פאָלקסמענער איד!

האָב איך איצט צוריק מיין פאָטער? האָב איך אים ענדלאַך צוריקגעוואונען?

ניין, איך בין פון אים ווייטער ווי אמאָל. מיין אידישקייט איז ניט זיינע, מיינע געדאַנקען, מיינע שטרעבונגען, מיינע האָפ־נונגען, מיין ליבע און מיין האַס זיינען ניט זיינע. דער תנ"ך טיילט מיך היינט מער אָפּ פון אים, ווי אמאָל די אפּיקורסות.

דזשאָן דזשאָנס דזשוניאָר האָט א פאָטער, ווייל ער איז די

www.libtool.com.cn



פאַרזעצונג פון זיין אַלטן, ווי דער דאָזיקער איז דער המשך פון דעם זיידן. איך ניט.

קום איך אריין אין א סכסוך מיט מיסטער דזשאָונס וועגן, כאפּט אייך אָן, פּאַטריאָטיזם, רעליגיע, אָדער אַנדערע אַזעלכע זאכן, הער איך אים זאָגנדיק מיט אַנדערע ווערטער דאָס, וואָס איציק זאַק האָט געזאָגט צו פּומפּיאַנסקי'ן:

„אייך איז גוט צו ריידן. איר האָט ניט קיין טאַטן!“

סומא סומאַרום: מיר פעלט א פאָטער.

.1916

www.libtool.com.cn

## קינדער

מבינים אויף מענטשלאַכע נעפילן האָבן מסתמא באַמערקט, אַז איך ווייזנדיק, ווי אַזוי מיר פעלט אַ פאָטער, האָב איך זיך ניט בלויז אָנגעטאָן אַ כוח, נאָר אויך יסורים. ניט מיט אַ לייכטן הארצן זאָגט אַ מענטש, אַפילו איינער וואָס איז אַ סך ווייניקער סענטימענטאַל ווי דער וואָס רעדט דאָ צו אייך, אַפילו איינער וואָס קען זיך ניט אויפרעגן ביז טרערן, זיך דערמאָנענדיק אָן זיין פאָטער 28 יאָר נאָך זיין טויט, — הייסט עס, ניט מיט אַ לייכטן הארצן זאָגט אַפילו אַזאַ מענטש: איך האָב פארלאָרן מיין פאָטער נאָך איידער ער איז געשטאָרבן...

איך האָב פיינט משומדים. אין יעדן פאַל, וואו איך האָב געזען אַ משומד — מיט איין איינציקער אויסנאַם — האָב איך געזען אַ מענטשן, וואָס איך האָב ענטוועדער געהאַסט, אָדער פאַראַכטעט.

אָבער בעת איך האָב פארשטאַנען, ווי אַזוי אַ מענטש קען אָפּטריניק ווערן זיין גאָט און זיין פאָלק און זיין אמונה, ווייל ער מוז דאָך דאָס אַלץ האָבן ווען ער בייט דאָס אוים אויף אַן אַנדער גלויבן; בעת איך האָב פארשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט דאָס געטאָן צוליב אַ שיינע מיידל, צוליב אַ לייכטע פרנסה, צוליב די „סיטיזענשאַפט" אין מאָסקווע, צוליב אַ שטול אויף אַ קאַ־טעדרע אין אַ רוסישען אוניווערזיטעט, צוליב דעם ראַנג פון אָפיצער אין דער אַרמיי, אָדער דעם טשין פון קליוטש־וואָיט אין וועגדזענאַלע, — בעת איך האָב דאָס לייכט פארשטאַנען, האָב איך ניט געקענט באַגרייפן, ווי אַזוי אַ מענטש קען זיך אָפּזאָגן פון אַ טאַטן, ווען צווישן טאַטעס גיט זיך איין אַזוינער ווי מיינער.

ווי מען זעט, האָט מיר געקאָסט געזונט און אַ גרויסע אַנ־שטרענגונג אייך צו זאָגן דאָס, וואָס איך האָט געלייענט אין דעם לעצטן קאַפּיטל.

www.libtool.com.cn


טאָמער אָבער האָב איך פּונקט געוועזן אין מיין פּאַטער׳ס כּבוד, וועל איך זיך באַשטראָפן. איך וועל אייך ווייזן איצט, אַז מיר פעלן קינדער ניט ווייניקער ווי אַ פּאַטער. הגם איך האָב זיי.

ווען מיינע קינדער זיינען געווען קליין, האָב איך וועגן זיי אַ לידעלע געזונגען, אָנהויבנדיק מיט די ווערטער:

„איך האָב אַ פּאָר טייבעלאַך שיינע,
זיי זיינען אַ ער און אַ זי,
זיי וואָלטן אַ דיכטער ווי היינע
פאַרזאָרגט מיט אַ סך פּאָעזי...

און אויסלאָזנדיק דערמיט, אַז איך קען ניט צופיל טראַכטן אַרום מיינע אייגענע, ווייל איך זע כּסדר די ערטער —

„וואו עלנטע קלייניגקע טייבעלאַך,
אָן וועלכע אַ יעדער פאַרגעסט,
מיט שוואַכינקע, שמוציקע לייבעלאַך
פאַרקומען אָן פוטער אין נעסט.“

און דאָס איז געווען אמת.

וואָלט איך אודאי זאָגן, אַז אויב קינדער, ווי מיינע, זיינען ניט פאַר מיר דאַסזעלבע, וואָס דזשאָונס דזשוניאָר איז פאַר דזשאָונס סיניאָר, איז דאָס דערפאַר, ווייל איך האָב ווי דער ער פון דעם טויבן־פּאָר אין קרילאָוו׳ס פאַבל — אָדער איז דאָס ביי אים די זי? איך געדיינק ניט — זיך מער מתעסק געווען מיט פרעמדע נעסטער ווי מיט דעם אייגענעם.

ניין. אָבער איידער איך גיי ווייטער לאָמיך אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל זאָגן, ערשטנס, אַז דאָ פאַר אונזער ענין איז ניט וויכטיק ווער און וואָס מיינע קינדער זיינען; צווייטנס, אַז זיי זיינען ניט ערגער און ניט בעסער ווי דער דורכשניט פון יונגע מענטשן אין זייער עלטער און אין זייערע אומשטענדן, און

www.libtool.com.cn



דריטנס, אַז, פערזענלאַך, האָב איך צו זיי קיין תביעה ניט און זיי, דאַכט זיך, זיינען מיט מיר צופרידן.

און מכח פּאַרלאָזן דעם אייגענעם נעסט איז דאָס ניט קיין אויסנאַמס־פאַל. ווער עס האָט ניט אַ יוניאָן, אַ לעקטשור, אַ פּאַרטיי־מיטינג, אַ קאָנפערענץ, אַ ליטעראַרישן אָוונט א. אַז. וו., האָט אַ לאָדזש, אַ פינאַקל־פּאַרטי, אַ תנאים, אַ ברית, אַ חתונה, אַ „גיים" און אַזוי ווייטער. עס איז בדרך כלל ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער פּאָטער האָט (יעדנפאַלס דאָ אין אַמעריקע) דעם קלענסטן חלק אין דער דערציאונג פון דעם קינד. יעדער חבר אָדער חבר׳טע אין גאַס, די שול, די מאַמע, די דינסטמיידל (וואו אַזעלכע איז פאַראַן), אַמאָל אפילו דער „דזשעניטאָר" האָט מער איינפלוס אויפ׳ן קינד ווי דער טאַטע. דער דאָזיקער איז דעם קינד׳ס אויבערהאַר, זיין שפּייזער, זיין פרידנסריכטער (אין אַ סכסוך מיט דער מאַמען, אָדער מיט דער הויז־געזינד), זיין באָרד־אָוו־העלטה, זיין באַשטראָפער, זיין מוסר־זאָגער, זיין פילאָסאָפן, זיין אָנפירער, אָפּפירער און איבערפירער, — אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט זיין דערציער.

היוצא מדברינו איז, אַז דאָ קען ניט זיין קיין פראַגע וועגן דעם, צי איך האָב געקענט מיינע קינדער אַנדערש מאַכן ווי זיי זיינען דורך דער דערציאונג, וואָס איך וואָלט זיי געקענט געבן. אויך, ווי געזאָגט, האָב איך צו זיי גאָר ניט. זיי זיינען, חלילה, ניט אַוועק אין קרומע וועגן. און זיי פאַרשוואַרצן ניט מיינע גרויע אויגן.

אָט איז וואָס איך בין אויסן:

ווי איך בין ניט געווען קיין פאַרזעצונג פון מיין פאָטער, אַזוי זיינען זיי עס ניט לגבי מיר. מיין זיידע איז געווען אינ׳ם פולן זין פונ׳ם וואָרט דער פאָטער פון מיין פאָטער, און אפשר וועלן מיינע אייניקלאַך אַמאָל זיין, אינ׳ם פולן זין פונ׳ם וואָרט, די קינדער פון מיינע קינדער. אין מיין פאַל איז דאָס אַנדערש.

איר — שעמט זיך ניט, זאָגט! — איר פאַרשטייט דאָס

www.libtool.com.cn


ניט אויף קלאָר, ניין? לאָמיך אייך דאָס צוקייען און אריינלייגן אין מויל.

---

שטעלט זיך נאָר פאָר:

א מענטש, א שרייבער, א ריידער, א כלל־טוער, א פּראָפּאַגאַנדיסט, א בעל־חלומות, א איד — לעבט אָפּ א לעבן, א פולן לעבן א ניט גאַנץ אומאינטערעסאַנטן לעבן — צי שיין צי מיאוס איז דאָ ניט וויכטיק — און עס קומט די צייט, מען איז קרוב לששים. זעקס וויאָרסט אין דער לעבנס־מייל אָפּגעפאָרן; זעקס טעג אין דער לעבנס־וואָך אָפּגעלעבט. און די שוואַרצע האָר ווערן אַלץ מער און מער פון שוואַרץ גרוי, פון גרוי ווייסלאָך, פון ווייסלאָך שניי־ווייס, פון שניי־ווייס טויט־בלייך און ערטערווייז געלבלאָך, ווי הערבסט בלעטער.

די ערשטע „פּאָוויעסטקע" פון יענער זייט!

אמת, איך בין א מענטש, וואָס האָט מער מורא פאַר אַן איינגעשניטענעם פינגער ווי פאַר אָפּגעשניטענע יאָרן.

אמת, מיין אידעאַל איז קיינמאָל ניט געווען לאַנגע יאָר און פיל יאָרן, חוץ ווען זיי קענען זיין אינהאַלט־רייך און בונט קאָלירט.

און — וואָס זאָל איך פון אייך באַהאַלטן? — איך האָב ערשט א קורצע צייט צוריק, אין א מאָמענט פון עקסטאַז אריינגעשריבן אין מיין ביכעלע:

### נ י ט   ל אַ נ ג . . .

(צו אַ קינד)

פון דער פרוכט פונ'ם לעבנסבוים
פאַרלאַנג איך גאָר די זאַפט;
יעדער טראָפּן, יעדער טריף
זאָל גיין אין קריפט און קראַפט.

און פון יעדן זונענשטראַל
פאַרלאַנג איך גאָר דעם שיין;

www.libtool.com.cn



גאָר די ליליע׳ס ליבלאָבקייט,
דער רויזנדופט איז מיין.

יעדע איינציקע מינוט
אין לעבנ׳ס ראַשן גאַנג
זאָל די ליבע מיר, די לוסט
באַגלייטן מיט געזאַנג.

און אַ זיסער טרוים ביינאַכט
זאָל פאַרבן רויט דעם שלאָף...
קומען מעג דאַן ווען ער וויל
און ווי ער וויל — דער סוף.

לאָז ער קומען, קינד דו מיינס,
און ענדיקן דעם שפּיל:
לעבן לאַנג קען יעדער לומפּ,
אַ קונץ איז לעבן פיל.

און דאָס איבערשרייבנדיק, פיל איך, אז איך דאַרף היינט ניט ענדערן מיין מיינונג און מיין וואונש.

אָבער ווען מען קומט צו דער דאַזיקער מדרגה אין לעבן, נעמט מען „סטאָק״, ווילנדיק, ניט ווילנדיק.

וואָס, אַ שטייגער, האָב איך אויפגעטאָן, ניט אַכטנדיק אויף די הונדערטער פּעלערן, וואָס מיין אַרבעט ווייזט אויף, וואָס נעם איך איצט אַריין אין שייער, איצט ווען דער זומער גייט אוועק, גייט, ווי דער פרילינג, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט פריער אוועקגעגאַנגען : איצט אין מיין הערבסט, ווען פאַר דער טיר שטייט דער אייז־קאַלטער ווינטער, ער מיט זיין פראָסט אין בוזים און זיין שניי אַלס אַ מלבוש, און זיין בייזע זאווערוכע, וואָס סטראַשעט מיט פאַרניכטונג...

וואָס ברענג איך אַריין אין שייער ? וויפיל פון די אַריינגעבראַכטע פרוכט וועל איך אַליין געניסן, און וויפיל דערפון

www.libtool.com.cn



וועט איבערבלייבן, און ווער וועט דאָס איבערגעבליבענע ירשנ'ען ?
יא, ווער וועט דאָס ירשנ'ען ?

נאָך אַמאָל. איך בין אַ מענטש, אַ שרייבער, אַ ריידער, אַ כלל־טוער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ בעל־חלומות און — אחרון, אחרון חביב! — אַ איד.

אַלס אַ מענטש האָב איך זיך דערוואָרבן אַביסל ספרים, אַ פּראָסלע נייע ציינער, און אַ מאָגן, וואָס איז איבערגעפּירט געוואָרן פון די אַלטע בייסערס, זאָל זיי צו קיין גנאי ניט זיין.

אַלס אַ שרייבער האָב איך געקראָגן אַנערקענונג ווען איך האָב געערדט (געערדנערט), און אַלס אַ ריידער האָט מען מיך פּילייכט געגעבן געזען שרייבנדיק.

אַלס אַ כלל־טוער (מיט חנן מיניקעס ניט ווייט פון מיר) האָב איך עפּעס אויפגעטאָן, און מיין פּראָפּאַגאַנדע האָט ניט גע־קענט קאָסטן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פיל שטימען, זעענדיק, אַז דר. לאָן פון סקענעקטעדי און מאיר לאָנדאָן פון ניו יאָרק זיינען געוויילט געוואָרן, הגם איך האָב פאַר זיי אַגיטירט, — אמת, ניט צופיל.

וועגן מיין אידישקייט קען איך דערווייל דאָ ניט ריידן, ווייל דאָס וועט מיך אָראָפּפירן פון וועג, האָט געדולד!

פון די אַלע זאַכן, אָבער, האָט זיך עפּעס פאַרט אָפּגעשטעלט. ווער וועט דאָס ירשנ'ען ?

וואָלט מיין לשון געווען מיינע קינדער'ס לשון, וואָלט דאָס אויך געווען שווער. אפילו ווען איך וואָלט געלערנט מיינע קינדער דריי שעה אַ וואָך אידיש און אפשר אַ האַלב־שעה אַ וואָך לשון־קודש, און אפילו ווען איך, אָדער דער מלמד זייערער, וואָלט מיט זיי אַ פּעולה געטאָן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ געווען ווייט פון דעם 'לאַפּוקי אָבער", אַרום וועלכן איך האָב מיט אייך גערעדט. די צרה איז, אַז ניט בלויז איז אידיש אַן העברייאיש דאָסזעלבע וואָס, למשל, אַ פּאַנקוכן איז אַן אייער, נאָר אידיש מיט העב־רייאיש אינוויייניק וועט אויך קלינגען ווי אַ קוידערוועלש, ווי אַ

www.libtool.com.cn



שלעכטע איבערזעצונג פון דייטש, אויב דער שרייבער וועט ניט האָבן געווען תלמוד אין זיין העברייאיש, כדי צו געבן זיין אידיש דעם עכט־אידישן טעם, דעם „פלייוואָר", ווי איר וועט זאָגן, דעם ריכטיקן פלייוואָר.

פאַרשטייט זיך, מען קען זיין אַ אידישער גוי, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אידיש, ווי מען קען, אַלס רוסישער גוי, זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן דייטש. *מען קען עס זאָגאָר ברייננען אַזוי ווייט אין דעם אידיש, וואָס מען האָט'זיך אויסגעלערנט, צו שרייבן גלאַט און פאַרשטענדלאַך, אָבער נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס דער לשון שפּילט ביי זיי קיין ראָלע נים, וואו עס האַנדלט זיך בלויז וועגן מיינונגען, אַבסטראַקטע אידייען, אַלגעמיין־מענטשלאַכע ענינים, וואָס האָבן קיין שייכות נים מים דער נשמה פון דעם שרייבער און דעם לעזער, און אַזוי ווייטער. מען קען אפילו מאָדערנע לירישע זאַכן שרייבן.

איצט האָב איך, למשל, צוגעבראַכט צען יאָר פון מיין לעבן און האָב, ווי איך וועל אייך באַלד פּרובירן אין קורצע ווערטער שילדערן, מיר עטוואָס דערוואָרבן. דאָס דערוואָרבענע איז אין מיין אויגן חשוב'ער, ווי אין ראָקפעלער'ס נאָך צען מיליאָן דאָ־לאַר. און איך בין קרוב לששים, און איך מאַך מיין גייסטיקע צוואה און איך קלער: ווער וועט ירשנ'ען מיין אוצר? ווער וועט ווייטער פירן מיין אַרבעט? האָב איך יורשים? האָב איך אַזעלכע קינדער, וואָס זאָלן, ווען ניט פאָרזעצן מיין אַרבעט — דאָס איז גלאַט ניט קיין נאַטירלאַכע דערשיינונג, ווי אונזערע חכמים האָבן שוין אויסגעפונען אין די אַלטע צייטן — אָבער לכל הפחות, פאַרשטיין מיין אויפטו נענוג, כדי אים ריכטיק אָפּ־צושאַצן, כדי צו היטן מיין כבוד אין דעם פאַל פון אַ פיינטלאַכן אַנגריף און אין אַנדערע פעלע? האָב איך אַזעלכע קינדער? ניין.

עס איז ניט זייער שולד, עס איז ניט מיין שולד. עס איז ניט קיינעמ'ס שולד, אָבער אַזוי איז דאָס.

דאָס לעבן פון דעם דור, וואָס שטאַמט פון דער השכלה־פּעריאָדע, האָט זיך אַזוי פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט, אַז דער

www.libtool.com.cn



דאַזיקער דור איז אָפּגעריסן פון דעם דור נאָך אים, „ונמצא קרח מכאן וקרח מכאן": ער האָט ניט קיין טאַטעס, און האָט ניט קיין קינדער.

---

כדי איך זאָלט ניט מיינען, אַז איך האָב חלילה אין די לעצטע צען יאָר אַנטדעקט — היינט זאָגט מען אַנטפּלעקט — אַמעריקע פון דאָס ניי, אָדער ענדלאַך אויסגעפונען די „אייביקע באַוועגונג", אָדער איר שווערין: די קוואַדראַטור פונ'ם צירקל. אויב איר ·ווייסט וואָס דאָס איז, אָדער אַפילו דערגאַנגען דעם סוד, ווי אַזוי מען קען מאַכן קלאָוק־פאַבריקאַנטן, אַלם אַ קלאַס. פאַר אַזעלכע בעלי־שכל ווי העגער, וואָס קענען אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, האָבנדיק אַ באַגריף פון דעם זונען־אויפגאַנג — כדי, זאָג איך, איר זאָלט וועגן מיר ניט האָבן קיין איבערטריבענע מיינונג, וועל איך אייך זאָגן אַרום וואָס עם האַנדלט זיך דאָ.

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ זאַך, וואָס איר וואָלט דערביי ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, און וואָלט אפשר גענומען ראַקע־פעלער'ם נייע צען מיליאָן.

אַ קלייניקייט, אין תוך:

אין די יאָרן נאָך 1906 האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין אַפּיקורס'ישער שטאַנדפּונקט לגבי דער אמונה און דעם אידנטום איז געווען אַ לעכערלאַכער.

נאַטירלאַך, ניט מיינער אַליין. דאָס איז געווען דער שטאַנד־פּונקט פון פילע סאָציאַליסטן, אַפילו צווישן די אַמאָליקע בונ־דיסטן, ד. ה., אַפילו צווישן די, וואָס האָבן מיט יאָרן פריער אָנערקענט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם איז ניט און קען ניט זיין געגן ערגעץ אַ נאַציאָנאַלע — אַזוי לאַנג, נאַטירלאַך, ווי זי איז ניט קיין שאָוויניסטישע — נייגונג אָדער שטרעבונג.

איך בין, ווי מען ווייס, ניט געוואָרן מיט אַמאָל אַ פרומער איד. איך האָב זיך אָבער פאַרטיפט אין דעם שטודיום פון אונזער געשיכטע און פון דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער רעליגיע,

www.libtool.com.cn



ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם אַלטן תנ"ך, אין דער משנה און אין דעם באַבילאָנישן תּלמוד.

חוץ דעם, האָב איך אויך מיט גרויס התמדה און מיט נאָך מער פאַרגעניגן געלייענט די אגדתות, די אונטערהאַלטונגען, מיי־נונגען, משלים, חקירות און לעגענדעס, וואָס געפינען זיך אינ'ם מדרש און אַנדערשוואו.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז וואָס ווייניקער מען גייט צו צום אוצר, וואָס געפינט זיך אין דעם תּלמוד און אין די מדרשים, מיט אַ בלינדן גלויבן, נעמענדיק אַלץ פאַר כּסף עובר לסוחר, אַלץ מער און מער געפינט מען פּערל און בריליאַנטן אין דעם דאָזיקן אוצר.

עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט פאַר זיך אַ צוקונפט אַזוי גרויס און אַזוי וואונדערבאַר ווי עס איז געווען זיין פאַרגאַנגענהייט: אַז מיר האָבן אַ ירושה, פון וועלכער מיר קענען זיך ניט אָפּזאָגן — מיר, אַלס אַ כּלל; יחידים קענען, פאַרשטייט זיך — אפילו ווען מיר זאָלן וועלן, און אַז מיר וועלן בלייבן אידן אָן אַן אמונה, אָן אַ שפּראַך און אָן אַ טעריטאָריע, הגם אין גאַנצן וועלן קיינמאָל ניט אונטערגיין די ערשטע ביידע.

פון דאַן אָן האָב איך זיך ווייטער נעגריבלט, און האָב היינט די פעסטע איבערצייגונג, אַז עס לוינט זיך צו נעמען צום תּלמוד, ספּעציעל צו דער משנה־פּעריאָדע, פון אַ מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַ־ליסטישן שטאַנדפּונקט. איך האָף, אַז עס וועט זיך געפינען דער טעאָרעטיקער, וואָס וועט אויף זיך נעמען די דאָזיקע אַרבעט. עס איז מעגלאַך, אַז דאָס וועט זיין אַ דייטש אַ גוי. קונאָוו האָלט ניט ווייט דערפון.

אָבער האָב איך קינדער, וואָס קענען פאָרזעצן מיין — ניט מיין אַרבעט, דאָס איז ניט נויטיק, אָבער מיין — אידישן איך. מיין אידיש ווען, מיין אידישן סאָציאַליזם? קען איך פון מיינע קינדער דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן זיין מיינע גייסטיקע נאָכפאָלגער,

www.libtool.com.cn



א שטייגער, ווי מיין זיידע האָט דאָס געקענט דערוואַרטן פון מיין פאָטער?

אפשר וואָלט דאָס דאַרטן אין דער ליטע געווען מעגלאַך. דאַרטן, וואו דער בייטש פון דעם טרייבער צווינגט צוריק אַריין אין סטאַדע די אָפּטריניקע שעפּסן — דער בייטש און דער וואָלף אין וואַלד, דער וואָלף בצורת טשינאָווניק...

אפשר דאַרטן. דאָ, אפילו ווען אייערע קינדער זיינען נאָך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו אייך, האָט איר ניט קיין גייסטיקע יורשים, ווער און וואָס איר זאָלט ניט זיין.

1916.

www.libtool.com.cn

## אַ פאַטערלאַנד

מיר פעלט אַ מדינה, וואָס איך זאָל רופן מיינע, מיין פאַטער־לאַנד, ווי דאָס קאָן יעדער שכור, יעדער גנב, יעדער קאָרטנשפּילער מיט וואַקס אין די נעגל, יעדער פּרייזפייטער, יעדער סתם־בויאַן און יעדער אַנדערער צווישן די פראַנצויזן, די ענגלענדער, די דייטשן און אַנדערע פעלקער.

און מיר פעלט אַ פאַטערלאַנד דורכאויס ניט, ווייל איך בין אפשר געוואָרן, אָדער האַלט ביים ווערן, אַ ציוניסט, אָדער אַן אַנדער סאָרט טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַליסט. מיין שטאַנדפּונקט אין דעם פּרט איז קלאָר. איך זע ניט וואו מיר קענען קריגן די טעריטאָריע צו קענען גרינדן אַ אידישע מלוכה, אפילו מיט אַ קליינער מינאָריטעט פון דעם אידישן פאָלק, אלס אירע שטאַם־בירגער. נאָך ווייניקער זע איך די מעגלאַכקייט צו קריגן צוריק ארץ ישראל פאַר אונזער פאָלק, ווייל ביד חזקה ובזרוע נטויה קענען מיר דאָס לאַנד ניט נעמען, און אונזער וועלן אַליין, אפילו ווען די גאַנצע „צוועלף מיליאָן אידן זאָלן ווי איין מאַן עס וועלן“, ווי מיר האָט זייער עמפּאַטיש דערקלערט איינער פון די ציוניסטישע פירער, — מיט׳ן וועלן אַליין, זאָג איך, וועלן מיר קומען ניט ווייטער ווי אונזערע עלטערן און אונזערע אבות־אבותינו זיינען געקומען מיט׳ן „תקע בשופר גדול לחירותינו“ דריי מאָל אַלע טאָג און מיט׳ן „לשנה הבאה בירושלים“ אַלע יאָר צו די סדרים.

אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, איין זאַך איז אבסאָלוט זיכער. און דאָס איז, אַז איך, ווי יעדער אַנדערער פון מיין דור און אין מיין לאַגע, האָב ניט קיין פאַטערלאַנד, אַ זאַך, וואָס מיינע חברים פון די אומות העולם האָבן. די פראַגע צי איך בענק נאָך דעם אָדער ניט, איז דאָ ניט וויכטיק. וויכטיק איז דער פאַקט גופא: אַנדערע האָבן, איך ניט.

איר וועט זאָגן, מען קען אויסקומען אָן אַ פאַטערלאַנד. געוויס

www.libtool.com.cn


קען מען, והראיה: איך קום אוים. אבער אזוי קען מען אויך אויסקומען מיט איין אויג אין קאפ, מיט איין פוס, מיט א שוואכע הארץ, מיט לונגען וואס זיינען פעלערהאפט און אזוי ווייטער. דאס הייסט אבער ניט, אז א נארמאלער מענטש דארף האבן אט די פעלערן.

און איך פיל זיך טאקע ניט נארמאל. ספעציעל איך, אונטער די אומשטענדן, אונטער וועלכע מיין לעבן האט זיך צונויפגעלייגט און אויסגעלעבט.

באטראכט נאר:

איך קום אריין אין דער וועלט אין א מדינה, וואו דער ערשטער ניקאלאי איז ביז מיט א יאר פריער געווען דער הערשער. עס איז זיך לייכט פארצושטעלן, ווי „דאס לאנד פון מיין געבורט“ האט אויסגעזען, ווען מען ווייס, אז דער דאזיקער ניקאלאי, דער שוחט פון פוילן און דער דערשטיקער פון די לעצטע ביסעלע רוסישע פרייהייט, דער דערפינדער, מיט א פאטענט דארויף, פון אידישע קאנטאניסטן, פון אידישע עופ'עלאך מיט געוואלד גענומענע אין דער ארמיי אריין, מיט שפיצריטער און מיט א „סטראי“ פאר סאלדאטן געמאכט און נאך א פינף־און־צוואנציק יאריקן דינסט ארויסגעווארפן אין דער ווייסער וועלט, אלס עלטערע מענטשן, אומפייאיק א לעבן צו מאכן, ניט איינער פון זיי זיך צו עפעס דערדינט, די מייסטע פארקריפלט קערפערלאך דורך אכזריות, גייסטיק דורך דעם קאזארמע־לעבן און מאראליש דורך די אטמאספערע פון געוואלט, ברוטאליטעט און ווילקיר (איבערזעצט דאס: „פראאיזוואל“). יארנלאנג פאר'ן דינסט, אלס נעכאפטע קינדער, און דאן 25 יאר אלס סאלדאטן!

אין א מדינה אזוי רעגירט, קום איך דאס אריין אין דער וועלט, און הגם אונטער אלעקסאנדער דעם צווייטן, א דאנק דעם קרים־קריג, אין וועלכן רוסלאנד איז געשלאגן געווארן ברוין און בלוי, האט אביסעלע פרייער אפגעאטעמט דאס לאנד, און די אידן האבן אויך א הארעלע אפגעצויגן דעם אטעם, — הגם, זאג איך,

www.libtool.com.cn



די לאַגע אין געוואָרן אַביסעלע בעסער, איז רוסלאַנד אַלס אַ פּאַטערלאַנד געווען אַ... אַ מיסטייק.

אין 1877 שטעל איך זיך צום פּריזיוו, ווער פּאַרבראַקירט און פּאָר אַוועק קיין דייטשלאַנד. דאָרטן געפין איך, אַלס מענטש, אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע מאַכט מיך פילן עפּעס ווי אין אַ גן־עדן התחתון, לגבי דעם גיהנם, פון וואַנען איך קום אַרויס. אָבער אַלס איד, טרעף איך דאָרטן אַ שפּאָגל־נייע אַנטי־סעמיטישע באַוועגונג.

פון דאָרטן וואַרפט מען מיך אַרויס, און אין 1879 געפין איך זיך אין פראַנקרייך. דאָס איז אַכט יאָר נאָך דער פּאַריזער קאָמונע, צען יאָר פאַר דער גרינדונג פון דעם צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל. עפּעס ניט אַהין, ניט אַהער. דער סאָציאַליסט אין מיר איז אומבאַפרידיקט. פראַנקרייך אַלס רעפּובליק איז נאָך אין די קינדער יאָרן און ווערט רעגירט פון באַנאַפּאַרטיסטן, אָפענע און מאַסקירטע. פון מיין רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן שטאַנד־פּונקט וואָלט איך געזאָגט וועגן פראַנקרייך, וואָס דער הומש זאָגט וועגן דער ערד אין צייט פון בריאת עולם: „והארץ היתה תהו ובהו וחשך על פני תהום״. וואָס דאָס וואָלט הייסן אין אַ פרייער איבערזעצונג: „און פראַנקרייך איז געווען פּוסט און וויסט מיט פינסטערניש איבער׳ן אָפּגרונט.״

אַלס איד בין איך מיט דער מדינה גראָד געווען צופרידן. לעאָן פרענקעל אַ מיניסטער אין דער קאָמונע אדאָלף קרעמיע אַ מיניסטער אין דער רעפּובליק, און זיין פּלימעניק, גאַסמאַן קרעמיע, אַ העלד אין דער רעוואָלוציע אין דרום־פראַנקרייך, געשטאָרבן ווי אַ העלד. און אידן געגעראַלן און אידן אַדמיראַלן, און אידן אין דער פּרעסע, וואָס רעגירט דאָס לאַנד, און אין גאַנצן פאָרמאַגט פראַנקרייך ווייניקער אחינו בני ישראל, ווי היינט אַ טייל פון בראַנזוויל.

אפשר וואָלט דאָס מיט דער צייט געוואָרן מיין פאַטערלאַנד. אָבער עס האָט זיך געוואָלט עסן און קיין אַרבעט איז ניט געווען.

www.libtool.com.cn



און הגם דאָס הארץ איז געווען צופרידן, מער אָדער ווייניקער, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, האָט דער מאָגן שטארק געבורבלט, ווייל חוץ וואָס איך האָב אים טעגלאָך געקארמעט מער מיט הבטחות ווי מיט פולע פּאָרציעס, בין איך אים שולדיק געווען אַ גאַנצן גדן „נערדאַימקעס".

און נאָך פינף־זעקס חדשים בין איך געוואָרן אוים פראַנצויז.

אין ענגלאַנד האָב איך צוגעבראַכט 15 יאָר. פיל האָט מיר ענגלאַנד געגעבן און פיל האָב איך דזשאָן בול צו פאַרדאַנקען, אָבער קיין פאָטערלאַנד האָב איך דאָרטן אויך ניט געפונען.

און אַזוי וואַנדערנדיק בין איך היינט *) שוין קרוב פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר דאָ אין אַמעריקע.

דאָ בין איך שוין אַ בירגער פון יאָרן, מיט אַ שטיקל דעה אין דער מדינה. איך בין איינער פון די 16 מיליאָן בעלי־בתים פון אַמעריקע, מענטשן מיט אַ „וואָוט", פון וועלכע אַ מיליאָן שטימט איין מיט מיר און שטימט ווי איך, און מיר דאַרפן נאָר איבעררײדן די אַנדערע 15 מיליאָן און עס וועט אַלצדינג זיין „אָלרייט".

דאַכט זיך אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער איז דאָס אין אמת'ן מיין פאָטערלאַנד?

און, למען השם, פאַרשטייט מיך ריכטיק. היינט איז גע־פערלאַך אין אַמעריקע ניט צו זיין אַ גוטער, לאָיאַלער בירגער. מען טאָר אפילו ניט זיין אַן אַמעריאַנער בירגער מיט אַ מקף, וואָס דער ענגלענדער רופט „הייפען": דייטש־אַמעריקאַנער, איריש־אַמעריקאַנער, אידיש־אַמעריקאַנער איז פאַרבאָטן, אָדער אַזוי גוט ווי פאַרבאָטן — פון דער געלער פּרעסע.

איך בין, חלילה, ניט קיין שלעכטער בירגער, מיסטער הוירסט. איך פאָלג די געזעצן, און האָב לינקאָלנ'ס ביוסט אין מיין הויז,

*) אין יאָר 1916.

www.libtool.com.cn



און מאַד ניט קיין צו גרויסן ליאַרם ווען אַנקל סעם׳ס ווייסע לינטשן זיינע שוואַרצע...

נאָך מער, איך ליב די מדינה, אַלס אַ יונגע זאַך. ווי איך ליב בטבע אַלץ וואָס איז יונג, ספּעציעל קינדער. איך ליב אַמעריקע מיט איר יונגקייט שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי איז „סעלף־מייד". וואָס זי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אַן אויסערלאַכער הילף, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פעאָדאַליזם, קיינע באַראָנען, קיינע רויבריטער און קיינע בורגשלעסער.

איך זע פאַר אַמעריקע אַ גרויסע, וואונדערבאַרע צוקונפט, ווען... נאָר דאָס וועט מיך פירן צו ווייט.

הכלל, איך בין אַ גוטער בירגער.

און ניט אַכטנדיק דאַרויף, איז מיין אַדאָפּטירטע מדינה פאַר מיר ניט קיין פאָטערלאַנד. ווייל מיין פאָטער האָט פון איר ניט געוואוסט, ווי זי האָט ניט געוואוסט פון אים. איך בין דאָ ווי אַן עקזאָטישע פלאַנץ, אַריבערגעטראָגן פון אַנדערשוואו, אַן וואָרצלען אין דעם באָדן, אויף וועלכן איך געפין זיך. דער סופרים קאָורט פון ברוקלין האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אַמעריקאַנער, נאָכדעם ווי איך האָב צוגעזאָגט מער ניט צו האָבן קיין שום מגע ומשא מיט ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש ראָמאַנאָוו, מיין געוועזענעם קיסר. אָבער אַ סופרים־קאָורט, ווי סופרים ער זאָל ניט זיין, קען אייך ניט מאַכן פון שוואַרץ ווייס, קען ניט איבערבויען פאַר אייך אייער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, קען ניט אויסוואָרצלען פון אייער הארצן אויסלענדישע געפילן, קען ניט שטילן אייער בייגקשאַפט נאָך דאָס אָדער יענעם, קען ניט מאַכן, אַז איר זאָלט פילן וואָס איר פילט ניט, אַז איר זאָלט ליבן וואָס אייך געפעלט ניט, אַז איר זאָלט קריגן התפעלות פון זאַכן, וואָס זיינען אייך פרעמד.

און דאָ איז אַ פונקט, אַן וועלכן מען דאַרף ניט פאַרגעסן. מען קלאַפּט היינט אין דעם גרויסן באַראַבאַן אין אַלע גאַסן. דער געשריי איז „פּריפּערעדנעס!" אַ שטייגער, בירגער, גרייט זיך צו, נעמט זיך צו די כלי זין. „בו, אַ בער גייט!"

www.libtool.com.cn



מיר קומט דאָס פאַר לעכערלאַך. איך זע ניט די געפאַר. איך באַגרייף ניט דעם שרעק. איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי דאָס איז מעגלאַך, אַז אַ פאָלק פרייסישע דראַגונער קענען אונז איינ־נעמען און אַראָפּשלינגען און זיך אַ קרים ניט טאָן.

אָבער האַלט! אפשר...

אפשר פיל איך ניט דאָס קומען פון דער געפאַר ווי עס פילט זי אינסטינקטיוו דער איינגעבאָרענער אַמעריקאַנער; ער, וואָס האָט, ווי אים דוכט זיך, אַ חלק אין דער מדינה, וואָס האָט זיידעס און עלטער־זיידעס אין דער היגער ערד; ער, וואָס זיינע אור־עלטערן האָבן מיט׳ן שווערד אין דער האַנט זיך נאַטוראַליזירט אַלס בירגער און האָבן מיט דעגען, געטונקט אין דעם פיינט׳ס בלוט, פאַר זיך געשריבן בירגער פאַפּירן, אויף פאַרמעט פון דעם שונא׳ס הויט.

אפשר זע איך ניט, דאָס וואָס ער זעט, ווייל איך בין דאָ אַ געוועזענער גר, אַ היינטיקער תושב, אַ געזעצלאַכער אורח, אָבער אָן אַ פאַרגאַנגענהייט, אָן אַמעריקאַנער עלטערן... אָן אַ פאַר־צייטן.

אפשר... איך בין אַ האָרעלע צוטומלט אין מיין פילאָזאָפיע, און ווען איך בייזער זיך אויף די „פּריפּערעדנעס“־משוגעת, מיט די געפאַר־האַלוצינאַציעס, קלער איך ביי זיך: ווער ווייסט! אַ קשיא אויף אַ מעשה... אפשר ווען איך זאָל מיין דרשה האַלטן פאַר אַלטע יענקים, וועלן זיי מיר אויך זאָגן מיט איציק זאַק׳ס ווערטער:

„אייך איז גוט צו ריידן, איר האָט ניט קיין טאַטן...“

יאַ, ניט קיין פאָטער און ניט קיין פאָטערלאַנד.

.1916

---

זינט דער אָקטאָבער רעוואָלוציע (אין 1917) האַלט דער זיידע (מאָרים ווינטשעווסקי), אַז די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן דאָרט אַ פאָטערלאַנד אינ׳ם פולן זין פונ׳ם וואָרט. די וואָס זיינען קעגן סאָוועט רוסלאַנד באַטראַכט דער זיידע פאַר שונאים.

www.libtool.com.cn

## אַן אמונה

איך הער ווי איר רעדט, ליבע לעזער. עס איז ניט שווער אייך צו הערן: איר זייט אידן און איר רעדט הויך... איבערהויפּט ווען איר באַרעדט: ווען עפּעס געפעלט אייך ניט.

„דער אַלטער איז עובר בטל,“ זאָגט איינער.

„יאָ, אויסגעוועבט,“ באַמקעט אונטער אַן אַנדערער, און דאָס וואָס ער זאָגט האָב איך, דאַכט זיך, געהערט פון זיין זיידן, ווייל דער קאָמפּלימענט איז זייער אַלט... עס איז דאָ אַ יש־אומרים, אַז איך האָב אויפגעהערט צו ביידן צו דער זאַך און מיט אַ טאַלק נאָך איידער איך האָב אָנגעפאַנגען: אַז איך בין, הייסט עס, געווען אויסגעוועבט נאָך איידער איך בין געוואָרן איינגעוועבט.

„דאָס איז געטער־זוכעריי,“ דערקלערט אַ דריטער, ניט לאַנג פון רוסלאַנד, „ביי אונז, זאָגט ער, איז דאָס איצט*) אַן עפּידעמיע, און פיל אַפּיקורסים ליידן דערפון... אים פעלט אַן אמונה!!! (ער מאַכט אַ זיס־זויערע, אָבער טריאומפירנדע מינע) דאָס פעלט זיי אַלעמען, און זיי גייען אַרום מיט לאַמטערנעס אין די הענט און זוכן געטער... ווען זיי האָבן געהאַט אַ גאָט, האָבן זיי אין אים ניט געגלויבט, איצט... משמעות, טאַקע ווי דער רוס זאָגט: „וואָס מען האָט, דאָס היט מען ניט, פירט מען עס איבער, וויינט מען.“

איך וואָלט קענען אויף דעם ענטפערן און לייכט מיט אייך זיך אויס'טענה'ן, אָבער צו־וואָס? אַט לאָמיך אייך בעסער דער־ציילן אַ מעשה: אַן אמת'ע מעשה.

אין מיין לעצטן אַרטיקל האָב איך אייך געזאָגט, אַז אין 1877 בין איך געשטאַנען צום פּריזיוו, אַז מען האָט מיך פאַרבראַקירט און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָס איז דער סדר־

*) אין יאָר 1916.

www.libtool.com.cn



הכל, אָבער איר דאַרפט וויסן עטלאַכע איינצעלנהייטן און דערפאַר וועט נויטיק זיין די מעשה'לע איבערדערציילן אַ האָרעלע מער באריכות.

צום פּריזיוו האָט מען מיך גערופן צוליב דעם רוסיש־טערקישן קריג, ווייל אונטער געוויינלאַכע אומשטענדן בין איך געווען אַן אמת'ער בן־יחיד ביי מיינע עלטערן. די געפאַר, אַז מען זאָל מיך נעמען, איז געווען גרויס און מיינע עלטערן וואָלטן מסתמא געווען מער צופרידן, ווען איך וואָלט נעלם געוואָרן. אָבער איך בין געווען אַ גאַנצער רוסאַק צו יענער צייט (אַ קליינקייט אַביסל! געווען צוויי יאָר אין אָריאָל, אין קורסק, ניט ווייט פון וואָראָנעזש; צוויי ווינטערן אין אַ טולופּ מיט לאַנגע שטיוול; צוויי יאָר אין טראַקטירן מיט אמת'ע קאַצאַפּעס, מיט טיי טוצנגלעזערווייז; אין דירות אָן מזוזות, אָבער מיט הייליקע איקאָנעס, מיט לאַמפּאַדקעס פאַר זיי, מיט אויל וואָס האָט געהאַט אַ ריח־ניחוח; צווישן סטעפּאַן־איוואַנאָוויטשעס און ארסעני־לוקיטשעס, וואָס האָבן זיך בסדר געצלמ'ט און מי שברך געמאַכט — נוסח פּאָניע — לעבעדיקע און טויט, — איך בין, אַלזאָ, דאַן געווען אַ גאַנצער רוסאַק) און מיר האָט ניט געפּאַסט צו אַנטלויפן.

אַלס אַ געבאָרענער אַ יאַנאָווער (קאָוונער גובערניע, קאָוונער אויעזד), בין איך געשטאַנען צום פּריזיוו אין קיידאַן, אַ שטאָט, וואָס האָט זיך ניט געהאַט פיל וואָס איבערצונעמען לגבי מיין געבורטשטאָט. איך האָב געהאַט געצווינגן אַ זייער הויכן נומער בעת איך האָב זיך פריער געשטעלט, הגם פריער האָט מען מיך נאָר געקענט מאַכן פאַר אַ רעזערוויסט, און דער הויכער נומער האָט מיך געראַטעוועט — ד. ה. טיילווייז: עס זיינען געווען אַנדערע גינסטיקע אומשטענדן — ווייל ווען עס איז געקומען צו מיר האָט געפעלט אַ קנאַפּער צענדליק נפשות און עס זיינען נאָך געווען אַ שטיקלאַך 100, פון וועלכע צו קלייבן.

מער ווי אַ מעת־לעת, גערדיינק איך, האָב איך זיך ארומ־געטריבן איבער די קיידאַנער געסלאַך, פילאָזאָפירנדיק און זיך

www.libtool.com.cn



חכמ'ענדיק (הגם אין הערצל האָט „געטיאַכקעט") וועגן דעם פּריאָם מיט מיינעם אַז אַלטן פריינט, וועלכער איז אויך געווען פון די „בוואַטעס" און אים האָט מען טאַקע צוגענומען, מיט דעם רעזולטאַט, אַז ער איז זעקס חדשים שפּעטער געפאַלן ביי פּלעוונאַ, אַ קרבן אויף דעם מזבח פון זיין דאַנקבאַרן פאָטערלאַנד.

יאָ, מיר האָבן פילאָזאָפירט — ער און איך. וואָס אונזביידן האָט געדרייט אַ מוח איז געווען די פראַגע: ווער איז בעסער דער גיין אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנ'ס באַנינע אריין, דעם וואָס גלויבט, אָדער דעם וואָס גלויבט ניט.

איך, דעמאָלט שוין אַ שרייבער פון עטלאַכע יאָר, מיט אַ רעפּוטאַציע אַרום דעם אַלטן בית המדרש אין קאָוונע, איבער'ן בריק אין אַ ראַדיוס פון אַ קלאַפּטער פינף — אין סלאָבאָדקע, און אין אַ געוויסע הויז אין אַלעקסאָט: דאָרטן האָט זיך איינגעפונען אַ מיידל, וואָס... נאָר דאָס איז ניט אייער עסק. — בקיצור, דאַן שוין אַ שרייבער און כמעט אַ מענטש, האָב איך געהאַלטן, אַז דעם וואָס גלויבט איז ערגער ווי דעם, וואָס גלויבט ניט. מיין גרונט דערפאַר איז געווען, וואָס דער גלויביקער האָט געוויינטלאַך מער מורא פאַר'ן גיהנם, ווי האָפנונג אויפ'ן גן־עדן.

אַ טאָג שפּעטער איז געקומען מיין „נעקסט", ווי מען זאָגט אויף אידישן ענגליש, און אָט וואָס האָט פּאַסירט:

מיר זיינען געווען, אַ מענטשן דרייסיק־פערציק, אין דעם פּאָדער־צימער. „אינוויייניק" איז געזעסן די קאָמיסיע, מיט פירשט וואָלקאָנסקי אַלס טשערמאַן. מיט אַמאָל קומט צו איינער פון די מחבלים צו דעם אָרט, וואו איך און צו מיר אַ ליטווישער פויער האָבן זיך איינגעפונען, און הייסט אונז זיך אויסטאָן. איך האָב ניט גלייך פאַרשטאַנען, נאָר מען האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז אויסטאָן הייסט, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, זיך טאַקע אויסטאָן כדבעי, אַשטייגער ווי אַ איד טוט זיך אויס אין מרחץ. מיר און דעם ליטווישן פויער האָט מען דאַן אַריינגעפירט אין פריי־סוסטוויע, געוואויגן, געמאָסטן, אַרומגעקוקט און מיך האָט מען

www.libtool.com.cn



געפונען „ניע־גאַדיען“: איך בין פריינגעקומען.

דאָס לעצטע איז אָבער ניט דער עיקר. וויכטיק דאַ, פאַר אונזער ענין, איז אָט וואָס:

בשעת דער פויער און איך האָבן זיך אויסגעטאָן, האָט ער זיך כסדר גע׳צלמ׳ט און געבורבלט — משמעות, א תפילה — אונטער׳ן נאָז, און פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. ער האָט, דאָס איז געווען קלאָר פאַר דעם קורצזיכטיקסטן צוזעער, געבעטן רחמים ביי זיין גאָט, אז מען זאָל אים ניט נעמען...

„ער מוז האָבן, טראַכט איך, א ווייב מיט א קינד, אפשר מיט קינדער: ער האָט געוויס א שטיקעלע לאַנד און עטלאַכע בהמות, עטלאַכע צענדליק עופות און אפשר א כאַטקע, וואָס פאַ־מיעשטשעט אונטער איר דאַך אים, מיט זיין פאַמיליע, מיט די בהמות, מיט די עופות, צי אפשך א שיין ביסל פּרייסלאַך מיט אומפּלייט... און נאָך, און נאָך...

„די הויפּטזאַך איז, ער האָט אַן אמונה! דער ליטווישער פויער, דער „זמאַגוס“, האָט אַן אמונה, און איך ניט...“—

א שעה שפּעטער האָב איך וואַרשיינלאַך מער ניט געטראַכט ניט וועגן דער אמונה און ניט וועגן דעם ליטווישן פויער. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך אזא פויער אפילו ניט באַמערקט; ער איז אין מיינע אויגן געווען א האַלב־ווילדער, א באַשעפעניש אויף צוויי פיס, „ספק חיה, ספק בהמה“, אפשר א קולאַק, אפשר א פּאַראַבאַק, יעדנפאַלס א רעפּרעזענטאַנט פון׳ם „עם הדומה לחמור“, איינער, וואָס עדווין מארקהאַם האָט אפשר געהאַט אין אויג, רעדנדיק וועגן דעם „ברודער פון דעם אָקס“.

אָבער אונטער יענע אומשטענדן האָט ער אויף מיר גע־מאַכט א שטאַרקן איינדרוק מיט זיין פּנים, זיינע טרערן און זיין צלמ׳ען זיך. איך האָב אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן, און ביי איניקע געלעגנהייטן אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך גע־קלערט, אז עס זיינען דאָ ציטן ווען איר פּילט, אז דער גראָבער פויער האָט עפּעס, וואָס אייך פעלט.

---

www.libtool.com.cn



נראַד דאַן — אין דעם יאָר 1877 — האָט מיר, אין תוך גענומען, קיין אמונה ניט געפעלט.

מיין סאָציאַליזם פון די זיבעציקער און די אכציקער יאָרן — אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — איז געווען אַן אמונה: מער, פיל מער, ווי איך וואָלט מודה געווען, ווען אימיצער וואָלט עס מיר געזאָגט.

וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַן איבערצייגונג, איז דעמאָלט, נאָך אַלע מעשיות, געווען אַ גלויבן, אַ בלינדער גלויבן.

מיין נייע תורה איז געגעבן געוואָרן אפשר אין האַיגייט, לאָנדאָן, אַנשטאָט ביים באַרג סיני, און דער געזעצגעבער איז געווען ניט אַ משיח נאָר דאָס פאָלק, און די גאולה האָט געזאָלט קומען ניט דורך שופר־בלאָזן, נאָר דורך די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און אַנשטאָט וואָס די דערלייזונג האָט פריער געדאַרפט געשען „כשתכלה פרוטה מן הכיס“, האָט איצט געזאָלט די פּרוטה פאַר־שווינדן צוזאַמען מיט׳ן כיס. דעם געלטזאַק, ווען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט זיין געקרוינט מיט דערפאָלג.

די נייע אמונה האָט נאָך אפילו אַזוי ווייט געלעבט אין דער אַלטער, אַז אין דער נייער איז פאַר מיר נאָך פאַרבליבן דער עלעמענט פון „כולו זכאי“, אָדער „כולו חיב“, ד. ה., אַז די עמאַנציפּאַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס וועט קומען ענטוועדער דורך אַן אַקט פון גערעכטיקייט, ווען אַלע וועלן איינזען, אַז די הערשאַפט פון רויב און מאָרד מוז נעמען אַ סוף, אָדער אַז עס וועט ווערן ערגער און ערגער ביז דער גרימצאָרן פון דעם רעבעליש־געוואָרענעם פאָלק וועט אויסראַטן אַל־דאָס בייז און וועט רע־גענערירן אַ וועלט, וואָס איז כולו חיב.

און ווען עס איז אַרויסגעקומען פון מיין פעדער (אין 1890) דאָס ליד „צו מיינע ברידער“, מיט דעם שלום־פערז:

איך זייט די טויזנדער!
איין רוף אַ ברויזנדער
איין קלאַפּ אַ טיכטיקער,

www.libtool.com.cn



אײן קאַמף אַ ריכטיקער,
ריכטיק באַדאַכט,
וואָלט די פאַרדאָרבענע,
האַלב אָפּגעשטאָרבענע,
די האַלב צוגלידערטע
מענטשהײט פאַרברידערט, און
גליקלאַך געמאַכט!"

איז דאָס אַרויסגעקומען מיט איפעט, מיט עקסטאַז, פון אַ ברוסט פול מיט גלויבן, פול מיט דעם סאָרט התלהבות, וואָס קען געבאָרן ווערן נאָר דורך אַ טיפער אמונה, וואָס קען בשום אופן ניט קומען פון אַ קאַלטער, רואיקער, וויסנשאַפטלאַך־באַגרינדעטער איבער־צייגונג.

היוצא מדברינו איז, אַז אַ נײַע אמונה האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער.

און אָט די נײַע אמונה איז מיר שטאַרק צוניץ געקומען, ווען איאָר אַנדערהאַלבן נאָך דער געשילדערטער באַגעגעניש מיט דעם ליטווישן פויער ביים פּריזיוו, האָט מײַן מאַס גענומען אַן אַנדער פּריסטוסטוויע, אונטער אַנדערע אומשטענדן, ניט ווייניקער אומאַנגענעמע.

דאָס איז געווען ניט אין קיידאַן, אין דער ליטע, נאָר שוין אין קעניגסבערג, אין פּרייסן. געשטאַנען בין איך ניט פאַר רוסישער נאַטשאַלסטוואַ, נאָר פאַר פּרייסישע טורמע־טשינאָווי־ניקעס. געמאָסטן און געוואויגן האָט מען מיך ניט צום אַרײַנ־נעמען אין דער אַרמײ, נאָר מיט דער כוונה מיך אַרויסצושיקן פון פּרייסן — קיין רוסלאַנד אויב מעגלאַך, דירעקט אין די לאַפּעס אַרײַן פון דעם בער. וואָס איז דאַן געווען שטאַרק פּאַנאַנדערגעג־ראַזווישעט.

איך שרײַב דאָ ניט מײַן לעבנסגעשיכטע: איך כאַפּ בלויז אַרויס געוויסע עפּיזאָדן כדי צו אילוסטרירן דאָס אָדער יענעם צווישן די זאַכן וואָס איך באַריר אין אָט־די אַרטיקלען, ניט מער.

www.libtool.com.cn



וואָלט דאָס געווען אויטאָביאָגראַפיע, וואָלט דאָ געווען פּלאַץ פאַר אַן אינטערעסאַנטע לעבנס־דערפאַרונג. ווי דאָס איז, וועט גענוג זיין די פאָלגנדע קורצע באַמערקונג:

ווען מען האָט מיר ביים פערטן אַרעסט אין פינף חדשים געזאָגט, אַז איך וועל טראַנספּאָרטירט ווערן „פער צוואַנגסרוטע“ קיין רוסלאַנד, איז דאָס געווען דער שרעקלאַכסטער קלאַפּ פון מיין לעבן. איבערהויפּט, ווען איך פאַרשטייט, אַז איך בין דאַן סתם געווען רואינירט אין יעדער באַציאונג, מיט אַ גרויסע טיפע וואונד אין האַרצן, אַרום וועלכער עס קען איצט ניט גערעדט ווערן.

און ניט אַכטנדיק אויף דאָס אַלץ, האָב איך מיין קלאַפּ ניט מער געפילט ווי אַ מענטש פילט אַ ווייטאָק פון אַ פאַל, וואָס גייט איבער אין אַ פערטל שעה צייט.

איך האָב געהאַט מיין אמונה, מיין גרויסן נייעם גלויבן, אַז איך לייד פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער באַפרייאונג פון דעם דאָזיקן אַרבעטער־קלאַס, פאַר דער אָפּשאַפונג — במהרה בימינו, פאַרגעסט ניט! — פון דער געלט־הערשאַפט, פון דער אונטער־דריקונג פון דעם מענטשן דורך דעם מענטשן.

און די דאָזיקע אמונה האָט מיר געגעבן כוח צו ליידן: זי האָט מיר געבראַכט באַלזאַם פאַר מיינע וואונדן: זי האָט מיך געטרייסט אין מיין נויט, אין מיין עלנט, אין מיין פאַרצווייפלטער לאַגע.

דערזעלביקער טיפער גלויבן אין דעם באַלדיקן טריאומף פון מיין „הייליקער זאַך“, אין דעם זיג פון דעם „אויפגעוועקטן פּראָ־לעטאַריער אין דער גאַנצער וועלט“ האָט מיך ניט געלאָזן פאַר־צווייפלען ווען — אין די 80־ער — עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין מיין געליבטן פראַנקרייך, אַביסל אין דער פרייער בריטאַניע, וואו איך האָב דאַן געלעבט, — אין די צוויי לענדער, וואו מען וואָלט אַזאַ געפאַר דעמאָלט ניט ער־וואַרטעט. דאַן האָט מיך ווידער אַרויסגעראַטעוועט פון „טראַבל“ מיין גרויסע אמונה.

www.libtool.com.cn



פעסט און טיף איז מיר געזעסן דער איד, ער מיט זיין גאַנצן מאַרטירערטום, מיט זיינע אייביקע ליידן, און ווען איך האָב אויפגעשריבן (אין 1884, אינ'ם „פּוילישן אידל“) דעם אַרטיקל „שטיפקינדער אין דער וועלט“ האָב איך די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם אידישן גלות כמעט דורכגעלעבט.

אָבער מיין אמונה אין דעם קינפטיקן זיג פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט האָט מיר געגעבן די מעגלאַכקייט צו זאָגן מיט ישעיה'ם ווערטער: „נחמו, נחמו עמי“. און צו ענדיקן אַן אַרטיקל אין דעם „אַרבעטער פריינט“ אין 1885 מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דערווייל ליידט אָבער פאַרט דער איד מער פאַר אַלעמען? געווים ליידט ער. ער איז דער שוואַכסטער און ליידט דערפאַר דער ערשטער. ער מוז ליידן ביז דער טאָג פון אָפּרעכענונג וועט קומען — — —

„און קומען וועט דער טאָג! גיט נאָר אַ קוק: די קאַפּיטאַליס־טישע אייז הויב אָן צו צוגיין, דער טיראַנישער שניי הויבט אָן צו שמעלצן. דיר איז איצט קעלטער פאַר אַלעמען, אידעלע? וואַרט! נאָך אַ פראָסט, דאַן וועסטו הערן אַ דונער און זען אַ בליץ, און דאַן קומט דער זומער. נאָך איין קאַמף, און דו וועסט זיין, צווישן די פעלקער, אַ ברודער צווישן ברידער.“

---

אַ, ווי מיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי שנעל דער דופק איז געגאַנגען בשעת אָט די שורות זיינען געשריבן געוואָרן! אַ גאַנצער דור, וואָס האָט זינט יענעם טאָג פאַרנומען דעם צענטער פון דער וועלט־סצענע, גייט איצט אַוועק אינ'ם הינטערגרונט, מאַכנדיק פּלאַץ פאַר אַן אַנדער דור. אָבער ווי היינט געדיינק איך די אומשטענדן, די סביבה, דעם סאַמע אָרט וואו אָט דער טיף־רעליגיעזער „נחמו, נחמו עמי“ איז געשריבן געוואָרן.

איך האָב געהאַט אַן אמונה. די דאָזיקע אמונה פעלט מיר היינט.

www.libtool.com.cn



ניין... איך בין, חלילה, ניט אַרויס לתרבות רעה: איך בין ניט געוואָרן קיין רענעגאַט, קיין אַפּטריניקער. פאַרקערט, מיין סאָציאַליסטישע איבערצייגונג איז פיל שטאַרקער ווי אין 1877 אָדער אין 1885.

אָבער דאָס גופא איז טאַקע די צרה. מיין פעסטע איבער־צייגונג האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם אַמאָליקן גלויבן.

איבערצייגט ווערן הייסט זען בחוש, זען וואָס קומט, ווי מען זעט ביינאַכט דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווי מען זעט ביים לעבן דעם קומענדיקן טויט. אָבער דאָן איז שוין קיין אמונה ניטאָ, ווייל איר האָט פאַרשלונגען אַ מאַטעמאַטישע געוויסקייט: ווייל איר פּאָעזיע, איר אומשולד, איר קינדערשע נאַאיוויטעט, איר שיינע אומוויסנהייט איז אַוועק, און דאָס וואָס האָט פאַרנומען איר אָרט איז אפשר געזינטער און קליגער און וויסנשאַפטלאַכער, אָבער אויך פּראָזאַאישער. דאָס קינד מיט זיין חן, מיט זיין ליבן שמייכעלע, מיט זיין תמימות איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך דעם גרויסן, געזונטן, אומגעלומפּערט־שווערן מענטשן, וואָס „טוט" ביזנעס און איז „גוט אָפּ".

און דער גן־עדן התחתון פון דער אַמאָליקער סאָציאַליסטישער אמונה איז פאַרשוואונדן ביי מיר, פונקט ווי אים האָט פאַרלאָרן אדם הראשון אַזוי גיך ווי זיינע אויגן האָבן זיך געעפנט. דאָס איז שוין אַ כלל אַזוינער: קוים פאַרזוכט איר פון דעם בוים פון וויסן (עץ הדעת אויף אונזער אַלטן לשון), ווערט איר, אמת, טאַקע קלוג, אָבער דער גן־עדן אייערער ווערט צוגעמאַכט פאַר אייך.

אָפענע אויגן מיט אמונה גראַמען זיך ניט, אָבער אָן אמונה איז ניטאָ קיין גן־עדן, אָן אַ גן־עדן איז די וועלט אַ פּראָזאַיש־בערזע, בעת אייער נשמה זוכט אַ מוזען־טעמפּל; — אַ בערזע, וואָס פאַרזאָרגט דעם מענטשן מיט תבואה, מיט אייפּס, מיט לעדער, מיט געהילץ און מיט אַנדערע וואָכעדיקע נויטווענדיקייטן, ווען איר גאָרט נאָך האַרמאָניע, נאָך ערהאַבנקייט, נאָך אידעאַלע ליבע.

www.libtool.com.cn



נאך פּולקאַמענעם גליק, לאָז דאָס זיין אין טויזנט יאָר אַרום, כל זמן עס איז פולקאָמען, כל זמן עס איז גליק, כל זמן דאָס וואָס פרידריך שילער רופט „וואַלהאַלאַ׳ס וואַננע“, דאָס וואָס אונזערע חכמים וואָלטן פאַרשטאַנען אונטער די ווערטער: „זיו השכינה“ אין דעם „עולם שכולו טוב“.

מיין „פעסטע איבערצייגונג“ האָט דאָס אַלץ אָפּגעווישט ווי מען ווישט אָפּ אַ שיינעם בילד, געמאָלט מיט קרייד אויף אַ שוואַרצן טאָוול, כדי אויף דעם אָרט צו מאַכן אַ כפל אָדער אַ חיבור, ווען דער חשבון איז וויכטיקער ווי די שיינע פאַנטאַזיע, וואָס דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט.

די אונטערשטע שורה איז. אַז מיר פעלט די סאָציאַליסטישע אמונה אַזוי גוט ווי מיין אַלטע אידישע.

און האָט ניט קיין טעות, קינדער.

דאָס, אין וואָס איך האָב געגלויבט, האָב איך ווירקלאַך גע־האַט, הגם אַזעלכע זאַכן האָבן אין אמת׳ן קיין ממשות ניט געהאַט.

בשעת איך זייט געווען פאַרליבט אין אייער שיינדעלען און אייך האָט זיך געדוכט, אַז איר פּנים, מיט׳ן נעזעלע, מיט די חן־גריבעלאַך, מיט די צוויי שנירעלאַך פּערל אין מויל, מיט די רויט־לאַך־זאַפּטיקע ליפּעלאַך, מיט די אויגעלאַך ווי קערשעלאַך, מיט די פלוימען־בעקעלאַך. — אַז דאָס אַלץ איז פּשוט געטלאַך, חוץ, וואָס איר קעפּעלע איז ניט אין דער ערד רונדער ווי דער קאָפּ פון ווענוס פון מילאָס, איר פיגור, איר טאַליע, אירע פיסעלאַך שענער ווי ביי אַנדערע גריכישע געטינען, — ווען אייך האָט זיך דאָס אַלץ אָפּגעדוכט, איז דאָס אַלץ פאַר אייך ווירקלאַך אַזוי געווען. פאַר אַנדערע ניט. פאַר אייך יאָ. אייער איינבילדונג איז געווען אייער ווירקלאַכקייט, אייער עולם הדמיון איז געווען אַן אמת׳ע וועלט פאַר אייך.

אַזוי איז פאַר דעם מאַמין ביי אידן תחית־המתים (ווען משיח וועט קומען) זיכערער ווי דער אויפשטייען אין דעם דענטיסט׳ס שטול בעת ער נעמט איין גאַז, איידער מען נעמט אים אַרויס

www.libtool.com.cn



אַ צאָן פון מויל. אַזוי אויך פילט ער שוין היינט דעם טעם פון דעם קינפטיקן חלק שור־הבר, מיט די מיטל־שטיק פונ׳ם לויתן, מיט דעם זופ יין המשומר, פילט ער שוין היינט און פאַסמאַקעוועט זיך דערמיט.

אַזוי איז אויך פאַר מיר מיין סאָציאַליסטישער גן־עדן געווען אַ זאַך, וואָס איך האָב שוין, היינט, איז דער איינבילדונג, אין וועלכער איך לעב.

איז געקומען דער וויסנשאַפטלאַכער, עוואָלוציאָניסטישער, לאַנגזאַמער, לאַנגווייליקער סאָציאַליזם, וואָס איז זיכער ווירק־לאַכער פאַר יענעם, וואָס איך האָב פאַרלאָרן, אָבער איך ביז איצט אָן די אמונה, וואָס האָט אַמאָל מיר גליקלאַכער געמאַכט, ווי הונדערט וויסנשאַפטלאַכע ווירקלאַכקייטן.

מיר פעלט דער אַלטער גלויבן און מיר פעלט דער נייער. איך האָב פאַרלאָרן — איינעם נאָך דעם אַנדערן — דעם גן־עדן העליון און דעם גן־עדן התחתון.

.1916

www.libtool.com.cn

## לעבנס־פּאָעזיע

אַ האַרבער וואָרט, ניין? אָבער וואָרט אַ ווײַלינקע.

אײַערע טאַטעס, ליבע לעזער, האָב איך אַמאָל דערציילט דעם פאָלגענדן ענגלישן אַנעקדאָט:

סער וואָלטער סקאָט, דער באַרימטער דיכטער, איז איין טאָג געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין פרוי ערגעץ־וואו אויסן שטאָט. קומענדיק צו אַ באַרג, האָט סער וואָלטער דערזען אַ וואונדער־שיינע לאַנדשאַפט מיט אַ סטאַדע שעפּסעלאַך, וואָס האָבן זיך גע־פּאַשעט אין דער געגנט. זיך ווענדנדיק צו זיין פרוי, האָט ער אויסגערופן אַנטציקט:

„זיינען די דאָזיקע שעפּסעלאַך ניט וואונדערבאַר!"

„יאָ, איבערהויפּט געבראָטענערהייד," האָט די פּראָזאַאישע לײדי סקאָט געענטפערט.

דאָס דערצייל איך איצט איבער, ווייל מיין מח איז אַלץ נאָך באַשעפטיקט מיט דעם אינהאַלט פון דעם פאַריקן קאַפּיטל, און די מעשה'לע וועט אונז שפּעטער צוניץ קומען.

מיר פעלט, האָב איך אייך דערקלערט, אַז אמונה און דאָס האָט צו באַדייטן, אַז מיר פעלט פּאָעזיע אין לעבן — איין בורא ברוך הוא ווייס, נאָך מער ווי אין מיין דיכטונג, און דאָס זאָגנדיק זאָג איך אַ סך.

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע צוריקקערן צו דעם ענין, אַרום וועלכן מיר האָבן זיך אונטערהאַלטן.

ווען דער סאָציאַליזם — לכל הדעות און פון יעדן שטאַנד־פּונקט די גרעסטע דערשיינונג אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט — איז געווען ביי מיר אַן אידעאַל, אַן אוטאָפּיע, — אַן אוטאָפּיע, אויב איר ווילט, מיט אַ וויסנשאַפטלאַכן אונטערשלאַג, בין איך געווען גליקלאַך. איז מיין לעבן געווען פול מיט פּאָעזיע, פול מיט באַגייסטערונג און איך האָב, ווי איר ווייסט שוין, געלעבט, ממש

www.libtool.com.cn



נעלעבט, אין דער וועלט. וואָס מיין האַרץ האָט געזען, הגם ניט די אויגן.

די דאָזיקע וועלט, אַ פרייע, אַ ברידערלאַכע, אַ גערעכטע איז געווען מער אַ י ן מיר ווי פ אַ ר מיר. און דערפאַר האָב איך עס געזען ניט מיט דעם חוש הראיה, ניט מיט דעם זע־אָרגאַן, נאָר מיט'ן האַרצן; מיט די אויגן פון דעם גלויבן וואָס האָט אָנ־געפילט מיין ברוסט, ניט מיט די אויגן אין מיין פּנים, וואָס האָבן געהאַט פאַר זייער עובדא צו באַטראַכטן וואַכעדיקע, פּראָזאַאישע זאַכן, מענטשן און דערשיינונגען.

און ווען דער „זיסער חלום" איז אויפגעשריבן געוואָרן — איך ווייס ניט צי איר האָט עס געלעזן אָדער איר האָט שכל — איז דאָס געווען וויניקער אַ געדיכט, ווי אַ טייל פון דער פּאָעזיע, וואָס האָט אָנגעפילט מיין לעבן.

דעמאָלט איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז איך בין דער ניכ־טערער, אָפן־אויגיקער דיינקער, בעת מיינע פריינט די שונאים פונ'ם אַנאַרכיסטישן לאַגער זיינען דאָס די אוטאָפּיסטן. און מיט וואָס פאַר אַ התפעלות פלעג איך אויף פּאַרזאַמלונגען, דיס־קוטירנדיק די פראַגן מיט אַנאַרכיסטן, דערציילן די מעשה ווענן דעם שניידער, וואָס האָט מיט אַ שטיק קרייט אין האַנט געגעבן זיין ווייב אַ „בילד" פון אַ קלייד, וואָס ער האָט געמיינט איר אויפצונייען לכבוד יום־טוב; ווי עס איז צווישן איר און אים אַרויסגעקומען אַ סכסוך וועגן אַ פאַלב אָדער באַפּוצונג און ווי דער מאַן, ווערנדיק אין כעס אויף זיין ווייב'ס עקשנות, האָט אויס־געשריען: „אויב אַזוי — איז מכות דיר, ניט אַ קלייד, מיין ווייב!" און האָט מיט'ן אַרבל פון זיין בגד מיט איין וויש גע־מאַכט אויס קלייד!

און אַזוי לאַכנדיק פון די שטיף־ברידער (פון איין מאַמען, דער גלייכהייט, הגם פון פאַרשידענע טאַטעס: זייערער איז דאַן געווען באַקונין, דער דריטער מאַן און פּרודאָן דער מאַמעס צוויי־טער), האָב איך ניט באַמערקט, אַז מיין בגד איז אין גרונט גע־

www.libtool.com.cn



נומען, אויך נאָר געווען אַן אויסגעמאָלטער בּילד, געמאַכט מיט קרייט אויף אַ ברעט, נאָר אַביסעלע ענלאַכער צו די בגדים, וואָס מען האָט דעמאָלט געטראָגן, דאָס הייסט, אַלס אידעאַל, ניט אַזוי ווייט פון דער ווירקלאַכקייט, ווי יענער.

און מיין אידעאַל איז געווען אין מיר, און מיין נשמה איז געווען אין אים, ביז דער רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן און דער גאַנצער עסק האָט אָנגענומען אַ נייע געשטאַלט, די געשטאַלט פון אַ לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון אַ וואוקס, וואָס הויבט זיך אָן. קודם, אין דעם סאַמע שוים פון דער זעלבער העסלאַכער ווירקלאַכקייט, וואָס איר פּלאַץ דאַרף דאָס פאַרנעמען די נייע געבורט: אַ וואוקס ווידער וואָס איז באַגלייט מיט אַלערליי קינדער־קראַנקהייטן, מיט פּאָקן און מיט מאַזלען, מיט אַ פאַל אויפ'ן נעזל דאָ, און מיט אַ ביס פון אַ הונט דאָרטן: אַ וואוקס, וואָס גייט פון קינדהייט צו אויסגעוואַקסנהייט, צו מענלאַכקייט, צו זעלבסט־שטענדיקייט, באַגלייט פון דער מיאוס'ער פאַרגאַנגענהייט גופא, אויף דעם וועג צו דער שיינער צוקונפט.

הייסט דאָס, אַז איך האָב זיך אויסגעניכטערט, ניין?

אפשר. אָבער די שברות, דאָס איז, אין תוך, געווען די פּאָעזיע פון מיין לעבן. די דאָזיקע שברות האָט מיר געהאָלפן נ י ט זען די גרויסע שוועריקייטן, די ווייטקייט פון דעם וועג, די דערנער און די גריבער אויף אים, די זיכערע שטורעמס און גוסן פון בייזע רעגנס, בעת דער שוואַרצער, באַוועלקטער הימל איז דער איינציקער דאַך איבער'ן קאָפּ: ניט צו זען דעם געדיכטן וואַלד פוןביידע זייטן וועג, מיט די וועלף און אַנדערע חיות רעות אין אים, וואָס לויערן אויף דעם וואַנדערער, לאַנגזאַם פּראָגרעסירנדיק צום... ניט צום ציל, נאָר צו אַ נייעם עטאַפּ אויף דעם לאַנגן מאַרש פאָרווערטס, וואָס נאָך אים דאַרף קומען אַן אַנדער נייער עטאַפּ און דאַן ווידער איינער...

אויסגעניכטערט! די אויגן געעפנט! עס לעבע די וויסנשאַפט, עס לעבע די וואָרהייט, עס לעבע דער פאָרטשרים, — דער

www.libtool.com.cn



פּאָרטשריט אָן קפיצת־הדרך, דער פּראָגרעס וואָס גייט לאַנגזאַם, אָבער זיכער!

יאָ, דריי „טשירס“ פאַר דער וויסנשאַפט, דער וואַרהייט און דעם פּאָזיטיוויזם: הוררררראַ!

אָבער וואָס איז דאָ צו ריידן? אין דער שכרות איז געוועזן אַ מיטל געגן עסלאַכקייט, געגן האַבונגסטוואָ, פּינסטערניש, פאַר־גוואַלטיקונג, דומהייט און נידערטרעכטיקייט שוין — גלייך — דאָ — היינט! אָבער די וויסנשאַפט אייערע איז אַזוי טרוקן, אַזוי אומסימפּאַטיש, אַזוי גלייכגילטיק צו אַלע ליידן און יסורים, די נשמה־קראַנקהייט און גוף־פאַרקריפּלונג, די ביינקעניש און גאַרע־ניש. און די וואַרהייט אייערע, נאַקעט און אָנטבלויזט פון יעדער קאָלירונג, פון יעדער באַפּוצונג, איז אַזוי אָפּשטויסנד, הגם זי איז — ווער לייקנט עס? — געזונט פאַר׳ן לייב און פאַר׳ן לעבן.

און וואָס איז שייך צום פּראָגרעס, צום פּאָזיטיוויזם, דעם רואיקן, דעם מעטאָדישן, וואָס רירט זיך ניט פון אָרט אָן שפּאָקולן אָבער׳ן נאָז, אָן אַ „טיים־טייבל“ אין בוזים־קעשענע, אָן אַן עלעקטרישן לעמפּל אין איין האַנט און אַ שטעקן אין דער צווייטער. — וואָס איז שייך, זאָג איך, דערצו, איז דאָך גאָר קיין פראַגע ניטאָ, אַז ער איז ווי הערינג־ראָסל לגבי מאַדיירא־זופּ, ווען איר פאַרגלייכט אים מיט דעם אַמאָליקן פּאָרטשריט, אויף די פליגלען פון פּענאַזוס, מיט אַ „שפּאַקטיוו“ ביים אויג, וואָס מאַכט אייך זען פון איין עק־וועלט ביז׳ן צווייטן, מיט אַ ווינש־פינגערל אויף דעם צייג־פינגער פון דער רעכטער האַנט, וואָס גיט אייך אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט.

שכרות? און אַז דאָס איז אַזוי, איז וואָס? וואַרט אַ ווייל־לינקע, איך וועל אַריינהענגען אַ לאַמטערנע אין אייער מוח אַריין.

* * *

וואָס הייסט, נאָך אַלעמען, פּשוט׳ע שכרות, אַט די שכרות געגן וועלכע מען דרשנ׳ט, און מען פּרעדיקט און מען סערמאָנט?

www.libtool.com.cn



די שכרות געגן וועלכע די פּאָליטישע פּראָהיבישאָניסטן און די הייליקע סאַלווויישאַן אַרמי, בילי סאַנדיי, דער געוועזענער בייזבאָל־פּיטשער און וויליאַם דזשענינגס ברייען, דער געוועזענער שני־למלך פון פּרעזידענט ווילסאָן — אַן ערווייטער קייסער, וואָס האָט מער דעה ווי דער געקרוינטער פינפטער דזשאָרדזש און אפשר אפילו ווי זיין שוועסטער־קינד, וואָס זיצט, ניט קענענדיק איינזיצן (ער איז בטבע אַ אומרו) אויף דעם דייטשן טראָן — וואָס זיי אַלע, מיין איך צו זאָגן, זיינען פייער און פלאַם געגן איר?

די דאָזיקע שכרות איז דאָך, אין גרונט גענומען, ניט מער און ניט וויניקער אי די פּאָעזיע אין דעם אומגליקלאַכן אַרימאַנ׳ס לעבן, אָדער זאַגאַר אין דעם וואָכעדיקן, פּוסטן פאַרבלאָזן לעבן פון דעם פעטן בורזשוא.

וואָס איז זי, ווען ניט אַ מיטל צו פאַרגעסן די שמוציקע, אומאינטערעסאַנטע, לומפּיקע ווירקלאַכקייט פון דעם טאָג־טעגלאַכן לעבן אין דער פאַמיליע אָן ליבע, אין קראָם אָן ערלאַכקייט, ביים וואַרשטאַט אָן אינטערעס: אין קלוב אָן פריינט, אויף שמחות וואו קיינער פרייט זיך ניט און יעדער באַרעדט דעם אַנדערן און אַלע צוזאַמען (און איינציקווייז) באַרעדן דעם בעל־שמחה?

און וואָס מיינט איר איז דער קאָרטנשפּיל, אויב ניט אַ מיטל אַרויסצוגיין אויף אַ שעה אָדער צוויי פון דעם טעגלאַכן געשפּאַן, רק אויף דעמזעלבן שאָסיי, איינגעשפּאַנט אין דעמזעלבן פּרנסה־וואָגן, מיט דערזעלבער דוהע פון שקלאַפעריי איבער׳ן האַלז, אונטערגעשריבן פון דעמזעלבן בייטש, דורך דעמזעלבן שמייסער? עס מאַכט ניט אויס צי דער מענטש בצורת פערד — איך מיין, פאַרקערט — איז אַ שקלאַף פון געלט־מאַכעריי אָדער אַ שקלאַף פון געלט־מאַכערס; צי ער שניידעט צו מענטעלאַך און בלוזעס — אָדער ער שניידט אָפּ קופּאָנס און אַרבעטער׳ס יאָרן; צי ער פירט ביכער אָדער אַ פּושקאַרט.

מיינט ניט, אַז איך מאַך דאָ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם שטודירן

www.libtool.com.cn



פון קליין ש"ס. אָסור אַ האָר! שוין דערפֿאַר אַליין ניט, וואָס פֿאַר קאָרטן דאַרף מען ניט אַגיטירן: דער עולם שפּילט, ברוך־השם, אַזוי אויך גענוג. עס וואָלט אפשר שוין לאַנג געווען אַ מיטל צו קדחת ווען דאָקטוירים וואָלטן ניט אַזוי ענטוזיאַסטיש געבאָטן 300 אויף דעם סמך, אַז זיי וועלן צוקויפֿן דאַמע פּיק צום פּינאָקל, אָדער איינהאַנדלען אַזאַ מין אַנדער סאָרט מציאה, אין דעם שפּיל, וואָס דייטשן האָבן אימפּאָרטירט קיין אַמעריקע און אידן צו־צוקערן. ביי אונזערע אבות אבותינו אין פּוילן, ליטע און זאַמוט האָט קיין ליציטאַציע אויף עליות, אָדער אויף אַ פּסוק אין אתה הראית ניט אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל התפּעלות ווי דער „אוקשען" אין דעם דאָזיקן קאָרטנשפּיל. מיין אַגיטאַציע פֿאַר דעם סאָרט שכרות וואָלט געווען אַזוי איבעריק, ווי דער תהלים־זאָגן פֿאַר אַ געזונטן פֿרייסישן דראַגון.

נעמט אַן אַנדער זאַך.

וואָס מיינט איר מאַכט דעם גרויסן עולם לויפֿן צו מעלאָ־דראַמאַטישע פּיעסן, וואָס זיינען, ווי שעקספּיר וואָלט געזאָגט, פֿול מיט גאָרנישט, און אַזוי ווייט פֿון דער אמת'ער וועלט (ניט דער „אמת'ער וועלט"), ווי אַ זייפֿן־בלאָז פֿון אַ לופֿט־באַלאָן? וואָס מאַכט דעמזעלביקן עולם לייענען און זיך לאָבן מיט שונד־ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס קומען פֿון האַצע־פּלאַצע און גייען אַוועק מיט'ן רויך — אַזוי גיך ווי מען האָט זיי איבערגעלייענט? וואָס ברייגנט די גרויסע מאַסן צו די וואַנדלבילדער (די מואָוויס), וואָס שטעלן מייסטנס פֿאַר דעם אינהאַלט פֿון די דאָזיקע שונד־דראַמעס און שונד־ראָמענען, מער ניט זיי האָבן גאָט אין האַרצן און שאַנעוועט אונזערע געפֿילן, און לאָזן אונז ניט הערן די נאַרישע רייד, וואָס געפֿינען זיך אין זייער מקור — אין די שריפֿטן? (מען סטראַשעט מיט „פּיקטשורס". וואָס זאָלן, יאָקבי, טאָקע ריידן אויך, אָבער די געפֿאַר, שיינט מיר, איז לעת עתה נאָך ניט זייער גרויס).

און, גייענדיק נאָך אַ שריט ווייטער, פֿון וואַנען נעמט זיך

www.libtool.com.cn


דער גרויסער ענטוזיאַזם פאַר די פאַרשידענע „גיימס“? אמת, די דאָזיקע גיימס — פון דעם קינדערשן קראָקעט ביז דעם ברוטאַלן פוטבאָל — זיינען זיכער געזינטער אי פאַר'ן גוף, אי פאַר דער נשמה ווי שונד־ראָמאַנען, שונד־פּיעסן און שונד־בילדער, אָבער די אויפרעגונג צוליב זיי איז פיל גרעסער און מער פאַרשפּרייט ווי זי פאַרדינט צו זיין. פון וואַנען, פרעג איך, נעמט זיך אָט די התלהבות, דער איבערנאַטירלאַכער אינטערעס אין פּילקעס מכל המינים?

ווי דערקלערט זיך דאָס, למשל, אַז דעם טאָג ווען עם האַלט ביי אַן אויסברוך פון אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און אמעריקע און דער פּרעזידענט האָט נאָר וואָס ארויסגעשיקט כמעט אַן אול־טימאַטום נאָך בערלין, קומט דער דאָזיקער פּרעזידענט מיט זיין פּלונית'טע, שתחיה, צו דעם ערשטן בייזבאָל־גיים פונ'ם סעזאָן אין וואַשינגטאָן, און שליידערט דעם ערשטן באַל, ווי דער מנהג איז, און זיצט דורך די גאַנצע ניין „אינינגס“, כמעט צוויי שעה צייט, האָפנדיק אַז וואַשינגטאָן וועט באַזיגן ניו יאָרק?

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ מין ענטוזיאַזם ביי די דאָזיקע שפּילן, ביי פערד־רייסעס, ביי באָוט־רייסעס און ביי אַלע אַנדערע אַזעלכע אויפרעגונגען, — אַז ענטוזיאַזם וואָס נעמט אריין ספּעציעל די גאַנצע יוגנט, פילע גיימס זאָגאַר די קינדער, וואָס דערפאַר קענט איר דאָס ניט דערקלערן מיט געלט־זוכט, מיט האַבונסטוואָ, מיט וועלן גיך רייך ווערן, דאָס הייסט, אין יעדנ־פאַל מיט דעם אַליין.

דאַכט זיך: מה זה ועל מה זה?

איז דער תירוץ גאָר איינפאַך. די אַלע זאַכן, ווי די שכרות, וואָס איז עלטער ווי לוט און אפשר אויך ווי נח אַליין, זיינען פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן, וואָס זיין זיידנ'ס אמונה איז ביי אים היינט ניט מער ווי אַ צערעמאָניע און אידעאַלן האָט ער ענטוועדער קיינמאָל ניט געהאַט, אָדער האָט זיי לאַנג שוין פאַרלאָרן, — פאַר אים זיינען די אַלע זאַכן אין אַ געוויסן זין, לעבנס־פּאָעזיע.

www.libtool.com.cn



עטוואָס וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פֿון אַמאָליקע אמונות און אידעאַלע שטרעבונגען, פון יונגע ליבע, מיט שטאַרקער ליידנשאַפט, מיט גרויסער קנאה, וואָס מיר רופֿן איפערזוכט, און אַזוי ווייטער.

און צוריק ריידנדיק, וואָס טוט טאַקע אַ מענטש, ווען זיין שיינדעלע פאַר'כשופ'ט אים שוין ניט מער? ווען, אַ שטייגער, די אוינגעלאַך האָבן שוין ניט מער דעם אַמאָליקן גלאַנץ, און די חן־גריבעלאַך האָבן איבער זיך איינגעפאַלענע באַקן, און די ציינדער־לאַך זיינען שוין געמישטע העלפאַנטביין און גאָלד און ניט איבעריקס ריין, און די גאַנצע שיינדעלע איז שוין האשה מרת שיינע, וואָס וואַקסט איצט כסדר אין דער ברייט און האָט איבער־הויפּט ניט מער דאָס, וואָס אייער שטאַרקע ליבע צו איר האָט אַמאָל געזען אין איר, — אייער ליבע און ווייטער אפשר קיינער ניט. זאָלט איר מיר מוחל זיין.

וואָס טוט איר דאַן? צום רבי'ן פאָרט איר ניט, דאַווענען גייט איר ניט; זייט איר ראַדיקאַל, גייט איר ערגעץ אין אַ פאַר־איין, וואו איר מאַכט „פּאָינטס־אָוו אָרדער" און קאָמיטעס „רע־פּאָרטן פּראָגרעס"; אויב איר רופט זיך סאָציאַליסט וואַרפט איר אייער פּאַרטיי צו אַ „וואָוט" יערן יעסעז, און קומט צו אַ מיטינג איין מאָל אין אַ יובל כדי צו האָבן פון וואָס חוזק צו מאַכן אין דער היים. און לעקטשורס אינטערעסירן אייך שוין ניט מער. און ליטעראַרישע אָוונטן מיט פּאַיאַצסטוואָ און נודנעס, מיט אַ ביסעל קונסט אַן עס־לעפל צולאָזן אין אַ קרוג מוטנע וואַסער — מיט דרשות, וואָס קלעפּן זיך צום אָוונט ווי אַ פּרינציפּ צו אַ רעפּובליקאַנישער פּלאַטפאָרמע. אַט די ליטעראַרישע אָוונטן קריכן אייך שוין פון האַלז.

וואָס בלייבט אייך איבער? ווייל אייער לעבן רייסט זיך פאָרט פון דער וואָכעדיקער ראַמקע, וויל אָרויס, וויל לאַבונג, וויל פּאָעזיע, לאָז זיין סם, לאָז זיין דער טויט אַליין... וואָס־זשע טוט איר? קלייבט איר זיך עפּעס אויס צווישן די אויסגערעכנטע אויפרעגונגען: טרינקט איר, געמבלט איר, פאַרנעמט איר אייער

www.libtool.com.cn


מח און פּילט אַז אייער האַרץ מיט גיימס, מיט רייסעס; מיט אַנדערע אַזעלכע זאַכן.

דאָס אַלץ און דערצו נאָך טאַבאַק און אָפּיום, חוץ די פאַר־שידענע מינים שונד, הויבן אייך אַרויס פון דעם זומפּ, וואָס רופט זיך אַלטעגלאַכער לעבן.

און וויפיל דרשות און וויפיל סערמאָנס עס וועלן ניט גע־האַלטן ווערן, דער עולם וועט זיך טאָן דאָס זייניקע. ער וועט עס טאָן, געדיינקט, ניט ווייל ער האָט ניט קיין נשמה, נאַר, פאַרקערט, ווייל ער האָט.

נו, און איך? איך, וואָס טרינק ניט, און שפּיל ניט, און האָב קיין געשמאַק ניט פאַר שונד, און וועט זיך מיט קיינעם ניט און בין ניט קיין גרויסער בקי אין גיימס, און דויכער דערצו אויך ניט?

פעלט מיר טאַקע לעבנס־פּאָעזיע, און פעלט מיר שטאַרק.. ווייל וועדליג נאָך מיין טעמפּעראַמענט נאָך דאַרף איך פיל.

אָבער איך רייד דאָ ניט וועגן זיך אַלס אַ פּערזאָן. איך בין דאָ פאַר אייך אַ מענטש, וואָס אים פעלט אַלץ, מחמת ער האָט ניט דאָס וואָס דער פאָטער זיינער האָט געהאַט, ניט וואָס די קינדער וועלן האָבן. דאָרט איז ניט קיין פראַגע, וואָס איך — אַ געוויסער צווייפיסיקער מענטש — האָב געקענט האָבן און האָב ניט. דאָ רעדט זיך וועגן דעם דור וואָס איז ניט אהין, ניט אהער.

איז די אונטערשטע שורה:

מיין טאַטנ'ס אמונה האָב איך שוין לאַנג ניט. און סאָציאַ־ליזם איז אַ פּשוט'ער צוויי־מאָל־צוויי־איז־פיר: ער וועט מקוים פאַר מיינע אויגן אויף זייער אַ פּראָזאַאישן אופן פון טאָג־צו־טאָג.

און די שעפּסעלאַך, וואָס איז דאָ צו לייקענען? זיינען, גע־בראָטענע, זייער געשמאַק. אָבער מיר פעלט די פּאָעזיע פון דער לאַנדשאַפט, פון דעם בלויען הימל, איבער די גרינע גראָז מיט דעם שטילן ווינטעלע היינט, און דעם קנאַלנדיקן דונער מאָרגן.

ליידי סקאַט טאַקע ניט, מיר פעלט עס.

www.libtool.com.cn

# אַ פּאָלק

שטעלט זיך פֿאָר, אַז איך זאָג אײַך.

„מיר, אַמעריקאַנער, מוזן זען אַז אונזער רעגירונג זאָל אונז ניט לעכערלאַך מאַכן אין די אויגן פֿון אונזערע שכנים. ווען אונזערע בירגער ווערן געמאָרדעט דורך באַנדיטן און די רעגירונג פֿון מעקסיקאַ באַווײַזט פֿאַר דער גאַנצער וועלט; אַז זי אַליין איז ניט פֿייאיק די באַנדע אויסצוראָטן, לייגט זי אונז שטיינער אין וועג ווען מיר נעמען זיך צו דער דאָזיקער שייקע פֿון גנבים און גזלנים. דאַן ווערט עס אונזער הייליקע פֿליכט צו מאָביליזירן וואָס גיכער אונזער אַרמיי און צו מאַכן קאַמף־גרייט אונזער מעכטיקן פֿלאָט. שוין גאָר ניט רעדנדיק דערפֿון, וואָס דער לעבן פֿון יעדן אַמעריקאַנער דאַרף זײַן זיכער און הייליק, וואו אונזערער אַ בירגער זאָל זיך ניט געפֿינען. איז סתּם שטענדיק אונזער אויפֿגאַבע צו זען, אַז דער נאָמען אַמעריקאַנער זאָל ניט ווערן באַליידיקט און די פֿאָן — די שטערן־באַשפּרינקלטע פֿאָן — דער סימבאָל פֿון אונזער נאַציאָנאַלער איינִיקייט, פֿון אונזער אומאָפּהענגיקייט און פֿרייהייט, פֿון דאָס אַלץ, פֿאַר וואָס אונזערע עלטערן האָבן פֿאַרגאָסן זייער בלוט, זאָל ווערן רעספּעקטירט פֿון מזרח ביז מערב און פֿון צפֿון ביז דרום.“

שטעלט זיך פֿאָר, זאָג איך, אַז איך רעד צו אײַך אויף דעם אופֿן.

ווערליג ווי מײַנער אַ פֿרײַנט. וואָס איז צו „ביזי“ צו לייענען די דאָזיקע קאַפּיטלען, גלויבט (וואָס מען זעט ניט מיט די אויגן מוז מען, פֿאַרשטייט זיך, גלויבן). בין איך געוואָרן אַ בעל תּשובֿה אויף דער עלטער.. ער, און ניט ער אַליין, וואָלט זיך אפֿשר ניט וואונדערן אויף דעם פּאַטריאָטישן טאָן פֿון דער דאָזיקער זאָגאַכץ. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה ? —קלערט ער — ווען אַ מענטש קומט אַזוי ווײַט, אַז אים פֿעלט אמונה, אַ פֿאָטערלאַנד, אַ יום־טובֿ און

www.libtool.com.cn



אנדערע אַזעלכע אַלטע, פאַרשימלטע נאַרישקייטן, זאַכן פון וועלכע מיר האָבן זיך שוין לאַנג עמאַנציפּירט, דאָן איז ניט מער ווי רעכט, אַז ער זאָל ווערן אַ פּאַטריאָטישער שרייבער אויך.

איר אָבער, וואָס אייך קען איך ניט פערזענלאַך און ווייס ניט צי איר זייט, אָדער איר זייט ניט, מיינע פריינט, איר האָט זיכער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אויבן אַלץ געזאָגט געוואָרן בלשון סגי־נהור.

אַזוי האָט איר אויך פאַרשטאַנען, אַז דער צוועק פון דעם דאָזיקן זאָג איז געווען אייך צו ווייזן, ווי לעכערלאַך אַזעלכע רייד קלינגען אין דעם מויל פון אַ אידן, אַ זון פון ר׳ זיסל לייבל־עלקעס: אַן אַמאָליקן דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ רוסיש־דייטש־פראַנצויזישן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס איז געווען פופצן יאָר אַ תושב פון ענגלאַנד, דאָרטן קנעלנדיק מיט אידישע אַרבעטער און קעמפנדיק מיט לאָנדאָנער טומאַנעס אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך סוף כל סוף געמוזט אונטערגעבן און זיך אַרבערקרווישקען קיין אַמעריקע איידער די אַסטמאַ האָט פּאַספּייעט גובר צו זיין זיין (דאָס הייסט: מיין) רעוואָלוציאָנערן גייסט מיט׳ן קערפּער מיט אַלעמען, דערביי האָב איך ניט געהאַט קיין לעבנספאַרזיכערונג פאַר׳ן גוף און נאָך ווייניקער פאַר׳ן „גייסט“.

נאָר איך האָב זיך פאַררעדט. נחזור לענינינו.

ווען אַ איד אין מיינע יאָרן און מיט מיין פאַרגאַנגענהייט רעדט און זאָגט: „מיר אַמעריקאַנער“, „אונזער רעגירונג“, „אונזערע שכנים“, „אונזערע בירגער“ און אַזוי ווייטער און אַזוי דומער ביז צו דער פּאָן, „אונזער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט“ פאַר, וועלכע „אונזערע עלטערן האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט“, — ווען אַ איד ווי איך רעדט אַזוי, פילט איך עפּעס אַזוי ווי אַ מויז וואָלט אַריבערגעלאָפן איבער אייער צימבל.

יעדער „אונזער“, יעדער „מיר“ און יעדער „אונז“ קומט אייך פאַר קאָמיש, קלינגט אין אייערע אויערן ווי אַ העסלאַכער מיס־

www.libtool.com.cn



טאַן און דאָס אַלץ ווי אַסימילירט, ווי אַמעריקאַניזירט, ווי אויס־געאידישט און איינגעיענקי'ט איר זאָלט ניט זיין: ווי לאַנג דער „סקי" און דער „אָוויץ" זאָלן ניט זיין אַפּגעשניטן פון אייער היימישן נאָמען; ווי לאַנג אייערע וואַנצעס זאָלן ניט זיין אָפּ־געגאָלט און ווי באַהאַוונט איר זאָלט ניט זיין אין דער נאַטור־געשיכטע פון אַלע פּרייז־פּייטערס און אין דעם שלשלת היוחסין פון די באַרימטע אַמעריקאַנער רייס־פּערד.

הייסט עס, אַז אַוועקליינענדיק אַן אַ זייט דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט פון מיין זאַג, וואָלט אייך פּשוט שאָקירט דער טאָן, דער „מי פּאַחאַלי", דער אַריינגעמען זיך אין דעם כלל פון דעם אמת'ן אַמיריקאַנער פאָלק.

זייער גוט. איז אָבער די פראַגע, פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי? אין די אויגן פון דעם היגן געזעץ בין איך אַזאַ מיוחס, ווי וואודראָ ווילסאָן. מער ניט איך מוז וואַרטן ביז'ן צווייטן גלגול איידער איך זאָל קענען ווערן, ווי ער, אַ פּרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס, אַ ריכטער, אַ גובערנאַטאָר, אַ שטאַטישער „גאַלאָוואַ", אַ געזעצגעבער, אַ פּאָליציי־מייסטער און אַ תליון קען איך שוין זיין. אפילו פּרעזידענט קען איך נאָך ווערן, הגם בלויז פון דער חברה משכיל אל דל, אנשי טוניעיאַראַוואָקע, און פּרעזידענט איז פּרעזידענט, איר מעגט זאָגן וואָס איר ווילט.

פאַרוואָס זאָל איך, אַ בירגער מיט „פּייפּערס", וואָס הויבן שוין אַן צו האָבן אַ געלן ראַנד אַרום די ברעגעס, ניט קענען אַזוי ריידן און קיינער זאָל ניט שמייכלען מעשה אַפּלאַכער?

פאַרוואָס ניט?

פּשוט דערפאַר, ווייל אין דער אמת'ן איז טאַקע די היגע „נאַציע" ניט מיינע און איך בין ניט אירער, הגם זי ציילט מיך צום מנין, און האַלט מיך אין איר סקאַזקע, און — ווען איך „באַהייוו" זיך — לאָזט זי מיך אַפּלעקן אַ ביינדל פון דעם קהל'שן אינדיק, ווייל איך האָב, אַ שטייגער, אַ חלק אין די קאַנאַפּליעס, מיט וועלכע דער דאָזיקער אינדיק ווערט געשטאָפּט; ווייל,

www.libtool.com.cn



פראַסטער גערעדט, איך צאָל, דירעקט אָדער אומדירעקט, טעקסעס אין דער קהל'שער קופּה אַריין.

ניין. איך מאַך זיך לעבערלאַך ווען איך רייד וועגן די אמעריקאַנער אַלס מיין פאָלק, צי דער גֶזוּנץ דערלויבט עס מיר אָדער ניט. אַ טויבער דערהערט דעם דיסאָנאַנץ אין דער פראַזע, וואָס אַזאַ וואָרט קומט אַריין.

און דאָ מוז איך מאַכן אַן אָפּשטעל, כּדי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער מכח די אַמעריקאַנער אַלס נאַציע בכלל.

---

אין קיין לאַנד אין דער וועלט, ווייניקסטנס ניט צווישן די לענדער פון וועלכע איך האָב אַ שטיקל ידיעה, איז דאָס וואָרט נאַציאָנאַל אַזוי הייליק און אַזוי ביליק אין איין און דערזעלבער צייט, ווי ביי אונז אין אַמעריקע, צווישן די „עכטע" אַמעריקאַנער.

זיי געברויכן דעם וואָרט „נאַציע" אומעטום, וואו נאָר עפּעס ווערט אַריינגעהויבן אין הימל. בעת אין ענגלאַנד, למשל, וואָלט מען אין אַזאַ פאַל געזאָגט „די מדינה": „אין דהי ניישאָן" איז דאָ דער געוויינלאַכער אויסדרוק. חוץ דעם איז אַ באַנק וואָס האָט אַ טשאַרטער פאַר דער גאַנצער מדינה ניט פעדעראַל דאָ, נאָר נאַציאָנאַל. און אַזאַ „נאַציאָנאַלע" באַנק איז ניט נאָר ניט נאַציאָנאַל אין דעם זין, אין וועלכן דאָס וואָלט קענען זיין (און זיך רופן) די דייטשע רייכסבאַנק, אָדער דער רוסישער „גאָסודאַרסטווענני באַנק", הגם ער (אין רוסלאַנד איז אַ באַנק אַן ער, אין דייטשלאַנד אַ זי, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד אַ באַשעפעניש אָן אַ געשלעכט, אַ שטייגער ווי אַ מלאך ביי די אומות העולם, אַלזאָ, הגם ער) האָט פיל ברענטשעס.

איך האָב זיך פאַרפלאָנטערט. נאָך אַמאָל:

אַזאַ נאַציאָנאַלע באַנק איז ניט נאָר ניט אַזוי נאַציאָנאַל ווי, כאַפּט אייך אָן, די ציוניסטישע באַנק איז דאָס, נאָר אין יעדער שטאָט און יעדער שטעטל, געפינט איר אַזאַ מין אינסטיטוציע בדרך כלל, ווען דאָ ווערט פון אַ דערפל אַ שטעטל, אפשר נאָך

www.libtool.com.cn



פריער, קומט צוזאמען מיט דער טעגלאַבער צייטונג א באנק, וואָס רופט זיך געוויינטלאך „ערשטע נאַציאָנאַלע באנק" — ער־שטע, ווייל מען רעכנט, אז באלד וועט קומען א צווייטע, א דריטע. און אזוי ווייטער. ביי אונז אין ניו יאָרק זיינען כמעט דאָ אזוי פיל נאַציאָנאַלע באנקען, ווי מכות אין דער הגדה, נאָך דעם מאן־דאמר נאָך, אז פּרעה'ס קלעפּ זיינען צען מאָל פינף־און־צוואנציק, אנשטאָט איינפאך צען, ווי אונזער חומש וויל האָבן.

אָבער חוץ באנקען, זיינען דאָ פאראן נאַציאָנאַלע אינסטיטו־ציעס אָן א שיעור און אָן אן ערך. דאָס מאכט שוין דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל" זייער וואָלוול. אין גרייטער ניו יאָרק אליין וועט איר געפינען ניט ווייניקער ווי 800 (אכט הונדערט!) קלענערע און גרעסערע קאָמפּאַניס, געשעפטן, פאראיינען און אנדערע אזעל־כע זאכן, וואָס רופן זיך נאַציאָנאַל. איר קענט באגעגענען צווישן די היגע „נאַציאָנאַלע" אונטערנעמונגען אלץ אין דער וועלט, פון א נאַציאָנאַלע אקאַדעמיע פון מוזיק ביז א נאַציאָנאַלע געזעלשאפט פון פארטוכער.

מיט אנדערע ווערטער: אין דערזעלבער צייט ווען דער אמע־ריקאנער רעדט אוים דעם וואָרט נאַציע מיט „ערנפורכט" און שטאָלץ, פארוועגדעט ער אים אומעטום וואו נאָר מען קען דערמיט ארייגשלעפּן א קונד אין קראָם אריין. דאָס טוט ער, פארבייגיי־ענדיק, מיט זיין פאָן אויך, וועלכע איז אויך א מין הייליקטום, וואָס העלפט טאָן ביזנעס, אפילו שערן בערד.

דער אמעריקאנער וואָרפט זיך ארום מיט דעם וואָרט נאַ־ציאָנאַל, אפשר טאקע דערפאר, ווייל אין גרונט הארצן פילט ער אז ער איז נאָך דערווייל ניט מער אָן אמת'ע נאַציע מיט אן איינהייטלאכן לשון, אין וועלכן אלע בירגער זיינען געבאָרן, מיט איינהייטלאכע טראַדיציעס, מיט אן איינהייטלאכע געשיכטע — ווי דאָס איז געווען דער דור הפלגה פארצייטן. און פונקט ווי א מענטש רימט זיך געוויינטלאך דוקא מיט דאָס, וואָס ער האָט ניט, אזוי טוען אויך גאנצע מדינות, וואָס דארפן ערשט מיט דער

www.libtool.com.cn



צייט ווערן דאָס, וואָס זיי מיינען, אז זיי זיינען און פאר וואָס זיי וואָלטן וועלן, אז מען זאָל זיי האַלטן.

דערווייל איז דאָ אין די 48 סטייטס אן ערב־רב פון הונדערט מיליאָן מענטשן צונויפגעשטעלט פון אַלע אומות, פון אַלע ראסן, קאָלירן און גלויבנס. אפשר וועלן זיי אמאָל זיך צונויפגיסן און ווערן איין גרויסע מאסע, הגם איך צווייפל אין דעם זייער שטאַרק. אָבער דערווייל איז די מדינה, אין וועלכער מיר לעבן, קינסטלאַך, צונויפגעשטעלט פון אלערליי מענטשן, וואָס שרייען אין איין קול: „מיר זיינען א נאַציע", פונקט ווי א שכור'ער שרייט, אז ער איז ניכטער — יע. און בעת מעשה פּלאָנטערט זיך ביי אים דער צונג אין מויל, טאקע ווי ביי אונזערע שרייערס.

---

„דער לאנגען רעדע קורצער זין" איז, אז אפילו ווען איך זאָל וועלן זיך אָנשליסן אן דעם אמעריקאנער כדי צו געהערן צו זיין פאָלק, א שטיינער ווי א אינגל צעפּעט זיך אָן פון הינטן אָן א וואגן בעת דער בעל עגלה זעט ניט, קען איך דאָס דאָ ניט טאָן, ווייל עס איז קיין פאָלק ניטאָ.

בלייבט מיר מיין פאָלק, מיין טאטע'ס און זיידע'ס פאָלק, דאָס פאָלק וואָס ראנגלט זיך מיט'ן טויט שוין איבער צוויי טויזנט יאָר. איז אָבער די צרה . . . נאָר ווארט א ווייל'ינקע, איך קען ביי די דאָזיקע ווערטער ניט ארויסקריגן פון די געדאנקען א גע־וויסע אידישע לעגענדע, וואָס פאַרפאָלגט מיך שטענדיק ווען איד—אלס סאָציאַליסט — טראַכט, וועגן די אומשטערבלאַכקייט פון דעם אידישן פאָלק.

אָט איז די לעגענדע:

ר' יהושע בן לוי איז געווען א גרויסער צדיק. ווען זיין צייט איז געקומען צום שטאַרבן האָט מען צו אים געשיקט דעם מלאך־המות.

דער ניט־גוטער האָט געוואוסט, אז אזוי דיר ניט — מיר ניט קריגט מען ביי ר' יהושע בן לוי די נשמה ניט ארויס.

www.libtool.com.cn



„זאָל איך גיין?“ האָט ער געפרעגט.
„גיי!“ האָט מען אים געזאָגט.
דער מלאך המות איז געקומען צום צדיק און האָט אים גע־זאָגט:
„דיין צייט איז געקומען, זיך צו געזעגענען מיט דער וועלט“.
„זייער גוט, איך בין מרוצה פון דאנען אוועקצוגיין, אָבער מיט איין תנאי“.
— „היינו?“ פרעגט דער ניט־גוטער.
„בתנאי“, זאָגט ר׳ יהושע, „אַז דו זאָלסט מיר פריהער ווייזן מיין אָרט אין גן־עדן“.
דער מלאך־המות וויל אים א הויב טאָן אין דער הויך. אָבער דער צדיק, ווייל זיך באוואָרענען און נעמט אויס נאָך א תנאי, און דאָס איז, אז איידער זיי הויבן אָן די נסיעה צום הימל צו, זאָל דער מלאך אים געבן זיין חלף צוצוהאַלטן, כדי צו פארמיידן עקסידענטס: מאַלע וואָס קען טרעפן.
אים איז אַלץ נאָכגעגעבן געוואָרן און דער מענטשן־שוחט האָט אים געהויבן און געהויבן, אַלץ העכער און העכער, ביז ער האָט אים געבראַכט צום גן־עדן.
ער איז צוגעקומען צום סאַמע טויער און אין דעם אויגנבליק ווען דער מלאך המות האָט אים געוויזן זיין אָרט, האָט ר׳ יהושע אים אָפּגעטאָן א שפיצל און איז אריינגעשפרונגען לעבעדיקער־הייט אין גן־עדן.
וואָס נאָכדעם האָט פּאַסירט קען אייך ווייניק־וואָס אינטע־רעסירן. צוליב דאָס, וואָס איך וויל דאָ אויספירן איז אפילו דער שיינער סוף מיט׳ן נצחון איבער׳ן מלאך המות אויך ניט וויכטיק.
וויכטיק פאר אונז איז דאָ דער פאקט גופא, וואָס ר׳ יהושע בן לוי האָט אָן פיל טענות איינפאך ניט געגעבן זיין הסכמה אויף זיין אייגענעם טויט סיידן מען וועט אים ווייזן זיין אָרט אינ׳ם פּאַראַדיז.
און וויכטיק איז עס דערפאר, ווייל מיט דעם אידישן פאָלק

www.libtool.com.cn



וועט, משמעות, פּאַסירן דיזעלביקע מעשה.

ווען ישראליק׳ס צייט וועט קומען זיך אָפּצוטראָגן פון דער וועלט און א פריינטלאַכער מלאך־המות וועט אפשר צו אים קומען און זאָגן:

„ר׳ ישראל, איר האָט גענוג געלעבט . . . דריי טויזנט, פיר טויזנט יאָר, וויפיל איז דאָס דער שיעור? און אָפּגעפינסטערט א לעבן האָט איר אויך . . . קומט, מאַכט ניט קיין שהיות . . . אגב פיר איך אייך אין אַן אָרט וואו צדיקים לעבן אין דעם גלאַנץ פון דער שכינה, אין גלייכהייט און ברידערלאַכקייט“. . .

ווען דאָס וועט האַלטן אַזוי ווייט, וועט ישראליק, קלער איך, נאָכטאָן ר׳ יהושע בן לוי, און וועט ניט גיין פון דער וועלט, סיידן מען וועט אים ווייזן זיין אָרט אין דעם נייעם גן־עדן און ער וועט קענען אהין אריינשפּרינגען און טאַקע ל ע ב ע ד י ק ע ר ה י י ט.

—און איצט, אַזוי ווי איך בין פּטור געוואָרן פון דער דאָזיקער לעגענדע, קען איך זיך אומקערן צו דעם ענין, וואָס מיר האָבן פאַר זיך.

נאָך אַמאָל: מיר בלייבט איבער מיין פּאָלק, דאָס פּאָלק, וואָס ראַנגלט זיך מיט׳ן טויט אַזאַ לאַנגע צייט. איז אָבער די צרה — דאָ האָט זיך מיין וועגל אָפּגעשטעלט, אויב איר געדיינקט — איז די צרה, וואָס מיין פּאָלק איז פאַר מיר ניט דאָס, וואָס זשול גערדס*) פּאָלק איז פאַר אים, למשל.

ער, ווען ער רעדט, וועגן זיין פּאָלק, דעם פראַנצויזישן פּאָלק, האָט ער פאַר זיך און אַרום זיך אַן איינגעפונדעוועטע אומה, א גאַנצע אומה, אויף איין אָרט, מיט איין שפּראַך. מיט דערזעלבער פאַרגאַנגענהייט מיט דעמזעלביקן איצטער און מיט דערזעלבער צוקונפט.

ער פילט זיך א י י נ ס מיט זיין פּאָלק און זיין פּאָלק פילט זיך א י י נ ס מיט דער מדינה, און די מדינה פילט זיך

*) דער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן.

www.libtool.com.cn



א י י נ ס מיט די פראַנצויזן, אפילו אין מרחקים.

ער, גער, האָט אין דעם פולן זין פונ'ם וואָרט א פאָלק. אזוי האָט דער ענגלענדער, דער דייטש, דער איטאַליענער און יעדער אַנדערער צווישן די נאָרמאַלע מענטשן.

איך ניט.

אפילו לאָזנדיק אָן א זייט דעם פאַקט, וואָס מיין פאָלק איז ניט איינס מיט דער מדינה, ריכטיקער, מיט די מדינות וואו עס לעבט, אָדער וואוינט, אָדער האַלט זיך אויף (אויף א ווײַלע, מעשה גאַסט), איז נאָך דאָ אַנאַנדער שטער צו מיין פילן זיך ווי עס פילן זיך מיינע חברים ביי אנדערע פעלקער.

מיין פאָלק איז זיכער דער ליטווישער איד; ניט אזוי זיכער מ י י נ ס איז דער פוילישער, אָבער אַלץ נאָך מיין פאָלק; א האַרעלע נאָך ווייניקער מיינער איז דער גאַליציאַנער און רומעני־שער איד.

אין דער טעאָריע זיינען מיר אַלע זיכער איין פאָלק, אָבער אין לעבן איז שוין דאָס אביסעלע אנדערש. אָן אייגענער און פאַרט ניט קיין אייגענער, עפּעס פעלט. . . .

פונדעסטוועגן איז דאָס נאָך קיין סכנה ניט: אזעלכעס גע־פינט איר אין א געוויסן זין ביי אנדערע פעלקער אויך. די הויפּט זאַך איז אָבער, אז דער דייטשער איד, דער פראַנצויזישער, דער שפּאַנישער (ספרדי) איד איז שוין גאָר ווייט פון מיר און אַלס סאָציאַליסט פיל איך זיך נעענטער צום פראַנצויזישן חבר, וואָס איז א גוי, ווי צום פראַנצויזישן אידן, וואָס איז מיינער א געגנער.

און דאָן די יאָרן און יאָרן אינ'ם קלאַסנקאַמף.

...נעמט אָט די אַלע פאַבריקאַנטן פון ווערלבע א סך זיינען מיינע לאַנדסלייט, מענטשן פון מיין אמת'ן פאָלק — קאָוונער, ווילנער, מינסקער א. אז. וו. — זיינען זיי מיין פאָלק? מיין פאָלק, אפילו אין צייטן פון סטרייקס? מיין פאָלק ווען . . . נאָר איר פארשטייט וואָס איך מיין אפשר. אָבער . . . נאָר לאָז זיין.

דער עיקר איז, אז אזוי אָדער אנדערש, מיר פעלט א פאָלק.

1916

www.libtool.com.cn

## א ליטעראַטור

דאָס קלערט איר, הייסט שוין גאָר פּראָסט: פּריש, געזונט און משוגע.

אים פעלט א ליטעראַטור?! א איד און אים פעלט א ליטעראַטור!!! מיר האָבן צופיל ליטעראַטורן, דאכט זיך.

אָט האָט איר זיך אליין געענטפערט. מיר פעלט טאַקע איינע ווייל איך האָב א סך.

ווען שלמה המלך האָט געזאָגט, אז ער האָט צווישן טויזנט פרויען ניט געפונען איינע א רעכטע, איז דער זאָג זיינער אפשר ניט געווען — ווייניקסטענס, אין זיין צייט — קיין זייער נאַרישער פאַר אזא לאַנד־חכם ווי ער, אָבער זיין מעטאָדע איז זיכער געווען א פאַלשע. ווער עס רינגלט זיך אַרום מיט אזוי פיל ווייבער, קען ניט דערוואַרטן אויסצוגעפינען די איינע, די אמת׳ע, די רעכטע, די וואָס זאָל זיין זיינע, ווייל ער וועט זיין אירער; אינגאַנצן אירער, ווייל זי איז אינגאַנצן זיינע. ער האָט ניט געדאַרפט וואַנדערן זייער ווייט צו אַנטדעקן אָט דעם איינפאַכן אמת: ער האָט נאָר געדאַרפט לייענען דעם שיר השירים, וואָס מען זאָגט, אז ער האָט געשריבן. „דודי לי ואני לו, הרועה בשושנים“! רופט אויס זיין פּאַסטוטשקע אין איין אָרט און זאָגט, איבערדרייענדיק דעם סדר אין אַן אַנדער אָרט, „אני לדודי ודודי לי, הרועה בשושנים“! זי איז געווען ביי דעם פּאַסטוך איינע און א רעכטע, ווייל ער האָט ניט געקליבן צווישן טויזנט, און ווייל ער איז געווען איינער, דער איינציקער ביי איר.

כדי, אז איר זאָלט האָבן א ליטעראַטור, דאַרף זי זיין אייערע, און איר דאַרפט זיך אָפּשפּיגלען אין איר. אייער לעבן דאַרף זיין דער יסוד, אויף וועלכן זי איז געבויט און אין איר דאַרפט איר געפינען א נחת־רוח, א לייטענדן גייסט און א לייטענדן איינפלוס. זי דאַרף האָבן טיפע וואָרצלען אין אייער פאַרגאַנגענהייט און איר

www.libtool.com.cn



דארפט זיך דערקוויקן מיט איר פרוכט, בויענדיק אייער צוקונפט.
האָב איך אזא ליטעראטור? ניין. פארוואָס? אַט טאקע דערפאר, ווייל איך בין א מענטש פון דעם דור, וואָס רעדט אלער־ליי שפּראכן און ניט איינע פון זיי איז זיינע.

מיין פאָטער האָט געהאַט אזא ליטעראטור, זיך ניט שטאַרק קימענרנדיק צו זי האָט געהייסן אַזוי אָדער אַנדערש. ער האָט געהאַט זיין תנ"ך, און זיין עין יעקב, און דעם תרגום שני און דעם אבן עזר און ר' יהודה הלוי און ר' שלמה בן גבירול און הונדערט אנדערע, וועלכע האָבן אים געגעבן שפּייז פאַר זיין גייסט אין דער שפּראך, וואָס ער האָט גערופן — און מיט רעכט גערופן — זיינע, זיין פאָטער־שפּראַך, אויב ניט זיין מוטער־שפּראַך, די שפּראך פון די נביאים וועלכע איז ביי אים געווען צונויפגעגאָסן ווי זיין גלאָז טיי מיט די מילך, מיט דעם לשון פונ'ם תרגום־אונקלס און דעם לשון פון דער משנה.

מיין פאָטער האָט זיך ניט שטאַרק געקימערט ווי איר וועט קלאסיפיצירן זיין „אז ישיר", אָדער יעקב אבינו'ס ברכות, אָדער בלעם'ס לויב־געזאנג אויף די אידן, וועלכע בלק האָט געוואָלט, אז ער זאָל שילטן; אים, דעם טאַטן מיינעם, האָט ניט שטאַרק אוים־געמאַכט אונטער וואָס פאַר א קאַטעגאָריע איר וועט שטעלן דבורה'ס שירה, אָדער דוד'ס וואונדערבארן קלאָג אויף שאול'ס טויט, אָדער משה'ס „האזינו".

ער האָט געוואוסט, אז זיין נשמה לאַבט זיך מיט די אלע זאכן, צי זייער מקור איז דורך און דורך געטלאך, אָדער בלויז האלב־געטלאך און האלב־מענטשלאך.

ער האָט געפילט מיט'ן הארצן די פּאָעזיע פון דעם פרק שירה און די שיינקייטן פון די שטאַרקסטע קאַפּיטלאך תהלים. ער האָט ניט געפרעגט ווי די כרעסטאָמאַטיעס ווילן האָבן, אז קינדער זאָלן אַט די אלע זאכן אַנרופן, כל זמן מען האָט פון זיי הנאה.

און ער האָט געהאַט זיין רמב"ם און זיין כוזרי און זיין „חובת הלבבות" און הונדערט אנדערע אַזעלכע ספרים אין זיין דריי

www.libtool.com.cn



טויזנט יאָריקער ליטעראטור — א ליטעראטור, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן מיט „בראשית“ און האָט זיך געענדיקט מיט קלמן־שולמאַנ׳ס „דברי ימי עולם“ פון איין זייט, און מיט דעם קאָוונער רב׳ס (ר׳ יצחק אלחנן׳ס) „באר יצחק“ פון דער אנדער זייט.

און דאָס איז געווען זיינס, זיין ליטעראטור, ווי ער איז געווען אירער. ער האָט געלעבט אין איר און זי האָט געפונען איר פאַרברייטער און פאַרשפּרייטער אין אים.

וואָלט ער עפּעס געשריבן, וואָלט ער זי רייכער געמאַכט, אליין גאָרניט פאַרלירנדיק. האָט ער עפּעס פון איר גענאָסן, האָט ער פּראָפיטירט, אָן היזק פאַר איר.

„ישראל ואורייתא חד נינהו“ — מאַכט דער טייטש: מיין אַלטער און זיין ליטעראטור זיינען געווען ענג פאַרבונדן, צונויפגעוואַקסן, ביידע איינס. און צונויפגעוואַקסן, פאַרשטייט מיך ריכטיק, ניט ווי דער סיאַמעזישער צווילינג, ביי וועלכן צוויי קערפּערס זיינען געווען פון דער נאַטור (נעגן די נאַטירלאַכקייט) צוזאַמענגעשלאָסן אַזוי, אַז פיר פּאָר פיס האָבן אויף זיך געטראָגן צוויי מענטשלאַכע גופים מיט צוויי קעפּ, און אין זיי צוויי באַזונדערע נשמות. נאָר טאַקע אָרגאַניש פאַראייניקט, צוויי אין איינעם — ביידע איינס.

און דער תלמוד, מיט זיינע מפרשים, איז פאַר אים געווען זיין ענציקלאָפּעדיא — ענציקלאָפּעדיא יודאַאיקאַ, פאַרשטייט זיך—און ער האָט געגלויבט, ווי אין פּרק אבות שטייט: „בלעטער און בלעטער אין איר, דכולה בה, ווייל אין איר געפינט זיך אַלץ“. דערביי איז ער דורכאויס ניט געווען אַזוי ענגהאַרציק, אַזוי פאַנאַטיש, צו קלערן, אַז חוץ אין דעם ים התלמוד גייען ניט קיין שיפן, לעבן ניט קיין פיש, געפינען זיך ניט קיין פּערל און פאַרשלונגענע אוצרות. ער איז ניט געווען אַזוי באַשריינקט, ניט צו זען וועלטן אויסער דער וועלטעלע, אין וועלכער ער האָט געלעבט און געווירקט. מער ניט, אַט די וועלטעלע איז געווען זיינע: דער ים־

www.libtool.com.cn



התלמוד איז געווען זיין ים. אין זיין איינענער וועלט האָט ער גע־פילט, אז ער קען ניט בלאָנדזשן, אין זיין ים האָט ער געקענט שווימען אָן א שווימגאַרטל, זיך פילנדיק זיכער געגן ערגעץ א שטורם.

ביי מיינע קינדער איז אויך דאָ א מעגלאַכקייט, אז זיי זאָלן האָבן זייער ליטעראַטור.

געבאָרן אין א לאַנד, וואו די ענגלישע שפּראַך איז דער לשון פון דער מדינה, דערצויגן אין א שול, וואו זיי האָבן גע־לערנט אַלץ, וואָס זיי ווייסן אין דעם דאָזיקן לשון, איז כּדרך הטבע די ענגלישע ליטעראַטור (מיט איר אַמעריקאַנישן צווייג) זייער ליטעראַטור.

טאָמער ווייסן זיי עפּעס פון אַן אַנדער לשון און אַנאַנדער ליטעראַטור, איז דאָס א זייטיקע זאַך; אַ זאַך וואָס א מענטש מעג ווייסן און ניט ווייסן, כל זמן ער האָט און ווייס דאָס זייניקע.

וואָס זיי קענען אינטערעסירן פון דער וועלט־ליטעראַטור ווייסן זיי דורך די שפּראַך, וועלכע זיי ריידן, וועלכע זיי האַלטן פאַר זייערע. וואָס זיי קענען זיין נויטיק צו ווייסן פון אידישקייט — אַזוי ווייט ווי זיי שפּירן איבערהויפּט די נויטיקייט דערפון — ווייסן זיי דאָס לייענענדיק וועגן דעם אין דער ענגלישער שפּראַך.

אין מיינע יונגע יאָרן. אין „דערהיים", בין איך געווען א חסיד פון לודוויג בערנע. וועגן דעם איז דאָ פיל צו ריידן און אַביסל דערפון האָב איך שוין דערציילט אין מיינע „עראינערונגען". פאַר אונזער ענין דאָ וועט גענוג זיין אייך אָט וואָס צו זאָגן:

בערנע'ס שריפטן זיינען מיר געווען אַזוי ליב און אַזוי „איינגעבאַקן אין הארצן", אז סיי אין די יאָרן פון דער ערשטער יוגנט, סיי שפּעטער פלעג איך זיי פאַרלעזן פאַר יעדן איינציקן. וואָס האָט זיך געלאָזט דולן א מח.

אויף דעם אופן האָב איך שטעלן פון בערנע געלייענט פאַר מיין פאָטער אין די יאָרן 1873 ביז 1875, ווען איך, אלס שרייַ־בער, האָב געהאט זיך נאָרוואָס ארויסגעקאָלופּעט פון איי.

www.libtool.com.cn



כדי אים אונטערצוקויפן, האָב איך דעם פּאַטער מיינעם פריער פאר אַלץ פאַרגעלעזן דעם באַרימטן אַרטיקל „פּאר די יודען". ער איז געווען שטאַרק געריירט דערפון, און מיר איז דאַן שוין געווען לייכט מיט אים צו גיין ווייטער.

און מיין אלטן האָט זייער געפעלן אַלץ וואָס איך האָב אים געגעבן פון דעם גרויסן פרייהייטס־אַפּאָסטאָל. א באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט איין שטעלע אין „מענצעל דער פראַנצאָזענפרעסער" אין אַ שילדערונג, וואו בערנע מאַכט חוזק פון דעם דייטשן אָדל.

וואָס אים האָט אימפּאָנירט מער ווי אַלץ איז געווען דער הייליקער ערנסט, וואָס קוקט אַרויס אפילו פון בערנע׳ס שפּאַס; זיין טרער אין אויג, בשעת ער לאַכט. ווען, געדיינק איך, איך האָב אים געלייענט עטוואָס פון זאַפיר, האָט ער אַליין געזען איידער איך האָב עס אים אויסגעטייטשט, אז בערנע איז אַן ערנסטער הומאָריסט, בעת זאַפיר איז פּשוט א מאַרשאַלאַק, א פּאַיאַץ. אז דער לאַכט אפילו וויינענדיק בשעת יענער ווײנט אפילו לאַכנדיק.

און מיט א פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, האָב איך, שוין זייענדיק א שטיקל מענטש, געמאַכט פּראַפּאַגאַנדא פאַר מיין בערנע צווישן דער ענגליש־אידישער יוגנט און דאָס ביי יעדער געלעגנהייט — פּראַפּאַגאַנדא פאַר בערנע דורך בערנע. ווידער אַמאָל לעזנדיק פון זיינע שריפטן, איצט שוין עפּטער דעם „טאָגעבוך פון זאָדען" און שטעלן פון די „פּאַריזער בריף".

דער איינדרוק אויף מיינע יונגע פריינט פלעגט זיין מאָל פאַר מאָל דערזעלביקער, וואָס אויף מיין פּאַטער.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז דער דור פאַר מיר און דער דור — ניט נאָך מיר, אָבער — אינגער פּאַר מיר, אי דער, אי יענער, יעדער פון זיין שטאַנדפּונקט, האָט איבערגענומען מיין ענטוזיאַזם פאַר דעם גרויסן פּובליציסט און זיינע שריפטן, אָבער בעת אין דעם שטאַנדפּונקט פון די יונגע לייט האָט זיך געזען א געגנזאַץ צו מיין פּאַטער׳ס, זיינען זיי ביידע צונויפגעקו־

www.libtool.com.cn



מען אויף איין וויכטיקן פונקט.

פארביידע איז בערנע געווען א פרעמדער, א זייטיקער, מיט א געדאנקנגאנג, וואָס איז פאר זיי געווען פרעמד, געקומען פון א פרעמדן לאגער, א שטייגער עפּעס א חסיד פון די חסידי אומות העולם וואָלט אנגעזען ווערן ביי חסידים פונ'ם לאדיער רבי'ן; טאקע א גוטער אָבער ניט אונזערער.

און דאָס גאָרניט צוליב דעם לשון, אין וועלכן זיי זיינען ביי מיר מיט בערנע'ן באקאנט געוואָרן, נאָר פשוט דערפאר, ווייל ביידע האָבן געהאַט עפּעס אין דער געשטאַלט פון א ליטעראטור, וואָס זיי איז פארגעקומען ווי זייערס און דאָס, וואָס איך האָב זיי פאָרגעשטעלט איז געווען פ ר ע מ ד ע ס.

---

לגבי זיי, דאָס הייסט, לגבי דעם דור פאר מיר און דעם דור, וואָס דאַרף פארנעמען מיין פּלאַץ אויף דער וועלט־בינע, בין איך א מענטש וואָס האָט קיין אייגענע גאָרניט.

אין רוסלאנד, בעת איך האָב געמיינט, אז די ממשלת הזדון האָלט שוין ביים אויסגיין מיט די כחות, און דער איך קומט צו זיין רעכט, און ווערט באלד א מענטש מיט אלעמען צוגלייך, און האָט א חלק און א נחלה אינ'ם לאנד און אין די גייסטיקע אוצרות פון דעם לאנד, דאָרטן האָב איך יעמאָלט געהאלטן די רוסישע ליטעראטור פאר מיינע.

נאָך מער. אזוי ווי דער פּראָצענט חלק פון דעם „ייִדישן פובליקום" צווישן אידן איז אין די 70־גער יאָרן פונ'ם לעצטן יאָרהונדערט געווען פיל גרעסער צווישן אידן ווי צווישן קריסטן — „רוסן" זיינען מיר. נאטירלאך. אלע געווען — איז דאָך קלאָר, אז איך האָב נאָך א גרעסערן חלק אין דער ליטעראטור פון דער מדינה, ווי דער קריסט.

אמת, געשריבן „קאמו נא רוסי זשיט כאראשאָ" האָט טאקע דער גוי נעקראַסאָוו און דוקא פאר דעם פויער פון דעם לעבן פון די פויערים. אָבער געלעזן האָט דאָס ווער? א גאנץ קליינער

www.libtool.com.cn



צאָל פון די קריסטן און א גאַנץ גרויסער טייל פון די אידן, ווייניקסטענס פון דער רוסיפיצירטער יוגנט צווישן זיי.

הייסט דאָס, אז נעקראַסאָוו איז מיינער, יעדנפאַלס ניט ווייניקער ווי איוואַן פּעטראָוויטש׳עס, און אזוי איז פּושקין און לערמאָנטאָוו, אזוי איז טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי. אזוי איז ביעלינסקי און דאָבראָליובאָוו, אזוי אויך אפילו דער „גאָלאָס" (ז"ל) און די „נאָוואָיע ווּרעמיא", צוויי מעהר אָדער ווייניקער אַנטיסעמיטישע צייטונגען, ווייל זיי זיינען אויך אַרום אונז געלעזן געוואָרן פון אידן מער ווי פון קריסטן.

און ווער רעדט נאָך ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן רוסישע שירים פון פרוג׳ס פעדער, אַזאַ בוך ווי באָגראָוו׳ס (בהר"ב׳ס רוסיפיצירט) „זאַפּיסקי יעווּרעיא" און גוטע זאַכן פון אַרשאַנסקי און אזוי ווייטער, איז דאָך שוין גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן, אז די רוסישע ליטעראַטור איז מיינע; אונזערע . . . אַלץ וואָס מען דאַרף איצטער טאָן איז אַרויסראַמען פונ׳ם מח די בטלנות פון רבינא און רב אשי, די „חריפות" פון דעם אַלשיך „הקדוש", די נאַרישקייטן פון די מדרשים און די פּוסטע רייד וועגן דעם, וואָס דער זאַקאָן איז ווען אַן אָקס שטויסט א קוה, און דאַן האָט מען א קאָפּ פריי פאַר די נייע געדאַנקן, די שיינע פאָרמען, די גרויסע ווערק פון א ו נ ז ע ר רוסישער ליטעראַטור.

וואָלט דאָס אפילו ניט געווען שלעכט, דערהויפּט ווייל מיט דער דאַזיקער ליטעראַטור וואָלט איך זיך היינטיקן טאָג אויך ניט שעמען, איז זי אָבער ניט מיינע.

איך בין, אַלס א איד און אַלס סאָציאַליסט און א וואַנדערער, אזוי פיל יאָרן געווען אַן „אינטערנאַציאָנאַלער מענטש", אַז איך ווער צעטומעלט.

ווי איר פאַרשטייט פון מיין שייכות צו לודוויג בערנע, האָב איך שוין אין רוסלאַנד געהאַט א שטיקל באַקאַנטשאַפט מיט דער דייטשער ליטעראַטור. דאָס איז אויך געווען דער פאַל ביי א סך רוסן, ד. ה. קריסטן. זיי האָבן אויך זיך אינטערעסירט מיט די

www.libtool.com.cn



דייטשן שילער, געטהע, לעסינג און אנדערע. די נפקא מינה צווישן אונז איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן ניט געפילט קיין התחייבות אויף זיך צו זיין באהאוונט אין די שריפטן, וואָס זיינען געקומען פון יענער זייט גרעניץ. געננוי ווי די דייטשן ביי זיך האָבן נים געפילט אזא פליכט אויף זיך לגבי די רוסישע שרייבער. איך אָבער בין רויט געוואָרן ווען מען האָט מיך געכאַפּט ביים ניט־האָבן־געלייענט — אין רוסלאַנד. למשל, אַמולעווסקי'ס „שאַג זאַ שאַגאָם" און אין דייטשלאַנד געטהע'ס לאָמיר זאָגן „וואהל פארוואַנדשאַפטן".

און דאָסזעלבע האָט שפּעטער פּאַסירט אין ענגלאַנד.

פון פראנקרייך, וואו איך בין געווען אינגאַנצן א קנאַפּן האַלבן יאָר, האָב איך זיך נאָך ווי עס איז ארויסגעדרייט. אָבער אין ענגלאַנד האָט די אָרטיקע ליטעראַטור כסדר ארייגגעבראַכט „קלייטס" אויף אַנערקענונג און בּיסלאַכווייז האָט זי ניט בלויז געקראַגן וואָס איר האָט געקומט, נאָר זי האָט גענומען ארויס־שטופּן פונ'ם הארצן און פון מח די רוסן מיט די דייטשן.

און דער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען א לאַנגע צייט. א קימא־לן פון א יאָר פינף און צוואַנציק.

דאַן איז געקומען דער קישינעווער פּאָגראָם, נאָכדעם די רו־סישע רעאַקציע, ארום דיזעלביקע צייט — פאַר מיר — די ווידערגעבורט פון דער העברעאישער שפּראַך און דער העברעאי־שער ליטעראַטור. נאָרניט צו ריידן פון אידיש.

און דער אַמאָליקער העברעער איז אין מיין ברוסט אויפגע־שטאַנען א מין תחית המתים, האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און האָט אָנגעהויבן ארויסצופּאַרטאַלן די ענגלענדער מיט די אַמערי־קאַנער. א שטייגער, וואָס פאַר מחותנים זיינען מיט דיר לאָרד בייראָן און וואָלט וויטמאַן פאַרגליכן מיט מיר, דיין פליייש און בלוט, דיין אַמאָל, דיין יוגנט, דיין פאָלק'ס נשמה און זיין אוצר.

וואָס איז דאָ געווען צו טאָן? א ברירה האָט מען?

און ביאַליק און טשערניכאָווסקי, און שניאור מיט יהודה

www.libtool.com.cn



שטיינבערג און א מאסע אנדערע צווישן די „דערציילער" האבן זיך אריינגעזעצט ברייטלאך אין מיין הארצן. צו זיי זיינען צו־געקומען די אידישע שרייבער, מיינסטנס חברים און . . . און איך ביז, לא עליכם, גאר איגנאנצן צעטומלט געווארן.

וואו בין איך אין דער וועלט?

איז ענדלאך די אידיש־העברעאישע די ליטעראטור, וואס איך קען רופן מיינע? די וואס האט מיר דאס געגעבן, וואס מיר האט אזוי לאנג געפעלט?

בשום אופן נים. זי גים מיר נים דאס, וואס דעם דייטשן גים זיין ליטעראטור און דעם פראנצויז זיינע און אזוי ווייטער. די העברעאישע איז גוט גענוג אלס א פארזעצונג פון דער לאנגער פארגאנגנהייט; די אידישע איז גוט גענוג אלס אן אנהויב, אלס אן איינלייטונג פאר די קומענדיקע צייטן, אבער נים מער.

א ליטעראטור, וואס איך זאל קענען רופן מיינע האב איך ניט.

.1916

www.libtool.com.cn

## יונגוואַרג

זײַן וואָלט איך א קינדער־קעניג
אין א קינדער־לאנד,
מיט א קינדער־מיניסטעריום
אָן צופיל פאַרשטאַנד.
מיט א בלומען־טראָן אין וועלדל,
אויף דער פרייער לופט.
אין דער האַנט א לולב־סצעפּטער,
מיט זיין פרישער דופט,
און אַ קרוין וואָלט איך געטראָגן,
אויך ניט פון מעטאַל,
אויך אַ שפּאַגע, וועלכע קומט ניט
פון קיין אַרסענאַל.

און דער הערשער מיט די בירגער
וואָלטן זיך געשפּילט,
וואָלטן וועלדער מיט געלעכטער,
מיט געזאנג פאַרהילכט.
און די ברעקלאך ־ אונטערטאַנען
וואָלטן מ י ך רעגירט;
דאַך לאָז ווערן קאַלט די ליבע
וואָלט איך רעזיגנירט.
ווייל די ליבע, זי אליין נאָר,
מיט איר צאַרטער האַנט,
קינדער־פאָלק און קינדער־קעניג,
פירט אין קינדער־לאַנד.

דאָס דאָזיקע לידעלע שטעלט פאָר אין זייער א שוואכער פאָרמע מיינע געפילן אין דעם פרט פון קינדער.

אזוי לאנג ווי איך קען געדיינקען, האָב איך זיי ליידנשאפט־לאַך געליבט — עופה׳לאך, ברעקלאך, קינדערלאך און קינדער.

www.libtool.com.cn



דאָס הייסט יונגוואַרג פון איין יאָר, פון צוויי, פון פינף און אזוי ווייטער ביז צוועלף. אמאָל האָט דאָס דערגרייכט אביסל א העכערן עלטער, ספּעציעל אין דעם פאַל פון אינגלאַנד, וועלכע בלייבן לייגגער קינדער ווי מיידלאַך אין זייערע יאָרן, אָבער בדרך כלל זיינען די קינדער מיר עפּעס אזוי ווי פאַרלאָרן געגאַנגען, ווען זיי האָבן דערגרייכט א געווויסן עלטער.

אַט טאָקע ווען דעם ווילט זיך מיר מיט אייך היינט א שמועס טאָן.

גלייך פון אָנהויב מוז איך זען, אז איר זאָלט ניט פאַלש פאַרשטיין דעם תוך פון דעם ענין.

אז קינדער וואַקסן אויס און וואַקסן אויף איז א געוויינטלאַכע זאַך און ניט ווייניקער נאַטירלאַך איז, אז זיי זאָלן, ווען זיי ווערן מענטשן — האַלבע, דריי־פערטל און גאַנצע מענטשן — אָפּשטיין פון די עלטערע, וועלכע זיינען שוין מער ניט אזוי אַל־ווויסנד, אזוי קלוג, אזוי שטאַרק ווי זיי זיינען פאָרגעקומען דעם קינד, וואָס האָט נאָר וואָס געהאָט געעפנט די אויגלאַך און ארויסגעבליקט אויף די גרויסע, ווייסע וועלט, פול מיט פראַגע־צייכנס, און אויס־רופונגס־צייכנס, פול מיט סודות און רעטענישן.

דאָס איז ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיר קענען די קינדער לאַנג ניט נאַרן, און, ווי די וועלט פירט זיך, מוז פריער אָדער שפּעטער קומען די צייט, ווען דער קליינער עולם עפנט די אויגן און דערזעט אונז אין אונזער גאַנצער גייסטיקער טעטיקייט, אין אונזער אומוויסנהייט און פראַסטקייט.

אָבער ניט וועגן דעם רייד איך.

וואָס מיר האָט אריינגעגעבן פון דאָס ניי די פעדער אין האַנט איז אַט וואָס:

די קינדער פון פריערדיקע דורות זיינען אויף דעם נאַר־וואָס דערמאָנטן אופן אויסגעוואַקסן און, ווערנדיק מענטשן, מער אָדער ווייניקער, האָבן זיי געענדערט זייער שטעלונג צו די עלטערע און זייער קוק אויף זיי. דאָסזעלבע וועט זיין דער פאַל מיט די

www.libtool.com.cn



קינדער פון מיין דור. זיי וואַקסן ניט בלויז אויס פאַר זיך, נאָר זיי וואַקסן אויך א ו ו ע ק פ ו ן מ י ר. איך ווער פאַר זיי ניט בלויז א מענטש, ווייניקער אַל־ווייסנד, ווייניקער כל יכול און ווייניקער אינטערעסאַנט, ווי איך בין געווען, נאָר א פרעמדער, א מענטש פון אַנאַנדער וועלט. איינער וואָס פאַרשטייט זיי ניט און וואָס זיי פאַרשטייען אים ניט.

אביסל איז דאָ נאָך עטוואָס:

וואָס עלטער זיי ווערן, אלץ מער קוקן זיי אויף מיר ווי אויף אַן אויסלענדער, לגבי זיי, די אַמעריקאַנער. עס האַלט שוין ציימנווייז אַזוי ווייט, אַז איך דערוואַרט יעדן טאָג צו הערן פון די אויסגעוואַקסענע קינדער דאָס, וואָס דער עלזאַסער, דייטש־געוואָרענער (אין דעם קריג פון 1870 פראַנצויז האָט געקראָגן צו הערן פון זיין זון אין דער פאָלגנדער קורצינקער מעשה'לע:

ערגעץ אין עלזאַס האָט מיט עטלאַכע יאָר צוריק געלעבט א פאַמיליע, וואָס איז פאַר'ן קריג געווען פראַנצויזיש און דערצו נאָך זייער פאַטריאָטיש.

דער אינגסטער זון איז געבוירן געוואָרן שוין לאַנג־לאַנג נאָך דער מלחמה און האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין א דייטשע שול. ביסלאַכווייז איז ער געוואָרן אלץ מער און מער א דייטש, בעת די עלטערן זיינע זיינען פאַרבליבן פאַרברענטע פראַנצויזישע פאַטריאָטן.

ויהי היום, האָט דער מוזיניק אינדערהיים געמאַכט, ווי מיר זאָגן דאָ, זיינע לעסאָנס, און שוויצנדיק איבער די דייטשע גע־שיכטע, האָט ער דערגרייכט דעם קאַמף ביי סעדאַן, וואו די פראַנצויזן האָבן פאַרלאָרן די גרעסטע שלאַכט פון דער מלחמה און נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז גענומען געוואָרן אין פלען פון די דייטשן.

„פּאַפּאַ!“ — האָט דער אינגל אויסגעשריען — „דו ווייסט? מ י ר האָבן א י י ך פיין אויסגעפּריגלט יענעם טאָג!“

דערצו איז נאָר נויטיק צו באַמערקן, אַז וואָס דער דייטש

www.libtool.com.cn



רופט אויסגעפּריגלט (אָדער: דורכגעפּריגלט) איז דאָסזעלבע וואָס אין דער ליטא הייסט אַריינגעצאַכצעט.

ווי געזאָגט, דערוואַרט איך צו הערן דאָסזעלבע פון די אויסגעוואָקסענע אַמאָליקע עופה'לאַך.

אָבער אפילו ווען דאָס וועט אַזוי ברוטאַל ניט אויסגעדריקט ווערן, איז דאָך אַזאַ געפיל ניט מער ווי נאַטירלאַך. קוים איז די לאַנגע אַזעלכע, אַז די קינדער וואַקסן פון אונז אַוועק, אַז מיר ווערן פאַר זיי פרעמדע מענטשן.

* * *

איך וויים ניט ווער איר זייט. עס איז מעגלאַך, הגם ניט וואַרשיינלאַך, אַז איר זייט אפשר איינער פון די אידישע שרייבער, וואָס אַרבעטן אויף דעם פעלד פון אונזער ליטעראַטור און פאַשן זיך אויף איר געמייזאַכץ. איך זאָג: „ניט וואַרשיינלאַך", דערפאַר, ווייל בדרך כלל לייענט דער אידישער שרייבער ניט וואָס זיין קאָלעגע שרייבט. לייענען לייענט ער פרעמדע שרייבער אין דעם לשון המדינה און אין אַנדערע שפּראַכן. זיי דאַרף ער. צי ווען ער מאַכט זיי נאָך, אָדער ער מאַכט זיי איבער, אָדער ער מאַכט פון זיי אַ לעבן. דאָס הייסט אָפּ דערפון, וואָס פאַר אַ מין ליטעראַט ער איז. צווישן די אייגענע ברידער אַרבעטאָרער, וואָס לעבן פון דער פעדער, איז ער זיך נוהג אַזוי: די שרייבער פון אַ גאַנץ יאָר לייענט ער ניט, ווייל ער קלערט, אַז מען דאַרף זיי ניט לייענען. מאַכט זיך אָבער, אַז אויף אונזער פאַרנאַס יאָוועט זיך אַ נייעס, קומט ער אָפּ מיט אַ בליק פון דער ווייטן. דער ווילנער גאון האָט שוין לאַנג גע'פסק'נט, אַז אויף נייע פרוכט דאַרף מען מאַכן שהחינו, ניט דוקא עס פאַרזוכנדיק: מען איז יוצא בראיה, דאָס הייסט, עס איז גענוג, אַז מען זאָל עס אָנזען. אפשר אַריינעמען אין האַנט, גיכער ניט, און עס באַוואונדערן פון ווייטן, דאַנקענדיק גאָט וואָס מען האָט דערלעבט די צייט אַזעלכע פרוכט צו האָבן. די גאונים פון אַמעריקא קענען — אַ קשיא אויף אַ מעשה! — גיין אַ שריט נאָך ווייטער און פּסק'ענען, אַז

www.libtool.com.cn



מען מעג זאָגאר מאכן שהחינו בלא ראיה, אויב דער גאַנצער עסק איז כלל נויטיק; נאָך אַלעמען האנדלט זיך׳ס דאָך דאָ וועגן וואָס? מ׳שטיינס געזאָגט, וועגן אידישע נייע שרייבער אָדער נייע שרייבערי׳

נאָר איך האָב זיך פּאַרעדט.

אויסן בין איך דאָ בלויז אָט וואָס צו זאָגן:

אויב איר, מיין לעזער, זייט על פּי סבה א אידישער שרייבער, האָט איר זיך געווים אַליין שוין געשטעלט די פראגע: פאַר וועמען שרייב איך? שרייב איך פאַר דעם יונגן דור, וואָס איז נאָך ניט לאַנג צוריק געווען אָנגעטאָן אין קורצע מייטקעס און האָט זיך געשפּילט אין פערדלאָך און איז נאָך געווען נאָענט צו דער צייט, ווען מען זוינט א פלעשל און מען טראָגט א נאַווער־פּארטוכל, המכונה „ביב“?

און איר האָט זיך אַליין געענטפערט, אַזוי צו זאָגן:

ניין. דאכט זיך, אז ניט. די גרויסע „סקול“, די גרויסע העסטער סטריט סקול, וואו אידישע קינדערלאך ווערן אמעריקאני־זירט — זאַנגוויל זעט דאָרטן זיין שמעלץ־טאָפּ — מוז ווערן, ווייניקסטנס, פון אויסווייניק, אויסגעבילדעט, אמאָל טאַקע מיט דעם אַקצענט אויפ׳ן „אוים“: די גרויסע אַנשטאַלט, וואו פינף טויזנט אידישע קינדער ווערן, חוץ דעם, אויך אויסגעמענטשלט און אויסגעאידלט, זי קוקט, אַריבער סוארד פּאַרק, צו די רע־דאַקציעס צו, וואו איך, אידישער שרייבער, זיץ און שאַף „א זאַך“. און ווייזט מיר א פייג אונטער א דעבעלע.

איך — דאָס רייד איך נאָך אַלץ אין דעם נאָמען פון דעם שרייבער, מיין לעזער; אַלזאָ, איך — גלויב ניט, אז 50 פון די פינף טויזנט תלמידים פון העסטער סטריט סקול וועלן ווען עס איז לייענען דאָס, וואָס איך שרייב, צי דאָס איז א ראָמאַן, פון וועלכן עס שטעלן זיך די האָר קאַפּויר, אָדער א סקיצע, וואָס איך אַליין לעק פון איר די פינגער; אָדער א ליד — „ליד“ הייסט ביי אונז א געדיכט פון וואָס פאַר א מין עס זאָל ניט זיין, אפילו א

www.libtool.com.cn


מעשה׳לע אַ געגראַמטע; אָדער אַ טיפּזיניקער אַרטיקל, וואָס קומט אַרויס פון מיין פעדער מיט אַ גאַראַנטיע צו לעבן און צו האָבן אַרטיקלאַך און אַרטיקלאַכ׳ס אַרטיקלאַך אויף עטלאַכע דורות, אם ירצה השם.

גלויב איך, הייסט עס, ניט, אַז איינער פון הונדערט צווישן די פינף טויזנט קינדער וועט זיין מיינער אַ לעזער.

אַזוי ענטפערט איך זיך, מיין פריינט, און איך זייט גערעכט.

איז דאָס אָבער דאָס געפיל, וואָס פילים אָפּענהיים און דער זעליקער אָ. הערני האָבן געהאַט? האָט גאַרקי, האָט אַנדרעיעוו אַזאַ געפיל? האָט עס דער פּובליציסט ביי די אומות העולם, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען? קוקן זיי אויך אויף די סקולס ווי אויף אינסטיטוציעס וואו מען דערציט קינדער, זיי ניט צו לייענען? האַלטן זיי אויך עופּה׳לאַך אויפ׳ן קני און טראַכטן בעת זיי ווערן געקושט און געהאַלזט: „אַט דאָס וועט קיינמאָל ניט לייענען, וואָס איך שרייב, ווייל וואַקסנדיק וואַקסט עס בסדר אַוועק פון מיר?"

גאָרקי און אַנדרעיעוו, הויפּטמאַן און זודערמאַן, שרייבער פון אַנדערע לענדער און היגע שרייבער (אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור) גיבען אָפּ אַ שבח דעם בורא, ווען זיי דערזען אַ קינדער־שול. זיי ווייסן, אַז באַלד, באַלד, נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי, און די קליינע וועלן לויפן אין די ביבליאָטעקן און וועלן וואַרטן אין דער רייע אויף אַ בוך, און וועלן עס אַוועקטראָגן מיט שטאָלץ און מיט ליבע אַהיים, און וועלן עס לייענען מיט התלהבות, און וועלן לאַכן, און וועלן וויינען — אַ לעבן צו זיי! — איבער די פּרוכט פון די מעכטיקע פעדערן. . . .

און זיי זאָגן: וואָס מער שולן, רבונו של עולם, וואָס מער לערער, וואָס מער „פּוירסט רידערס"! כן ירבו! אַזוי זאָגן די שרייבערס און די דרוקער ענטפערן אמן.

איך, אידישע שרייבער, האָט אַ יונגן דור פון אַן אַנדער מין. געוויס האָט איך. וואָס אמת איז אמת, און אַ פּיפּעץ אויפ׳ן צונג

www.libtool.com.cn


דעם, וואָס וועט דאָס לייקענען.

אייך האָט דער אויבערשטער געהאָלפֿן און איר האָט אַ צוגעפּאָרענע, אויב ניט אַן איינגעבאָרענע, יוגנט.

דער צאַרישער קנוט, דער גאַליציאַנער הונגער בייטש, דער רומענישער שטעקן (מאַכט רש"י: דער מקל חובלים) האָבן אייך צוגעשיקט אַ יונגן דור, וואָס וועט זיך ביי אונז עלטערן, מערן און פֿרוכפּערן, ווען גאָט וועט געבן געזונט און לעבן.

געוויס, געוויס!

אָבער, ערשטנס, פֿעלט אָט דער דאָזיקער יונגער דור מיר אויך ניט, און, צווייטנס . . . איז דאָס אַ יונגער דור, וואָס וועט בלייבן מיט אייך נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער וועט מוזן. קוים וועט ער נאָר קענען האַלטן אין האַנט אַ ספר פֿון די ספרים פֿון לאַנד, וועט ער פֿון אייך אַוועקגיין, וועט ער אייך קערן אַ רוקן — ער, וואָס עסט היינט פֿון אייער האַנט און שלאָפֿט אין אייער שויס. . .

פֿילט איר דען שוין ניט, ווי ער קוקט אויף אייך מיט דער כונה אַריינצוקריכן אין דעם פֿרוכט־גאָרטן פֿון די היגע ליטעראַטור, זיך שטעלנדיק אויף אייער רוקן, בעת איר בויגט זיך איין פֿאַר אים מיט'ן קאָפּ צום פּלאַנקן צו, כדי ער זאָל קענען אַריבערקלעטערן . . . ער, וואָס וועט, ווי געזאָגט, אייך דאַן קערן אַ רוקן, אייך שוין מער ניט קענענדיק און ניט וויסנדיק.

ער וועט אייך אַפֿילו קיין דאַנק ניט זאָגן פֿאַר אייער העלפֿן אים אַריבערשפּרינגען דעם פּלאַנקן . . .

* * *

ווען די דערציאונג פֿון אונזערע קינדער איז דאָ פֿיל צו ריידן. אפשר וועל איך אַמאָל אַרויסקומען אין דער עפֿנטלאַכקייט און זיך מעלדן צום וואָרט. דאָ אינטערעסירט אייך און מיר די גאַנצע זאַך נאָר אַזוי ווייט, ווי דאָס האָט אַ שייכות מיט דער פֿראַגע פֿאַרוואָס און ווי אַזוי מיר פֿעלט יונגוואַרג.

און פֿערזענלאַך פֿיל איך דעם „פֿעלער" מער און שמערצלאַכער אין די זומער־חדשים.

www.libtool.com.cn



אַרום די צייט בין איך זיך, פון יאָרן שוין, נוהג אויסצופאָרן אויף אַ טאָג אָדער צוויי יעדע וואָך אויפ'ן לאַנד. דאָרטן מאַך איך נייע באַקאַנטשאַפטן מיט קינדער, און פריש אָפּ אַלטע. אַ וואָך אַז אַ נייעם קינד־פריינט איז ביי מיר אַ וואָך פּשוט אין גיוועץ געבראַכט.

ביי מיר ווערט אַ באַקאַנטשאַפט אין פינף מינוט. פון דער באַקאַנטשאַפט ווערט אַ פריינטשאַפט אין נאָך פינף מינוט, און צווישן אָנבייסן און וואַרעמעס ווערט די פריינטשאַפט פאַרוואַנדלט אין אַ ליבע — אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער: אַמאָל ברענט זיך דאָס גלייך איבער, אַמאָל האַלט עס אָן שיינע עטלאַכע יאָר, אָבער דאָס איז ליבע אָן אַ שום ספק, ליבע ווי אין פּסוק שטייט.

מיט וואָס נעם איך איין די קינדערשע הערצלאַך? מייסטנס, מיט מעשיות, פון וועלכע זיי ווערן כמעט אימער נתפּעל, שוין דערפאַר אַליין, ווייל מיינע „סטאָרים“ זיינען אַביסל אַנדערש ווי די, וואָס זיי לייענען אין קינדער־ביכלאַך, אָדער זיי הערן פון מאַמעס און ניאַנקעס.

הייסט דאָס, איך בין פאַר זיי אויך אַ שטיקל מחבר, אָדער אָ! איבערזעצער. ווען איך האָב ניט קיין אייגענע, דערצייל איך פרעמדע — פרעמדע פאַר זיי טאַקע, דערפאַר וואָס זיי קומען פון אַ אידישן מקור.

ביי קינדער פון 10 ביז 12 מאַך איך יעדעס מאָל אַ גרויסן „היט“ מיט קציעה, שלמה המלך'ס טאָכטער און איר וואונדער־באַרן ראָמאַן. 1)

1) מאָריס ווינטשעווסקי מיינט דאָ די פאָלגנדיקע אַלט־אידישע לעגענדע:

שלמה המלך'ס שענסטע טאָכטער, וועלכע ער ליבט ווי זיין לעבן, בראַקירט אויס אַלע פּרינצן מיט וועלכע מ'רעדט איר שידוכים. אַזוי ווי שלמה איז אַ „שטערנזעער“, „זעט“ ער, אַז ס'איז איר באַשערט חתונה צו האָבן מיט אַ קינד פון די אָרימע פּשוט'ע מאַסן. באַשליסט ער עס ניט צו דערלאָזן. לאָזט ער בויען אַ הויכן שלאָס אויף אַן אינזל, באַפעסטיקט אים שטאַרק און באַזעצט דאָרט זיין טאָכטער מיט אירע

www.libtool.com.cn



צווישן מיינע אייגענע פּאַרפאַסונגען איז די מעשה מיט „די גרויסע איי“ 2), אַ זאַך, וואָס איך מוז אַמאָל איבערדערציילן „פּאַ־זשעלאַניו פּובליקי“*), בעת ביי די פּיצלאַך־ברעקלאַך נעמט

סריסים־וועכטער, וואָס וואַכן, אַז קיין פרעמדער מענטש זאָל צו איר ניט צוקומען. אין יענער צייט איז אַן אָרים אינגל אוועק זוכן גליקן אין דער פרעמד. דאָס אינגל האָט אומגעוואַנדערט נאַקעט און באָר־וועס, הונגעריק און דאָרשטיק. איז ביי אים געווען אַ גליק ווען ער האָט געפונען אַ סקעלעט פון אַן אָקס, וואו ער האָט זיך געקאָנט באַ־שיצן פון רעגן און ווינט. שלאָפט ער דאָרט איין. הויבט אויף אַן אָדלער דעם סקעלעט מיט'ן שלאָפנדיקן בחור'ל אויף'ן דאַך פון דער פּרינצעסינ'ס שלאָס. געפינט זי אים דאָרט, ווערן זיי באַפריינדעט, פאַרליבן זיך איינע אין די אנדערע און האָבן חתונה. די וועכטער געפינען עס אויס און מעלדן דעם קעניג. נאָר ווען שלמה זעט, ווי שטאַרק די צוויי ליבן זיך, גיט ער זיי זיין פאָטערלאַכע ברכה.

2) דער אינהאַלט פון אָט דער מעשה'לע פון מאָריס ווינטשעווסקי איז בקיצור אזוי:

אַ אינגעלע לאָזט זיך אוועק זוכן זיין פאַרלאָרענעם ברודער'ל, וואָס אַ מכשפה האָט „געקידנעפּט“ פון זיינע עלטערן. גייט ער און גייט, טאָג איין טאָג אויס, ביז ער קומט צו אַ פּאַלאַץ, וואָס זעט אויס ווי אַן איי. ביים טויער שטייט אַ מכשפה און וויל אים ניט אַריינ־לאָזן. גיט ער איר אַ פּאַטש אין פּנים. ברעכט זיך אריין אין דעם וויסל־הויף און דרינגט אריין אויך אין דעם אינוויינוקסטן געלכל־זאַל. דאָרט געפינט ער זיין ברודערל, פאַרשאָלטן פון דער מכשפה, ס'זאָל אים וואַקסן בלויז אַ באָרד. זיצט דאָס קליין אינגעלע מיט אַ לאַנג באָרד, וואָס וויקלט ארום זיין גאַנצן גוף. צווינגט דאָס העלדיש ברו־דערל די מכשפה אראָפּצונעמען די קללה. ווערט דאָס פאַרשאָלטן אינ־געלע אַ קינד ווי אַלע קינדער. גייען ביידע ברידערלאַך זוכן זייער היים. קומען זיי צו דאָס הייזעלע פון דער אַלטער גוטער רייזעל. גיט זי זיי עסן און טרינקען און הייסט זיי גיין ווייטער, ביז זיי וועלן באַ־געגענען דאָס אייזעלע, אויף וועלכן זיי וועלן אוועקרייטן אהיים. אַלץ פּאַסירט ווי געזאָגט און די עלטערן קריגן ווידער זייערע ביידע קינדער.

דער „זיידע“ דערציילט עס באריכות און מיט אַ סך שפּאַנענדיקע סיטואַציעס.

*) אויף'ן פאַרלאַנג פון עולם.

www.libtool.com.cn



שטאַרק אויס א מעשה, וואָס איז באַקאַנט ביי מיין קינדער־עולם אונטער דעם נאָמען „דער קריסטאָלענער פּאַלאַץ אונטער דער ערד“ 3) קלינגט כמעט ווי אַן אַמאָליקער שונד־ראָמאַן: די היינ־טיקע האָבן ניט אַזעלכע שיינע נעמען) און אַנדערע.

בקיצור, איך בין א גאַנצער אַנדערסאָן ביי די קינדער, און אַזוי ווי איך אַרבעט פאַר זיי, און וויג זיי, און טראָג זיי, און מאַך זיי לאַכנדיק און ווער אַמאָל אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך מוז פאָרן קיין ניו יאָרק זיך אָפּרוען, ליבן זיי מיך טאַקע אפשר ניט ווייניקער ווי איך ליב זיי. מחשבות׳ן! דערמיט נעם איך זיי פריער פאַר אַלץ. קיין שום מעשיות, קיין קונצן, קיין **אַרבעטן פאַר קינדער וועט אייך ניט געווינען זייערע הערצער סיידן אייער האַרץ גייט אויס צו זיי.**

**דער עיקר איז אָבער, אַז מיר ליבן זיך.**

**איצט דאַרפט איר שוין מיין פּעדער ניט: איצט קענט איר**

3) ווינטשעווסקי דערציילט זיין מעשה׳לע „דער קרישטאָלענער פאַלאַץ אונטער דער ערד“, אַזוי ווי „די גרויסע איו“, מיט א סך שפּאַ־נענדיקע איינצלהייטן און פלעכט אריין א מעשה אין א מעשה. נאָר בקיצור איז עס אַזוי:

צוויי קליינע קינדער, אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל, שפּילן זיך אין וואַלד מיט זייער הונט, ביז וואַנען זיי פאַרבלאָנדזשען. פּלוצלונג דער־זען זיי א קרישטאָלענע טיר. [illegible]אַפּן זיי אָן. עפנט זי זיך. קומען זיי אַריין אין א שיינעם צימער פון לויטער גלאָז. ווענט, פּאָדלאָגע, טישן, שטולן — אַלץ פון קרישטאַל. די שוועסטערל איז הונגעריק, זאָגט זי צום ברודערל: איך וויל עסן“. גייט גלייך אַריין אין צימער א סערווירט טיש מיט צוויי שטולן, אַלץ פון קרישטאָל. זעצן זיי זיך ביידע אַרום טיש און צוויי קינדערלאַך דערלאַנגען זיי עסן. ווערן זיי מיד, קומען אַריין צוויי אויסגעבעטע קרישטאָלענע בעטלאַך און ברודערל און שוועסטערל לייגן זיך שלאָפן. אַזוי פאַרגייט די צייט און די קינ־דער ווייסן בכלל ניט, ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט. צום סוף הויבן זיי אָן בענקען אַהיים. לאָזט מען זיי אַרויס אין דרויסן. דערזעען זיי זייער הונט. זעצן זיי זיך אויף אים רייטנדיק און ער ברענגט זיי בשלום אַהיים.

www.libtool.com.cn



שוין אַן ווערטער פאַרשטייןֹ, וואָס איך פיל, ווען איך שטעל מיר פאָר, אַז אין קורצע עטלאַכע יאָר צייט וועלן זיי פון מיר אַוועק־וואַקסן, פון מיר, דעם רוסישן אידן — זיי, די אַמעריקאַניזירטע קינדער. ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע פאַר זיי.

און אַזוי פעלט מיר אַ יונגער דור.

1916.

www.libtool.com.cn

## א פּאַרטיי

די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אַמעריקע האָט צו מיר קיין טענות און קיין תביעות ניט.

פאַר אַ משך פון באַלד צוויי־און־צוואַנציק יאָר *) — צו־ערשט אין דער ס. ל. פּ. און נאָכדעם אין דער ס. פּ. — בין איך שולדיק קנאַפּע צוויי חדשים וואָכער. צווישן די מענטשן, וועלכע מען רופט „גדולים" ווען מען דאַרף זיי זידלען, האָב איך אפשר דעם בעסטן „רעקאָרד".

דאָס איז אין דעם פּרט פון געלט. וואָס איז שייך צו גייסטיקע מיטאַרבעטערשאַפט אין דער פּאַרטיי, האָב איך אויך שטענדיק געטאָן מיין פליכט, אַזוי ווייט ווי מיינע כוחות האָבן געסטאַיעט.

און ווי די פּאַרטיי האָט ניט קיין תביעות צו מיר, אַזוי האָב איך ניט קיין שום טענות צו איר.

אמת, זי באַפרידיקט מיך נאָך אַלץ ניט אין אַלע פּרטים. צייטנווייז קומט זי מיר פאָר ניט ברייט גענוג פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, וואָס האָפט צו רעגירן די מדינה, און ניט ענג גענוג פאַר אַן אידעאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס איר ענדציל איז אין דער צוקונפט. אַמאָל פעלט מיר אין איר גוף אַ נשמה, און אַמאָל, ווידער, דאַכט זיך מיר אָפּ, אַז דער גוף אַרום איר נשמה וואַקסט ניט ראַש און ניט שטאַרק גענוג. און זי „רעפּע־רענדומט" צופיל; מאַכט זיך, אין מיינע אויגן, אָפּט לעבערלאַך דורך איבערגעטריבענע דעמאָקראַטיע.

אָבער, צוריק ריידנדיק, וואָלט מיך דען אַן אַנדער פּאַרטיי אונטער די היגע און איצטיקע אומשטענדן,**) בעסער באַפרידיקט? נאָך אַלע מעשיות, איז יוגנט ניט קיין חטא, און לעבעדיקע זאַכן,

---

*) 1895—1916.

**) אין 1916.

www.libtool.com.cn


וואָס ווערן געבאָרן, ניט געמאַכט, קומען ניט אַרויס פולקאָם, ווען זיי קומען אַן אויף דער גרויסער ווייסער וועלט. נאָר מאַשין־אַפּאַראַטן קענען גלייך פון דער ערשטער מינוט נעמען גיין, און לויפן, און זיך באַוועגן, און פונקציאָנירן לויט נאָך זייער באַשטי־מונג נאָך. לעבעדיקע ברואים מוזן זיך לערנען שטיין פאַלנדיק, און ערשט ווען זיי זיינען פעסט אויף די פיס, קענען זיי אָנהויבן צו גיין, צו לויפן, קענען זיי אַנדערע יאָגן און אַריבעריאָגן און ראש גאַלאָפּירן צום ציל.

און טאָמער פרעגט איר מיך צו וואָס באַדאַרף איך גאָר אין גאַנצן אַ פּאַרטיי? ווענט דאָס זיין אַ ניט קלוגע קשיא.

פאַר וואָס? דערפאַר ווייל בעת אַ מענטש קען זיין אַ דיינקער, אַ טרוימער, אַ דיכטער, אַ ליבהאָבער, אַ נאַטור־פאָרשער, שטייענדיק אויף די אייגענע פיס, שטייענדיק אָן אַ זייט, וואָס ווייטער פון דעם המון, פון דעם טומל, פון דעם קאָך, וואָס נעענטער צו דער נאַטור, צום אייגענעם איך אין די אייגענע ד' אמות, מוז זיך דער מענטש אָנשליסן אָן אַנדערע כדי אריינ־צופירן אין לעבן די געדאַנקען, די חלומות, די דיכטונג, די ליבע — אויב זי איז מענטשנליבע — און די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג. סיידן איר לעבט ווי אַ הערמיט, אין אַ הייל, ערגעץ אויף אַ פאַרוואָגלטן באַרג, לעבט פון גראָז און פון קרייטאַכער און קליידט זיך ווי אָדם און חוה בשעתם, אפילו נאָכ'ן חטא, און האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער וועלט אונטער אייך און אַרום אייך, — סיידן, זאָג איך, איר פירט אַזאַ מין פיר, מוזט איר זיך באַטייליקן אין דעם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. טוט איר אָבער דאָס, און איר ווילט זיין אַקטיוו, ווילט איר דעם דאָזיקן געזעלשאַפטלאַכן לעבן געבן די ריכטונג און דעם גאַנג, וואָס איר האַלט פאַר די ריכטיקע, מוזט איר זיך באַהעפטן צו אַנדערע, גלייכגעזאָנענע מענטשן, מוזט איר, ווי מיר זאָגן, „באַלאַנגען“ צו אַ פּאַרטיי.

און, פערזענלאַך, בין איך אַ מענטש וואָס קען ניט שטיין

www.libtool.com.cn


פון ווייטן און לאָזן אַלץ אַרום זיך גיין ווי עס גייט. לאָזן אַנדערע טאָן מ י י ן פליכט, לאָזן שלעכטס, געמיינהייט, באַטרוג און רויב הערשן ביד חזקה און דערצו גאָרניט טאָן. פון דער אַנדערער זייט בין איך אייגנטלאַך ניט קיין פּאַרטיי־מענטש, הגם איך פיל שטאַרקער ווי אַ סך אַנדערע ווי נויטיק עס איז זיך אָנצושליסן אָן אַ ציבור, כדי עפּעס צו טאָן געגן דעם, וואָס מיך רעגט אויף. פאַר דאָס וואָס מיר ווילט זיך זען ביי מיינע שכנים, ביי מיינע מיטמענטשן. איך בין ניט קיין פּאַרטיי־מענטש אין דעם זין פון טאָן מיין פליכט און לאָזן אַנדערע פאַר מיר אַנטשיידן וואָס מיין פליכט איז; אין דעם פּרייסיש־ביסמאַרקישן זין פון „מויל האַלטן און שטייערן צאָלן!" אין דעם זין פון זיך באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אַ ציגל אין אַ וואַנט, פון אַ שעפּס אין אַ סטאַדע, מיט דעם רעכט צו ענטפערן „מע!" ווען דער וואָס שטייט ביים עמוד רופט אוים „צאן קדשים!" ? ניין. איך קען דאָס ניט.

אָבער ניט דאָס אַלץ בין איך היינט אויסן. אַרום דעם איז דאָ פיל צו ריידן, און... אפשר... לכשירחיב... וועט נאָך אַרום דעם אויך גערעדט ווערן; דערווייל מוזן מיר זיך אומקערן צום עיקר פון אונזער טעמע.

---

**ווי געזאָגט:**

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, צו וועלכער איך געהער, באַ־פרידיקט מיך דערווייל נאָך ניט אין גאַנצן. אָבער איך דערוואַרט פון איר ניט מער, און קען זיך ניט באַקלאָגן.

די צרה אָבער איז, איך בין נים אין גאַנצן, ניט אַלעמאָל, ניט אומעטום בלויז אַ סאָציאַליסט און ווייטער גאָר ניט. דאָס איז קיין מענטש ניט, אפילו ניט דעבס, וואָס מאַכט אמאָל — ספּעציעל אין פּריוואַטן לעבן — אויף אייך דעם איינדרוק, אַז ער איז ניט מער און ניט וויניקער ווי דער סאָציאַליסטישער אידעאַל אויף צוויי פיס, מיט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און אין דעם קאָפּ אַ צונג, וואָס באַוועגט זיך און באַוועגט טויזנטער אַרום און אַרום.

www.libtool.com.cn



איך בין ניט בלויז א סאָציאַליסט. ווען איך האָב אָפּגעגעבן מיין שטים פאַר מיין פּאַרטיי, און האָב אויפגעשריבן דעם אַרטיקל, וואָס זי קען פון מיר פאַרלאַנגען און האָב אָנגעפילט די עטלאַכע קוביק פוס אין דעם זאַל, וואו די פּאַרטיי פאַרזאַמלונג ווערט אָפּגעהאַלטן, און האָב געזאָגט די עטלאַכע ווערטער, ווען איך ווער אויפגערופן שלישי אָדער אחרון צו מיין עליה ביים מאַסמיטינג, — ווען איך האָב דאָס אַלץ אָפּגעטאָן און יוצא געווען לגבי דער פּאַרטיי, בלייבן מיר נאָך אַנדערע אינטערעסן, אַנדערע זאַכן, וואָס מיט זיי האָט די פּאַרטיי, יעדנפאַלס די היגע פּאַרטיי, קיין שום אָפיציעלע שייכות ניט.

פאַרשטייט מיך ריכטיק.

דער סאָציאַליזם גופא האָט א שייכות מיט אַלץ, ווייל ער באַשעפטיקט זיך מיט אונזער גאַנצן לעבן, מיט דעם יחיד־לעבן און דעם געזעלשאַפטלאַכן, מיט דעם פאַמיליענלעבן און דעם נאַציאָנאַלן, מיט איין וואָרט, מיט אַלץ וואָס גייט אריין אין דאָס וואָס מיר רופן לעבן.

די סאָציאַלע פראַגע איז ניט בלויז א גאָפּל־און־מעסער פראַגע, ניט בלויז א שער־און־נאָדל פראַגע, ניט בלויז א מיין־און־דיין פראַגע, זי איז א סך מער ווי דאָס אַלץ.

די סאָציאַלע פראַגע נעמט אריין אין זיך אַלץ: די נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן פּראָבלעמען, די פרויען פראַגע, די קינדער־פראַגע, דעם פּלאַנטער וואָס רופט זיך מאַן־און־ווייב פראַגע און הונדערטער אַנדערע אַזעלכע פראַגן.

בדרך הטבע האָט דער סאָציאַליזם, וואָס זיין עובדא איז צו אַנטשיידן די סאָציאַלע פראַגע און צו געבן דעם ענטפער אויף איר, א דירעקטע אָדער אומדירעקטע פאַרבינדונג מיט די אַלע אויסגערעכנטע (און ניט אויסגערעכנטע) זאַכן.

ניט אַזוי איז די פּאַרטיי אונזערע.

איר אינטערעסירט בלויז דאָס, וואָס עס איז נוגע צו דעם סכסוך צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דערמיט באַשעפטיקט זי

www.libtool.com.cn



זיך פון דעם פּאָליטישן און דעם עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט. אַלע אַנדערע זאַכן זיינען ניט איר עסק.

געוויס, איינצעלנע פּערזאָנען און גרופּן אין דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, באַשעפטיקן זיך מיט סאַנדיי־סקולס, מיט אויפ־קלערונג פון דערוואַקסענע מענטשן, מיט ליטעראַטור און קונסט, מיט היגיענע און אַזוי ווייטער.

אָבער קודם כל איז דאָס נאָר אין איינצעלנע, זעלטענע פאַלן, און צווייטנס ניט ווייל די פּאַרטיי אַלס אַזעלכע פאָדערט עס פון אירע מיטגלידער. נאָר ווייל זי פאַרבאָט דאָס ניט; ווייל זי איז אפשר צייטנווייז טאַקע ניט צופרידן מיט געוויסע טעטיקייטן פון אירע מיטגלידער, נאָר זי מאַכט זיך ניט זעענדיק. כל זמן עס ווערט ניט געטאָן קיין עולה, כל זמן מען איז ניט עובר אויף ערגעץ אַ געזעץ אין איר קאָנסטיטוציע און כל זמן מען צאָלט וואָכער.

איצט איז אַזוי: אין מיין אייגנשאַפט אַלס אַ מענטש פאָדער איך פאַר זיך און אַנדערע געוויסע זאַכן, פאָדער זיי פון דער געזעלשאַפט, אָבער די דאָזיקע זאַכן זיינען ניטאָ און קענען ניט זיין אין מיין אייגענער פּלאַטפאָרם!

אָט איז אַ קאָנקרעטער, בולט'ער ביישפּיל:

אין די ניו יאָרקער אידישע געגנטן גייען צענדליקע טויזנטער קינדער אין שול אַלע טאָג. דאָרטן לערנט מען זיי לעזן, שרייבן און רעכענען פריער פאַר אַלץ און דאַן גיט מען זיי אַ ביסל געאָגראַפיע, אַלע טאָג אַן עס־לעפל פּאַרוויסטע געשיכטע, און אַנדערע גייסטיקע שפּייז, וואָס האָבן אויף זיך אַ קאַזיאָנע פּלאָמבע.

די געשיכטע, ווי זי ווערט געלערנט אין די היגע שולן, איז זיכער ניט דאָס, וואָס מיר וואָלטן וועלן זען ביי אונזערע קינדער. שוין גאָר ניט ריידנדיק דערפון, וואָס, למשל, די געשיכטע פון די פּאַראייניקטע שטאַטן קען לייכטער ווי די היסטאָריע פון ערגעץ אַן אַנדער מדינה געלערנט ווערן פון דעם שטאַנדפּונקט פון

www.libtool.com.cn



מאַרקס'עם מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, איז גלאַט אַ סקאַנדאַל צוצוזעז ווי מען גיט די קינדער אונטערגעטאַשטע פאַקטן, אומקריטישע שילדערונגען פון פּאָליטישע פּאַסירונגען, אַ ריי פון בילדער, וואָס זיינען ניט מער ווי לויב־געזאַנגען אויף העלדן, א. אַז. וו.

אָבער דאָס איז אַן אַלגעמיינע קראַנקהייט, אַ מין מכת־מדינה און באַרירט דעם לעבן פון די קינדער אין אַלגעמיין, אידישע אָדער ניט אידישע. געהיילט קען די קראַנקהייט נאָר ווערן דורך דעם, וואָס מיר וועלן קריגן אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג אין ניו יאָרק און ממילא אַ סאָציאַליסטישן שול־ראַט (באָרד אָוו עדיוּ־קיישאָן), הגם ניט איינס, צוויי, דריי. דאָס וועט נעמען צייט.

מיר דרייט אָבער אַ מוח אַן אַנדער זאַך. מיר ווילט זיך, אַז מען זאָל מיט די קינדער לערנען אידישע געשיכטע, און אידישע געשיכטע פון אונזער סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט א. אַז. וו.

אָט קריג איך היינט אין דער פרי דובנאָוו'ס געשיכטע פון די אידן אין רוסלאַנד און פּוילן. ווייסנדיק ווער און וואָס דובנאָוו איז, ווייס איך וואָס איך קען פון אים דערוואַרטן. איך קען שוין, ניט האָבנדיק געהאַט קיין צייט צו טאָן מער ווי דורכבלעטערן דאָס בוך (דעם ערשטן פון צוויי בענד), זיך זאָגן, אַז דאָס וועט מיך אַלס סאָציאַליסט ניט אין גאַנצן באַפרידיקן.

אָבער, פון דער אַנדערער זייט, איז דאָס אַן ערנסטע אַרבעט פון אַן ערנסטן און זייער פייאיקן היסטאָריקער און דערצו נאָך אין ענגליש, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב אויף דעם בוך שהחינו געמאַכט.

איז די פראַגע: האָב איך ניט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון דער שטאָט ניו יאָרק, אַז זי זאָל אָנשטעלן אַ לערער אויף עטלאַכע עקסטראַ שטונדן אַ וואָך אין די העכערע קלאַסן, כדי אַז אונזערע קינדער זאָלן האָבן די מעגלאַכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט דער געשיכטע פון זייערע עלטערן אין דעם אַמאָליקן פּוילן, וואָס נעמט

www.libtool.com.cn



אַריין די אידן פון רוסלאַנד, עסטרייך און אַנדערע? דאָ, מערקט איך, האַנדלט זיך עס ניט וועגן רעליגיאָנס־אונטעררריכט, וועל־כער איז מיט רעכט אויסגעשלאָסן פון עפנטלאַכע שולן. מיר ריידן איינפאַך וועגן געשיכטע־אונטעררריכט.

די פינף טויזנט קינדער אין דער גרויסער סקול אין העסטער סטריט, וועלכע זיינען וואַרשיינלאַך דורך און דורך אידישע קינ־דער, האָבן אַ רעכט צו וויסן פון וואַנען זיי שטאַמען אין אַלגעמיין, דאָס הייסט, זיי דאַרפן קענען די געשיכטע פון זייער פאָלק אין אַלע לענדער און צו אַלע צייטן, אָבער ספּעציעל די היסטאָריע פון זייערע עלטערן און עלטערנ'ס עלטערן אין מזרח אייראָפּא.

דאָס דאַרף אונז ניט צוגעוואָרפן ווערן. דאָס דאַרף ניט זיין אין די הענט פון פּריוואַטע מענטשן אָרגאַניזירט אַלס קליי־נינקע סאָסייעטיס, דורכגעפירט פון האַלב־קאָמפּעטענטע, אַמאָל גאַנץ אומקאָמפּעטענטע לערער. דאָס דאַרף ניט זיין אַ גאָב און אַ מתנה פון דער „יונייטעד היברו טשאַריטיס".

דאָס דאַרף זיין איינע פון עטלאַכע פאָדערונגען פון אַ אידיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין איר פּאָליטישער פּראָגראַם.

וועט איר אפשר זאָגן: „לאָזן די אידישע אידן זיך צעברעכן זייערע קעפּ. מיר זיינען פּריידיינקער, אַסימיליאַנטן, אויס־געאידישט פון יאָרן."

וועל איך אייך ווייזן אין מיין נעקסטן קאַפּיטל, אַז איר האָט אַ געוואַלדיקן טעות, אַז איר לעבט אין אַן איינגעבילדעטער וועלט און זעט ניט די ווירקלאַכקייט אונטער די נעזער.

אָבער איך דאַרף ניט וואַרטן ביז'ן נעקסטן קאַפּיטל. איך קען אייך גלייך זאָגן, אַז אויב ניט אייך — מיר פעלט אַזאַ פּאַרטיי.

5טן אויגוסט 1916.

www.libtool.com.cn

## זאָמד פאַר'ן שנאַבל

יאָ, זאָמד פאַר'ן שנאַבל פעלט מיר — אַ סך זאַמד, ווי איר ווערט באַלד זען.

אייך, פאַרשטייט זיך, פעלט גאָר ניט.

איך זייט אינטערנאַציאָנאַלע מענטשן, בעת איך בין ניט מער ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט. ווען ניט מיין טיף־איינגעוואָרצלטע איבערצייגונג, וואָלט מיר איצט *) אפילו דאָס אָנגעקומען שווער. עס איז ניט קיין קליייניקייט צו בלייבן אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט אין דער צייט, ווען דרייצען נאַציאָנען אינטער־קוילענען, אינטער־שיסן, אינטער־פאַרגיפטן איינע די אַנדערע מיט גיפט־גאַזן, אינטער־מאָרדן זיך מיט עקס־פּלאָזיעס פון אונטן אַרויף אין'ם אָפּגרונט און מיט באָמבעס גע־שליידערט פון אויבן אַרונטער.

פאַר מיר, הייסט עס, איז איבער נענוג צו פאַרבלייבן ביי דער אַלטער איבערצייגונג, אַז ניט אַכטנדיק אויף אַלע שטערענישן, וועלן די פעלקער פריער אָדער שפּעטער ווערן פאַרבונדן און פאַר־ברידערט צווישן זיך אויף דעם זעלביקן אופן, ווי דאָס זיינען צום סוף פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט געוואָרן די דרייצען קאָלאָניעס דאָ אין נאָרד אַמעריקע, וואָס האָבן געגרינדעט די איצטיקע פאַר־אייניקטע שטאַטן, אָדער ווי עס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין אימפּעריע די פאַרשיידענע מלוכות אין דייטשלאַנד און אין אַנ־דערע לענדער אין אונזער צייט און אין פריערדיקע צייטן.

ווייטער גיי איך ניט. אינטערנאַציאָנאַלע מענטשן, סתם־מענטשן, נאַציאָנאַל־לאָזע מענטשן קען איך ניט פאַרשטיין. אפילו דאָ, אין אַמעריקע, וואו די אומגעהויערע, איבערנאַטירלאַכע צו־וואַנדערונג האָט צעטומלט אַלע אַלטע אָרדנונגען, לאָזט זיך נאָך

---

*) אין 1916.

www.libtool.com.cn


ביז היינטיקן טאָג מערקן דער חילוק צווישן א יענקי פון מאַסאַ־טשוזעטס און א ניו יאָרקער, צווישן אן איינגעבאָרענעם צפון־אַמעריקאַנער און איינעם, וואָס האָט פון דורות זיך געהאָדעוועט אין ווירדזשיניע און קענטאָקי, למשל.

און ווער רעדט גאָר דערפון, אז דער מאָלאָרוס און דער גרויס־רוסלאַנדער; דער עסטרייכער, וואָס זיין היים איז ווין און זיין לאַנדסמאַן וואָס איז געבאָרן אין בעהמען; דער פּרייס און דער בייער אין דייטשלאַנד, — אז זיי זיינען גרונטפאַרשיידן אין כאַראַקטער, הגם זיי זיינען אויף אַזוי פיל אינטערנאַציאָנאַלי־זירט, אז עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אז צווישן קענטאָקי און ניו העמפּשייר, צווישן מאָסקווע און דער אוקריינע, צווישן ווין און פּראַג, צווישן בערלין און מינכען זאָל איצט קענען אויס־ברעכן א בלוטיקע מלחמה, בעת מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן אַ רעוואָלוציע געגן דער הערשנדער נאַציאָנאַליטעט. פון דעם אנדערן צד, אויב דער דאָזיקער צד זאָל זיך פילן אונטערדריקט פון דעם הערשער און זיין מדינה.

עס איז אפילו ניט מיין אידעאַל, אז בזמן מן הזמנים זאָלן צונויפגעגאָסן ווערן אַלע נאַציעס אין איין גרויסער נאַציע, ווי עס איז ניט מיין אידעאַל, אז פון אַלע רויזן, ליליעס און פיאָלקעס זאָל ווען עס איז ווערן איין בלום, בעת די סאָסנעס, דעמבן, בירקען און טענענבוימער זאָלן ווערן איין בוים.

מיין אידעאַל איז א מענטשהייט אינטערנאַציאָנאַליזירט און פאַראייניקט, אָבער ניט א נאַציאָנאַלער „איירישׂ־סטיו“, ניט א מיש־מאַש, ניט אן ערב־רב, וואָס וויל אז ביי אים זאָלן האָבן אַלע יונים איין פנים! איך וואָלט זיין צופרידן מיט פאַרשיידענע אמונות און נאַציאָנאַליטעטן, וואָס קענען לעבן רואיק און פריד־לאַך צווישן זיך; איך וואָלט זיך באַנוגענען מיט דער פאַרווירק־לאַכונג פון דעם אידישן נביא'ס (צי דאָס איז ישעיה'ס אָדער מיכה'ס) נבואה, אז עס וועט קומען א צייט „ווען איין פאָלק וועט ניט ציען זיין שווערד אויף אן אנדער פאָלק און נאַציעס וועלן

www.libtool.com.cn



איינע דער אַנדערער ניט דערקלערן קיין קריג".
און כדרך הטבע האָב איך, אַז מיין פאָלק וועט ניט אינטער־נאַציאָנאַליזירט ווערן אין אייער זין. איך האָף, אַז דער איד וועט ניט פאַרשווינדן אין דעם גרויסן שמעלץ־טאָפּ און ניט פאַרלירן אין אים זיין פיזיאָנאָמיע, וועט ניט אונטערגיין אַלס אַ מענטשנ־גאַטונג.
אָבער וואָס די אידישע צוקונפט זאָל ניט זיין, איין זאַך איז זיכער: אויב איר זייט אינטערנאַציאָנאַלע מענטשן און אייך פעלט ניט קיין איינציקע פון די זאַכן וואָס פעלן מיר, בין איך אַ איד אַלס מענטש, ווי איך בין אַ מענטש אַלס סאָציאַליסט, און מיר פעלט אַלע טאָג אַן אַנדער זאַך.
איך פיל זיך כסדר ניט אהין און ניט אהער.

* * *

איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיר פעלט אַ פּאַרטיי. מיר דאַכט, איך האָב אייך קלאָר געמאַכט פאַרוואָס. עס וועט אָבער ניט שאַדן אייך צו דערקלערן ווי אַזוי דאָס קומט, אַז אייך פעלט אַזאַ זאַך ניט.
איר זייט, ווי געזאָגט, אינטערנאַציאָנאַלע מענטשן. יעדנ־פאַלס מיינט איר אַז איר זייט. נאָך מער, אייך ווילט זיך דאָס זיין.
דאָס ווילט זיך אייך זיין הויפּטזעכלאַך דערפאַר, ווייל די אַסימילאַציע, וואָס איר האָט גע'ירש'ענט פון דער השכלה צייט, איז נאָך טיף אין אייער סיסטעם און די „אינטערנאַציאָנאַלע מענטשלאַכקייט" איז אַ געווויסע פאָרם פון שמד, אַ מיטל אַרויס־צושפּרינגען פון דער אידישער הויט, אַ וועג צו אַנטלויפן פון זיך, צו באַהאַלטן דעם „הערפּאָרראַגענדען" נאָז, אַפּצוטרייסלען פון זיך די וואַנדזיעגאַלער באָבע און דעם זיידן פון באַלטראַמאַנץ.
ווען איר זייט אַבסאָלוט געצוואונגען דאָס צו טאָן, גיט איר אַמאָל צו, אַז איר קומט אַרויס מזרע היהודים, אָבער ווי זאָגט יענער? איר זייט חלילה אין דעם ניט שולדיק: איר האָט פאַר

www.libtool.com.cn


אייער טאַטן ניט געקויפט די יאַרמולקע און די מאַמע האָט ביי אייך ניט געפרעגט קיין עצה בעת זי האָט צו דער חתונה אָנ־געטאָן א פּאַרוק.

מזרע היהודים — דאָס איז אַלץ. איר אַליין, מיט דער רויטער קאַרטל אין בוזים־קעשענע, זייט גאָר קיין איד ניט, והראיה? צו סליחות שטייט איר ניט אויף, אין כורעים פאַלט איר ניט: המנ'ען קלאַפּט איר ניט און הושענות שלאָגט איר ניט: קריעה רייסט איר ניט, און פעלד מעסט איר ניט. אודאי ניט.

נו, איך אויך ניט. ביי מיר אָבער באַשטייט ניט די אידישקייט אין רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָדער — בעסער געזאָגט — אין א צערעמאָנ עלע רעליגיע. איר, דאַגעגן, האַלט אַ' דאָס איז די גאַנצע אידישקייט, און היות אזוי ווי איר זייט אין דעם פּרט פון אמונה אויס איד, אויף אזוי ווייט שוין אויס איד, אז איר האָט שוין ווידער האַלט לאָקשן־קוגל און מצה־לאַטקעס, פון וואָס איך פאַרדאַרב דעם מאָגן (בעת דער ליטווישער פויער פאַסמאַקע־וועט זיך דערפון פונקט ווי איר) — אזוי ווי איר האַלט, זאָג איך, שוין אזוי ווייט, גלויבט איר אז איר האָט מיט אייער פאָלק שוין קיין שייכות ניט מער און איר זייט אן אמת'ער סתם מענטש.

אלס אזעלכער, מאַכט איר זיך דעם עסק באַקוועם. איר זעט פשוט ניט וואָס אַרום אייך טוט זיך. איר זעט ניט, ווייל איר קוקט ניט, און איר קוקט ניט, ווייל איר ווילט ניט זען.

דאָס וועט שוין קומען, א שטייגער, ווי עס איז. וואָס וועט קומען? אויפקלערונג וועט קומען... אַלע וועלן זיין אויפגעקלערט און דער „פּאַנאַטיזם", דער אבערגלויבן, דאָס הייסט, דער גלויבן וועט פון זיך אַליין פאַרשווינדן.

און קלויזן און קלייזלאַך וועלן ווערן אָפּגעווישט פון דער ערד'ס פּנים, אזוי אָפּגעווישט, אז זיי אַליין וועלן ניט דערקענען דעם אָרט, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען...

און אנשטאָט פּרשת מצורע וועט מען לערנען מיט די קינדער היגיענע: אנשטאָט סדר זרעים וועלן אַלע שטודירן באָטאַניק:

www.libtool.com.cn



אַנשטאָט דעם עין יעקב וועלן מיר אין אַלע אידישע הייזער האָבן נרים און אַנדערסאָן און האַמער׳ס איליאַדע מיט דער אָדיסיי.

און די חדרים וועלן געשלאָסן ווערן אויף אייביק; און פון די תלמוד־תורה׳ס וועט זיך נאָר געפינען אַ זכר אין דער רע־ליגיאָנס־געשיכטע; און מזוזות, טליתים און תפילין וועט מען נאָר קענען זען אין די מוזייאומס לעבן די מומיעס פון מצרים און די נעטשקעס פון גריכנלאַנד.

און שבתים און ימים־טובים — ווער דאַרף זיי? זונטיק איז אַ אינטערנאַציאָנאַלער געזעצלאַכער רו־טאָג — גענוג! פייערטעג האָבן מיר אויך אַ די אידישע איבער גענוג. וואָס עפּעס זיך אָפּטיילן פון אַלע מענטשן? וואָס זיינען מיר?

יאָ, דאָס אַלץ און אַנדערע אַזעלכע זאַכן וועלן פון זיך אַליין בטל ווערן, בטל ומבוטל כעפרא דארעא, ווי דער פּאַר־אַ־יאַריקער שניי, ווי אַ אַלטער לוח, ווי דער סליאַר פון עוג מלך הבשנ׳ס טריט.

און דער באַווייז איז? איך אַליין גלויבט דאָך שוין לאַנג נים, און דער „לאָקאַל״ אייערער איז כמעט שוין אין גאַנצן — יאָ, כמעט... הגם... נו, וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרן... אָבער כמעט אין גאַנצן — אַרויס פון דער אַלטער אמונה, וואָס דאָס איבער־זעצט זיך אויף אייער לשון: אַרויס פון אידישקייט.

גייט אייך אויף דעם אופן די דאָזיקע אידישקייט גאָר ניט אָן, און איר זייט זיך אינטערנאַציאָנאַלע מענטשן?

זייער גוט. איז אָבער די צרה, אַז עס איז דאָ עפּעס וואָס איר זעט ניט.

למשל:

איר זעט ניט, אַז נאָך פינף־און־דרייסיק יאָר*) אַניטאַציע געגן דעם רבונו של עולם זיינען אויסגעוואַקסן אין דעם אידישן קוואַר־טאַל — אין אַלע אידישע קוואַרטאַלן — אַן אַ שיעור מניינים און

*) 1881—1916.

www.libtool.com.cn



סינאַגאָגן, בעת מיר האָבן נאָך ניט קיין אָנהויב, קיין סימן, קיין אויסקוק ניט אויף אַן אַרבעטער־טעמפּל, אויף אַ לייבאָר־ליסע־אום אין דער עלטסטער פון אונזערע אידישע געטאָס, אויף דער איסט סייד, דאָרטן, וואו עס זיינען געפאַלן וויניקסטנס צען „ספּיטשעס" פאַר יעדער איינציקער נשמה, וואָס איז געלייטערט געוואָרן: דאָרטן וואו מען האָט די אמונה באַקעמפט מיט די שווערע האַרמאַטן פון דער וויסנשאַפט, מיט די פיילן פון מיסטער וויץ׳ם בויגן — די שאַרפע, די שפּיציקע, ניט זעלטן גיפטיקע פיילן.

איר זעט ניט, אַז נאָך אַל די יאָרן פון אויפקלערונג פּראַווען פּראָגרעסיווע פּראָלעטאַריער חתונות מיט חופה וקידושין כדת משה וישראל, — חתונות, וואָס קומען אַרויס אַמאָל פון דער ליבע, זאָל לעבן, אָבער צייטנווייז טאַקע דורך שדכנים, ביי וועלכע אַ קלאָוקמאַכער, למשל, שטייגט אין פּרייז נאָך אַ געוואונענעם סטרייק און פאַלט בעת דער סטרייק האַלט אין אויסברעכן.

און די דאָזיקע פאָרטגעשריטענע, אויפגעקלערטע אַרבעטער, וואָס מיר האָבן אַל די יאָרן געקאָרמעט מיט אַנטי־רעליגיעזע דרשות, ערנסטע און הומאָריסטישע, פּראַווען ניט בלויז חתונות, נאָר, ווען די צייט קומט אין אַ מזל׳דיקער שעה, אויך ברית׳ן, גאָר ווי אַמאָל, גאָר ווי אין דער היים, גאָר ווי אין די צייטן ווען דער אויבערשטער איז נאָך געווען אַ גאָט און די תורה האָט נאָך געהאַט די קראַפט פון אַ געזעץ.

און ווען דער אינגעלע, דער זון פון דעם פריידיינקער, וואָס האָט געהאַט אַמאָל כמעט געשוואָלענע הענט פון אַפּלאָדירן אַפּיקורסישע לעקטשורס, און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אין זיך געהאַט דעם טראַסק און דעם קנאַל פון דער אַמאָליקער קאַלע־קאַטקע, וואָס האָט געגעבן אַ גאָב המן הרשע, — ווען, זאָג איך, דעם פריידיינקער׳ם אינגעלע ווערט אַלט גענוג, גייט ער צו אַ רבי׳ן, אויב ניט טאַקע פּשוט אין חדר אַריין, און מען קאָרמעט דאָרט זיין מוח מיט אַזעלכע גייסטיקע שפּייז, וואָס ער קען גאָר

www.libtool.com.cn



ניט פאַרדרייען, אַנשטאַט אים צו געבן די זעלבע אידישקייט אויף אַ מאָדערן־וויסנשאַפטלאַכן וועג, אויב דאָס איז יאָ נויטיג פאַר אים.

דאָס זעט איר אַלץ ניט. און אַזוי זעט איר אויך ניט, ווי אויפגעקלערטע מענטשן, וואָס גייען צו אונזערע מיטינגען און מאַרשירן אין אונזערע „פּאַריידס", און אַפּלאָדירן אונזערע „ספּיטשעס", און „וואוטן" אונזער „טיקעט", הגם ניט אימער דעם גאַנצן, און לייענען אונזערע ביכלאַך, — ווי זיי פּראַווען אַ האָרעלע שפּעטער דעם זונ'ס בר־מצוה און טאָמער איז דאָס נאָך ניט גענוג, פּראַוועט מען זאָגאַר דער טאָכטער'ס בר־מצוה, אַ זאַך, וואָס אויף דעם וואָלט יואל בן פּתואל, דער אידישער נביא, אויסגערופן: „ההיתה זאת בימיכם ואם בימי אבותיכם!" מאַכט דער טייטש: איז גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן אין אייערע צייטן, אָדער אין די צייטן פון אייערע עלטערן! אַ מיידל, וואָס ווערט בר־מצוה! אין ליטע, פּוילן און זאַמוט וואָלט אַ בחור אַן אַלמן, אַ שטומאַק — אַ מגיד, זיך שוין גיכער געלייגט אויפ'ן שכל. דאָס קלינגט עפּעס ווי אַ „דאַפּאָלניעניע" צו דעם אויבערשטנס „סוואָד זאַקאָנאָוו", כביכול.

און ווי איר זעט דאָס ניט, אַזוי זעט איר אויך ניט, אַז טויזנטער און צענדליקע טויזנטער אידישע קינדער, קינדער פון די היי־סקולס, פון סיטי קאָלעדזש; קינדער, מייסטנס, פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דעם דאָזיקן מיטל־קלאַס, וואָס איז דער נעכטיקער און אפשר אויך דער מאָרגנדיקער אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אַמאָל ניט פיל פעטער און אַמאָל זאָגאַר מאַגערער פאַר אים, — איר זעט ניט ווי אָט די דאָזיקע קינדער פילן אָן די היגע תלמוד־תורה'ס, וועלכע אַפּיקורסים האָבן מחרים געווען און די טאַטעס פון די תלמידים האָבן דאַרויף געענטפערט אָמן, האַלטנדיק די וועקסענע ליכט אין די הענט, בשעת מען האָט געשאָלטן...

איר זעט דאָס אַלץ ניט, ווייל איר ווילט דאָס ניט זען.

און אַזוי זעט איר אויך ניט ווי אידישע אַרבעטער, יונגע,

www.libtool.com.cn


אויפגעקלערטע, וואס האלטן ניט שבת ווי זייערע זיידעס פון יענער זייט ים, וואס ארבעטן אום שבת און דאס גאר ניט ווייל זיי האבן אונזער הכשר דארויף, נאר פשוט דערפאר, ווייל מען דארף מאכן א לעבן, ווי זיי האלטן פון דעסטוועגן שבת אין א געוויסן זין, שבת און אלע ימים טובים!

איר פארשטייט ניט וואס איך מיין? פון וואנען זאל צו אייך זיך נעמען דער פארשטאנד? כדי עפעס צו פארשטיין, דארף מען האלטן די אויגן אפן און זען, דארף מען ארויסנעמען די וואטע פון די אויערן און הערן, דארף מען דעם נאז געברויכן צו דערשמעקן וואס קומט פאר אין דער וועלט און ניט האלטן בלויז פאררייסן לגבי אלץ וואס אייך געפעלט ניט.

וואס איר פארשטייט ניט איז זייער איינפאך:

זיי היטן ניט אפ זייערע שבתים און ימים טובים, דאס איז אמת. אבער זיי האלטן זיי. שבת איז ביי זיי שבת, הגם זיי ארבעטן א האלבן טאג. גאט אין אמעריקע לאזט מיט זיך האנדלען,, ער האט איינזעעניש מיט׳ן ארעמען ארבעטער, מיט זיין ברודער, דעם פושקארט־מאן, מיט זיין שוואגער דעם קרעמערל. ער, דער היגער רבונו של עולם, איז ניט קיין גרויסער מקפיד. ער לאזט אייך שבת גיין אין שול און נאכדעם, — נאכ׳ן קוגל — פארקויפן שלייקעס, מיט שניפסן, מיט ספאדניצעס, מיט שפאנקעס פאר העמדער, מיט אנדערע זאכן אין גרענד סטריט און אין קאנעל סטריט און אנדערשוואו. אזוי פועל׳ט מען ביי אים צו ארבעטן אין פעקטארי א האלבן טאג, אבער זיך אנצוטאן שענער לכבוד שבת, אדער לכבוד יום טוב, און אפשר צו גיין אין שול ארייננכאפן א מנחה. ווער ווייס!

ווי אויסגעפוצט, ווי יום־טוב׳דיק די ארבעטער־מיידלאך אין די אפיסעס קומען שבתים און ימים טובים! ווי עס ווארפן זיך — ווינטער — די קרויזקעלאך אויף די הענטעלאך, עקסטרא אויסגעוואשן לכבוד שבת, בשעת די פינגער צימבלען אויפ׳ן טייפרייטער, און דער היגער נאטוראליזירטער גאט אונזערער מאכט

www.libtool.com.cn



זיך ניט זעענדיק, ניט הערנדיק. זיי אַרבעטן? אודאי אַרבעטן זיי! דער טאַטע אַ פּרעסער ביי קלאָוקס, אָדער אַ שניידער, פאַרדינט ווייניק ווען ער איז ביזי און גאָרניט ווען עס איז סלעק. און צו סלעק לייגט ער אַמאָל צו געלט פון קעשענע... ווען עס איז ניטאָ וואָס צו טאָן שטייט צו דער יצר הרע מיט אַ וואָלוועלן פּינאָקל, פינף סענט אַ הונדערט... בקיצור, מען דאַרף אויסהעלפן מיט וואָס מען קען. גיי היט אָפּ שבת! האַלטן שבת, זיך אָנטאָן לכבוד שבת, אַביסעלע עקסטראַ אָנגעפּודערט, אַביסעלע אויסגעפּוצט, אין דער שענסטער בלוזקעלע, מיט דעם שבת'דיקן חן אויפ'ן פּנים — פאַר וואָס ניט!? אדרבה ואדרבה, „יו בעט יור סוויט לאַיף!" אָבער אָפּהיטן שבת, דאָס זעט איר איז שוין שווערער.

און נאָך עטוואָס.

פרעגט ביי אַ מוכר ספרים וואָס האַנדלט מיט אונזערע בראָשורעס און מיט הגדות, תחינות, סדורים, מחזורים, חומשים און דערגלייכן... גלויבט מיר, איר דאַרפט גאָר ניט פרעגן. פאַר יעדן עקזעמפּליאַר פון פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע ליטעראַטור וועט ער אייך געבן אַ ליסט פון הונדערט אויב ניט מער ספרים פון דעם אויבן אויסגערעכנטן לייסטער, וואָס ער פאַרקויפט.

פון דאָס אַלץ ווייסט איר ניט, ווייל איר זעט ניט, ווייל איר ווילט ניט זען.

אָבער איך זע און איך צי דערפון אַ מוסר השכל, וואָס וועט פאַרלאַנגען פאַר זיך אַ קאַפּיטל, אפשר אַ גאַנצע סעריע קאַפּיטלען. אין צוויי ווערטער איז דאָס אָט וואָס:

מיר פעלט אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל איר פּראָפּאַגאַנדע, איר טעטיקייט, איר פּראָגראַם באַזירן אויף לעבעדיקע פאַקטן, אויף פאַקטן פונ'ם לעבן, פון דעם אידישן לעבן.

עס וואָלט, למשל, קיינעם ניט איינגעפאַלן צו קומען צו די בינעזער מיט קאַוטסקי'ס „ערפורטער פּראָגראַם", אַלס די קווינטעסענץ פונ'ם מאַרקסיזם, און נעמען בויען אין כינע אַ סאָציאַליס־

www.libtool.com.cn


טישע פּארטיי, אויף דעם באַזיס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דאָס לייגט זיך אָבער אויפ'ן שכל ביי קופּקאַלאַך מענטשן, וואָס פירן אַן אַן אבסטראַקטע פּראָפּאָגאַנדע צווישן אידן, א פאָלק מיט א דריי טויזנט יאָריקער פאַרגאַנגענהייט, אין גאַנצן איגנאָרירנדיק די דאָזיקע אַלטע פאַרגאַנגענהייט און דעם אידישן כאַראַקטער וואָס זי האָט אַנטוויקלט.

איר טראַכט וועגן דעם ניט. ווי דער פויגל שטרויס באַגראָבט איר דעם שנאָבל אין זאַמד, כדי ניט צו זען וואָס אייך איז אומבאַקוועם, אָדער וואָס פּאַסט ניט צום רומל אייערן.

מיר פעלט זאַמד, וואָס זאָל זיין טיף גענוג פאַר מיין שנאָבל, ווייל צו זיין גוט און פרום וואָלט איך די אַלע זאַכן אויך ניט וועלן זען.

1916.

www.libtool.com.cn

## אַ צייט-פּאָרטרייב

מען זאָגט, יאַקבי, אַז דער גרויסער טשאַרלי טשאַפּלין איז אַ איד.

ווער ווייס צי דאָס איז אמת. מיר אידן האָבן אַ נאַטור אַריינצונעמען אין אונזער נאַציאָנאַלער „סקאַזקע" יעדן איינציקן, וואָס מאַכט זיך אַ נאָמען, אַ שם טוב. ווען דער אויבערשטער העלפט און דער דאָזיקער שם-טוב איז דערצו נאָך פאַרבונדן מיט אַ טשעק-בוך און דער טשעק-בוך — מיט אַ פעטע קאָנטאָ אין אַ גרויסער באַנק, איך דאָך גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן: שפּרינגט מען דאָך דריי מאָל אַ טאָג קדוש פאַר אַזאַ נאָמען! איז... אַז עס מאַכט זיך, אַז מיט אַזאַ גרויסן נאָמען איז פאַרבונדן אַ יער-לאַכע הכנסה פון 670 טויזנט דאָלאַר, אַ סומע געלט וואָס דאָס פאַרדינען ניט אַלע אידישע מלמדים, שוין אַריינגערעכענענדיק ראשי ישיבות און קליינשטעטלדיקע שטונדן-געבער און אויך די מלמדים'ס באַהעלפערס... זיי אַלע צוזאַמען מאַכן דאָס ניט אין צען זמנים אין שכר-לימוד, אפילו ניט ווען מען זאָל צורעכענען די קישקעלאַך און די חלה אויף שבת און די דראָפּ אויף אַ סורדוט לכבוד יום-טוב, וואָס עס פלעגן אַמאָל, ערטערווייז, צואוואַרפן דעם מלמד טאַטעס קצבים, בעקער און טוכהענדלער.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז דאָך קיין וואונדער ניט, אַז מען זאָל וועלן האָבן קרובות'שאַפט מיט אַזאַ גרויסן, וועלט-באַרימטן מאַן ווי דער הער טשאַפּלין. אָבער אויפ'ן שכל לייגט זיך דאָס ניט. דאָס איז עפּעס ניט מעשה-איד צו ווערן רייך און גרויס פון דער אייגענער פרנסה, גאָר אָן אַ לייפּציגער לאָטעריע-צעטל, אָן אַ ספּעקולאַציע אויף דער בערזע און אָן לאַטס אין די בראָנקס אַלס אַ צוגאָב.

און דאָך קלער איך, אַז דער אויבערשטער האָט אונז ענדלאַך באַצאָלט פאַר די עינוים און די רדיפות פון צוויי טויזנט יאָר

www.libtool.com.cn



און האָט אונז מזכה געווען מיט אַזאַ מאַן ווי טשאַרלי טשאַפּלין (אפשר פון דער היים: חיים קאַפּלאַן) אין אונזער משפחה.

און איך וועל אייך זאָגן פון וואַנען עס נעמט זיך ביי מיר אַזאַ סברא.

איך האָב מיסטער טשאַפּלין געזען אין כמעט אַלע זיינע שטומע קאָמעדיעס. צום לעצטן מאָל אין „איינס אַזייגער פאַר־טאָג", וואָס אידישיסטן מעגן איבערזעצן „ויהי בחצי הלילה". אידישיסטן האָבן ליב העברייאישע ווערטלאַך.

און אין אַלע זיינע קאָמעדיעס, פון וועלכע די צייטונגען זאָגן, אַז מען לאַכט נאָך עד היום, הגם איך קען ניט זאָגן, אַז איך אַליין מערק פיל דערפון, איז דאָ איין זאַך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן.

דאָס איז דער טיפער ערנסט, אָפּט אַ מרה-שחורה'דיקער ערנסט, וואָס זעט זיך אויפ'ן פנים פון דעם קאָמעדיאַנט-אַקראָ-באַט בעת ער מאַכט, אָדער פּרובירט מאַכן, דעם עולם לאַכנדיק. מען זעט, ער אַליין איז ניט פריילאַך, ער אַליין לאַכט קיינמאָל ניט, ער אַליין איז גיכער האַלב-טרויעריק, האַלב פאַרטאָן אין רוחניות, און איר קלערט: אָט, אָט הויבט ער אָן צו שטעלן „לופטים" און כליפּעט זיך פאַנאַנדער אויף גלות השכינה...

דאָס איז אידישלאַך און שמעקט מיט ראַמיילעס ישיבה. דאָס דערמאָנט אויך אָן אונזער מה-יפית פאַר פריצים מיט וואונדן און קללות אויף דער אייגענער ברוסט.

און דאָס ברענגט מיך אַרויף אויף מיין טעמא.

עס קען זיין, אַז די ערנסטקייט מיט דער מרה-שחורה אויף טשאַפּלינ'ס פנים איז געמאַכט, אפשר עקסטרא צוליב דעם עפעקט. אָבער פאַר מיר און מיין דור איז דאָס כאַראַקטעריסטיש. וויל פונקט ווי מיר פעלט אַ יום-טוב און פּאָעזיע אין לעבן, אַזוי פעלט מיר אויך אַ שמחה, אַ צייט-פאָרטרייב.

אַ מענטש, וואָס איז אין אַ פאַלשער לאַגע, קען זיך ניט אַמוזירן, קען ניט האָבן קיין אמת'ן פאַרגעניגן פון קיין צייט-

www.libtool.com.cn



פאָרטרייב. ער קען ניט האַרציק לאַכן, יעדנפאַלס ניט אָפט, ניט לאַנג, ניט לייכט. מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער פּלאַצט אַרויס מיט אַן אמת-פריילאַכן לאַך, שושקעט אים אין אויער אַריין דער שד, וואָס באַגלייט אים: „אַז אָך און אַז ווײ איז צו דײַן גע-לעכטער," און ער פאַרשעמט זיך.

די ערגסטע פאַלשע לאַגע, אין וועלכער אַ מענטש קען זיך געפינען, איז די לאַגע פון אַ שטיפקינד ביי אַ גוטער שטיפמאַמע. (איך שטעל דעם אַקצענט אויפ'ן וואָרט גוטע). אָט פאַרוואָס:

ביי אַ שלעכטער פילט זיך די שטיפטאָכטער ענטוועדער אַזוי שלעכט, אַז זי גייט כסדר אַרום מיט אַ צעבראָכענעם הארץ, אַ פאַר'צרה'טע, אַ פאַרקלעמטע, אָבער טאַקע דערפאַר מאַכט זיך ביי איר אַמאָל אַ שטאַרקע רעאַקציע און זי לאַכט זיך פאַנאַנדער האַרציק און אויפ'ן קול, עפּעס אַזוי ווי דער שטיפמאַמען אויף להכעיס... דאָס טרעפט ניט אָפט, אָבער דאָס טרעפט.

ביי אַ גוטער שטיפמאַמע לאַכט דאָס קינד אָפטער, פיל אָפטער, אפשר ניט ווייניקער אויפ'ן קול ווי די אייגענע קינדער, אַמאָל נאָך העכער, כדי צו באַווייזן, אַז... וואָס רעדט איר? איר איז גוט, אמת גוט, ניט ערגער ווי אירע שטיפשוועסטער און שטיפברידער, וועלכע זי רופט שוועסטער און ברידער... וועלכע ווייזן לגבי איר קיינמאָל ניט אַרויס, אַז זי איז אַ צוגעטשעפּעטע, אַ פרעמדע... וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, ווי זיי האָבן אין ווינקעלאַך געקריצט מיט די ציינער בעת זייער טאַטע האָט איר, דער שטיפטאָכטער, אַזוי צו זאָגן, נאַטוראַליזירט אין דער פאַ-מיליע, מיט גלייכע רעכט, מיט גלייכע פליכטן.

און זי לאַכט צייטנווייז נאָך העכער אויפ'ן קול ווי די אַנדערע פון דער הויזגעזינד, אָבער... אָבער מבינים דערקענען אַ פאַלשן טאָן אין דער שטים, אַ צענט-חלק פון אַ קרים אין די ליפּן, אַ מין זיפץ, זייער אַ שוואַכן, שטילן, האַלב-דערשטיקטן זיפץ אין דעם ברויזנדיקן לאַך, וואָס האַלט זיך פאַר אַזוי האַרציק, אַזוי נאַטירלאַך, אַזוי עכט-שטיפעריש.

www.libtool.com.cn



און אפילו ווען איר געלעכטער רופט ארויס א סך לוסטיקייט און פרייליכקייט ביי די ארומיקע, איז ניט שווער צו דערקענען א טראגישן טרער אין איר לאכנדיקער אויג און א טייל פון יענער מרה־שחורה, וואס איר זעט אויף טשארלי טשאפלינ'ס פנים, בעת ער קוליעט זיך איבער, אדער קייקלט זיך אראפ פון צוואנציק טרעפ, אדער ווערט אפגעגאסן מיט וואסער פון א פאנטאנקע — אלץ כדי באלוסטיקן זיין עולם.

און איר פאלשע לאגע איז מיינע. אין אזא לאגע איז ניט געווען מיין פאטער און אין איר ווען אפשר קיינמאל — קיינמאל? מען קען ניט וויסן, פיליכט אבער טאקע קיינמאל — ניט זיין מיינע קינדער.

ביי מיין אלטן איז בדרך הכלל ניט אפט געווען פריילאך, זייער זעלטן לוסטיק. אין שטוב האט זיך ניט געמערקט צו שטארק דער דלות נאר דערפאר, ווייל עס איז געווען די ברייטקייט, די הרחבה אליין, פארגליכן מיט דעם גרויסן דלות ארום אונז, ביי די שכנים. איך אליין האב טאקע זעלטן זומער געהאט שטיוועלאך אויף די פיס — דאס פלעגט מיר זיין א גרויסער שטער ביים גיין בארוועס יעדן תשעה־באב — און האב דערפון עד־היום נאך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, ווילדפלייש אויף די פיאטעס. אבער יודקע מולער'ס און נאטקע חנה רייזע'ס, דעם וואסערטרעגער'ס (עליו השלום!), א יתום, און אנדערע קינדער האבן אפילו אויף סוכות און שפעטער אין חשון, אין כסלו, ביז חנוכה, ניט געהאט קיין גאנצע שיך אויף די פיס. לגבי זיי בין איך געווען א באלעבאטישער אינגל און מיין גוטער פאטער האט שטענדיק געהאט פאר זיי אן איבעריקן גראשן, אן איבעריקן פייעם. אמאל א בערלינקע, אמאל א גאנצן גילדן...

פונדעסטוועגן איז פינף קארבן א וואך הכנסה ניט פון דעם סארט ריווחים, וואס זאל ארייננברייננגען פיל נאטירלאכע פריי־לאכקייט אין א הויז.

און דאן האט אין שטוב ביי אונז ארומגעשוועבט די נשמה

www.libtool.com.cn



פון באָבע צילה, פון יענער הייליקער פרוי, וואָס איר מאַן — מיין זיידע — איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אין דעם ערשטן פוילישן מיאַטעזש, פאַר דעם ערשטן ניקאָלאַי, און זי האָט פון יענעם טאָג אָן געלעבט אין גאַנצן, לחלוטין, פאַר די אָרימע לייט, זיי געבנ־דיק ממש דעם ביסן פון מויל, די העמד פונ׳ם לייב, איבער 30 יאָר.

און איר נשמה, וואָס האָט, ווי געזאָגט, אַרומגעשוועבט איז אונזערע פיר ווינקעלאַך, פלעגט פשוט ניט לאָזן זיך פאַנאַנדער־שפּילן, זיך לוסטיק מאַכן.

די נשמה אירע פלעגט עפּעס אַזוי ווי זאָגן:

„ניט געלאַכט, קינדער! ס׳איז ניט שיין צו לאַכן בעת אַרום אייך וויינען הונגעריקע יתומים, פאַרצאַגטע אַלמנות, מיידלאַך אין טראַנטעס און אינגלאַך אָן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. און עס איז אייך ניט שיין זיך צו שטאָפּן, זיך צו קליידן, זיך צו קאַמען, זיך צו פּוצן, זיך צו פרייען, בעת זיי אַרום אייך זיינען הונגעריק, אָפּגעריסן, אָפּגעשאָטן מיט אומפליייט, ניט געוואַשן און פאַר־צרה׳ט...“

און באָבע צילה׳ן האָט מען געפּאָלגט יאָרן און יאָרן נאָך איר טויט (אין תרכ״ב — 1862) און יאָ, איר מעגט דאָס וויסן... מיר דאַכט זיך נאָך היינטיקן טאָג, ווען איך בין מיט זיך צופרידן, אַז דאָס פאָלג איך איר, מיין באָבע צילה׳ן, מיין טאַטנ׳ס מאַמען.*)

דערווייל בין איך אַראָפּ פון וועג.

הייסט עס, אין מיין אַלטנ׳ס הויז איז ניט געווען פריילאַך. פונד׳עסטוועגן איז געווען ביי אונז, ווי אין אַלע אידישע הייזער, אַ צייט אויף אַליץ, אַפילו פאַר אַ טאַנץ; פאַר לוסטיקייט, אַזוי גוט ווי פאַר קלאָג און יאָמער, דעם אידנ׳ס הויפּט־אַרבעט אין לעבן. „עת ספוד ועת רקוד,“ האָט קהלת געזאָגט.

חוץ וואָס מען האָט געהאַט אַ שמחת תורה און אַ פּורים אין

---

*) מער וועגן באָבע צילה, וויטער אין באַנד 9, אין ערשטן טייל „עראינערונגען“.

www.libtool.com.cn



יעדן יאָר, האָט מען געהאַט אַ געלעגנהייט פאַר שמחות זייער אָפט אין דעם אַרומיקן פאַמיליגלעבן. עס זיינען געווען חתונות, ברית'ן און אַ מזל-טוב פון יעדן סאָרט פון צייט צו צייט. מען פלעגט זיך צונויפקומען און זיך משמח זיין. מען פלעגט גלאַט גיין צו-געסט איינער צום אַנדערן און זייער אָפט פלעגט מען זיך אמת אַמוזירן.

עס איז ניט געווען קיין טעאַטער, און פּורים-שפּילער זיינען פּוריט געווען די איינציקע אַקטיאָרן. וואָס דאָס אידישע לעבן האָט אין יענע צייטן געקענט און געוואוסט, אָבער מען האָט זיך אַמוזירט אויף אַ געוויסן אופן. אַמאָל האָט מען געהערט אַ חזן פון די גרויסע, אַ מאַן מיט אַזאַ „כלי" ווי דער לאָמזשער, אָדער ברוך קאַרלינער, אָדער דעם באַלעבעסל און אַנדערע אַזעלכע קינסטלער פון וואָקאַלע מוזיק, ניט געבונדן דורך פאָרגעשריבענע נאָטן, אָן אַ גראַמאַטיק אין דער טאָן-קונסט, אָבער דערפאַר מיט אַ סך הארץ, מיט אַ סך געפיל און מיט די וויבראַציעס אין דעם קול וואָס האָבן אין זיך געהאַט אַן עכאָ פון אַמאָליקע צייטן, פון די צייטן פון דעם גרויען אידישן אַלטערטום.

יאָ. אַמאָל אַ חזן, און אַמאָל האָט מען געהאַט אַ מגיד פון די גרויסע... און מיילן-ווייט איז מען געגאַנגען הערן אי דעם אי יענעם, און מען האָט פון זיי געקליבן נחת, און מען האָט פון זיי געגאָסן אַן עונג-נפש. מען האָט געפונען צעשטרייאונג, פאַר־געניגן און אמת'ע פרייד, אפילו ווען זיי האָבן געמאַכט וויינענדיק, וויינענדיק דורך מתיקות פון זייערע רייד, דורך דער האַרציקייט פון זייערע ניגונים. פאַר זיי — די אידן פון יענער צייט — איז געווען אַ לעבנס-באַדערפעניש צו וויינען פאַר שמחה, ווי סתם זיך אויסצואוויינען, כדי עס זאָל לייכטער ווערן אויפ'ן הארצן. מען האָט אָפט געוויינט, וואו אַנדערע מענטשן וואָלטן געזונגען. און געזונגען האָט מען אויך וויינענדיק און מען האָט זיך דערמיט געמאַכט אַן אמת'ן פאַרגעניגן. איר האָט נאָך געקענט זען אפילו דאָ אין ניו יאָרק אַלטע און „אַלט-מאָדישע" היימישע פרויען,

www.libtool.com.cn



וואָס פלעגן צאָלן געלט צו גיין אין מיסעם ליפּצינ׳ס טעאַטער „זיך אויסוויינען״ ביי „מירעלע אפרת״, — אַ זכר פון אַמאָליגע צייטן אין דער היים.

אַזוי אָדער אַזוי, מען האָט געהאַט אַ צייט-פּאָרטרייב.

פון דאָס אַלץ בין איך אַוועק. חזנים, דרשנים, פּורים-שפּילער, אתה-הראית-אויפפירונג, חתונות, תנאים׳ס, ברית׳ן, איינגעבן ספרי תורה׳ס, אַ סיום, אַ מזל-טוב און אַלע אַנדערע אַזעלכע זאַכן האָבן קיין פּלאַץ מער אין מיין לעבן ניט.

איך בין אַ ציוויליזירטער מענטש. פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן פּאַסט ניט דאָס לאַכן און דאָס וויינען, וואָס מען פלעגט זיך אַמאָל פאַרגינען. דערביי אָבער בין איך אַ איד... עס איז שווער פאַר מיר זיך איינצוהאַלטן, ווי עס איז שווער פאַר מיר צו ריידן, ניט מאַכנדיק מיט די הענט. האַלט איך זיך איין, שפּיל איך אַ ראָלע, און האַלט די ראָלע ניט שטענדיג אויס.

און איך האָב ניט קיין טעאַטער, ווי מיינע קינדער קענען האָבן. איך קען ניט געפינען קיין פאַרגעניגן אין דייוויד (דוד) בעלאַסקאָ׳ס „ליאַרעמדיקע דערפאָלגן״ אויף דער אַמעריקאַנער בינע. מיך באַפרידיקט ניט די פאַראייניקונג פון שונד מיט „סילווערפּויז״, פון פּלאַי-פּלאַים׳דיגע ליטעראַטור מיט טעאַטראַלישע, איבערנאַטירלאַכע קונצן. איך געפין ניט קיין געשמאַק אין איבערגעניצעוועטע פראַנצויזישע פּיעסן, אין וועלכע עס פעלט אַלץ, חוץ דער עלעמענט פון לא תחמוד און לא תנאף, היפּאָקריטיש אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז דער יצר הרע זאָל הנאה האָבן און דער גלח זאָל ניט האָבן קיין עגמת נפש דערפון.

איך האָב ניט קיין טעאַטער, ווייל חוץ וואָס איך בין דאָ בלויז אַ צונעשריבענער, בלויז אַ ניו יאָרקער נכתב, בין איך ליידער אַ שטיקל מבין אויף פּיעסן און איר קענט מיך ניט איינרעדן און איך קען זיך ניט איינרעדן, אַז ציוויליזירטער קוואַס איז כמעט שאַמפּאַניער, און אַז שונד-דראַמען קענען זיין אַ צייט-פאַרטרייב, — אַ צייט-פּאַרטרייב פאַר מיר.

www.libtool.com.cn



און וואָס מען רופט דאָ מוזיק איז ענטוועדער „רעג-טיים“, וואָס דער נייער דור אידעלאָך מאַכט פאַר די פּאַרדאָלאָרטע אַמע-ריקאַנער — מוזיק מיט אַן איין-איינציקער מעלאָדיע אויף פאַר-שידענע אופנים, דיזעלביקע מעלאָדיע פאַר די גאַנצע לעצטע הונדערט יאָר, אָדער אָפּערעטן ווי, למשל, „דער מכשף פון אָז“ און אַנדערע. פאַר'ן אויגנבליק זיינען זיי „אָלרייט“, אָבער ביי אונזערע מענטשן לאָזן זיי איבער אַ שלעכטן געשמאַק אין מויל, ווי שטאַרק זיי זאָלן טייך ניט אַמוזירן בעת איר זעט זיי.

בלייבט די גרויסע אָפּערא. איז די מעשה אַזוי.

וואָלט איך דאָ געדעדט וועגן זיך אַליין, וועגן זיך פּערזענלאַך, וואָלט איך פּשוט געזאָגט: איך פאַרשטיי ניט די גרויסע אָפּערא. עס איז אפשר ניט שיין ניט צו פאַרשטיין און אפשר נאָך וויניקער שיין עס מודה צו זיין בפני כל עם ועדה, אָבער, ערשטנס, איז דער אמת וויכטיקער ווי אַלץ און, צווייטנס, איז גלייבער אַז איך זאָל דאָס אַליין זאָגן, איידער וואַרטן ביז אַ שונא וועט עס אייך דערציילן. זייט, פונדעסטוועגן, ניט מגזם.

דער אמת איז, אַז איך בין ניט אַזאַ פּרא-אדם ווי די מענטשן, וואָס ווינטערן איג'ם מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז, קענען מיינען: איך קען הנאה האָבן פון אַן אַריע אין אַן אָפּערא און דאָס גלייכן, אָבער די מעשה אַלס אַ גאַנצע האָט פאַר מיר ניט קיין גרויסן אינטערעס. מיין הער-אַפּאַראַט איז מסתמא לאַ-עליכם'דיק.

אָבער איך רעד דאָ ניט וועגן זיך אַלס אַ פּערזאָן. איך בין דאָ פאַר'ן עולם אַ מענטש פון מיין דור, אין מיין לאַגע, אַן אימי-גראַנט אין אַמעריקע, וואָס זיין לעבן גראַמט זיך אַזוי ווייניק מיט דעם היגן לעבן, ווי אַ ווילנער רעטשישניק מיט פלאָרענטינער ספּאַגעטי.

און אַלס אַזעלכער געפין איך ניט אין דער אָפּערא, — אפילו ניט אין די, וואָס איך קען, מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג, ווי-עס-איז אַריבערלעבן און אויסהערן („מאַרטאַ“ איז איינע פון דעם

www.libtool.com.cn



מיז), קיין צייט־פּאָרטרייב פאַרזיך.

די באַדייטונג אָבער פון דעם האָב איך צו א געוויסן גראַד שוין דערקלערט, רעדנדיק מכח די „לעבנס-פּאָעזיע" וואָס מיר פעלט.

די אונטערשטע שורה איז, אַז מיר פעלט אַ צייט-פּאָרטרייב אויף דעמזעלביקן אופן ווי מיר פעלן די אַלע אַנדערע אויס-גערעכנטע זאַכן.

1916.

www.libtool.com.cn

## פייגעלאך אין בוזים

אויב איר זייט א מעטער אויף ענגליש, זייט איר מסתמא באהאוונט אין דיקענס. האט איר געלייענט די אומשטערבלאכע שריפטן — מען מעג דאך, לאמיך האפן, נאך לויבן אן ענגלישן, דאס הייסט א בריטישן שרייבער, רעדנדיק מיט א פרא-נערמאנישן עולם *): א חשד איז ביי מיר געווען, אז מען טאר ניט און דערפאר האב איך געפראוועט שעקספיר'ס דרייהונדערטסטן יאר-צייט בשתיקה, אין די ד' אמות פון מיין רשות היחיד, וואס דאס... נאר איך פארקריך עפעס גאר מעשה משוגענער פילאזאף און ריידן ווילט זיך מיר ווי א קלארער.

געוואלט האב איך זאגן, אז אויב איר האט געלייענט דיקענס'עס שריפטן, האט איר זיכער געמאכט די באקאנטשאפט פון דער קליינער מארקיזע, וואס פלעגט אויסגיין פאר הונגער אין מים סארא בראס'עס קעלער.

קענט איר די מארקיזע, דאן מוזט איר געדענקען, אז „לעבנ-דיק" נאכאנאנד אין א טונקעלער, פייכטער אטמאספערע פון ווילגאץ און טונקלעקייט, האט זי דערגרייכט די מדרגה פון זען זאכן אנדערש ווי זיי זיינען אין די אויגן פון געוויינלאכע מענטשנ-קינדער, וואס דאס איז ביי איר דערגאנגען אזוי ווייט, אז זי פלעגט האלטן ציטראן-שאלאכץ געווייקט אין וואסער פאר שאמ-פאניער.

„אמת'ע שאמפאניער!" — פלעגט זי זאגן, — „מען דארף נאר קענען זיך דאס איינריידן."

און זי, די מארקיזע, אין אמת'ן אן ארימע יונגע דינסטמיידל

---

*) איידער אמעריקע איז אריין אין דער וועלט-מלחמה, אויף דער זייט פון די „עליים", זיינען די אידישע מאסן, מחמת קעגנערשאפט צום צאריזם, געווען פרא-גערמאניש.

www.libtool.com.cn



מיט אַ שטענדיק פּוסטן מאָגן און מיט אָפענע מיילער אין די שיך אירע, איז ניט די איינציקע, וואָס האָט אין זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ פּייאיקייט צו זען די וואונדערבאַרסטע זאַכן, „איף יו קען אָנלי מייק בעליעוו אינאַף“.

דאָס שיינט צו זיין די פּסיכאָלאָגיע פון אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען אַ לאַנגע צייט קעלער-באַוואוינער אין דער וועלט'ס הויז; אָפּגעטיילטע פון די גליקלאַכע אויף דעם ערשטן און דעם צווייטן עטאַזש, וואו די זון שיינט אריין אַלע טאָג און די לופט איז ניט קיין ניט-היגע, אַפּילו וואָס דאָ פעלט אמאָל עפּעס אויס און עס גייט אמאָל עפּעס ניט איין... ביי זיי, ביניהם, איז אויך ניט אַלץ ווי דאָס האַרץ גלוסט.

און דאָס, שיינט מיר, איז אונזער אידישע פּסיכאָלאָגיע, היינט ווי אמאָל, מער ניט אויף אַן אַנדער אופן. מיר פערזענלאַך אָבער, — מיר און יעדן ניכטערן מענטשן פון מיין דור, פעלט זי. מיר פעלט די דאָזיקע געבענטשטע איינבילדונגס-קראַפט, וואָס קען זיך איינריידן פייגעלאַך אין בוזים און שאַמפּאַניער, וואָס שטאַמט אַרויס פון פאַרלעגענע ציטראָן-שאָלאַכץ.

איך און מיין דור זיינען לײדער ניכטער. מיר האָבען ניט די קראַפט אין זיך צו זען, ווי אונזערע עלטערן, למשל, האָבן געזען אליהו הנביא קומענדיק צו די סדרים, וואָס דערפאַר איז פאַר אים געווען אָנגעגרייט אַ כוס פון יאָר צו יאָר — אמאָל טאַקע פון אַזעלכע יין צמוקים, וואָס האָט געהאַט אַן ענלאַכקייט צו דער מאַרקיזע'ס שאַמפּאַניער — און דאָס אין יעדעם אידישעם הויז, ווייל מען קען ניט וויסן וואו ער, זכור לטוב, קען אַראָפּקריכן, אַ קומענדיק אין שטעטל.

איך האָב אויך ניט די איינבילדונגס-קראַפט צו קענען זיך פאָרשטעלן, אַז אָרימע לייט פון אַ גאַנץ יאָר זאָלן דיר-נישט- מיר-נישט ווערן פּרינצן צום ערשטן סדר. דאָס און אַנדערע זאַכן אַזעלכע.

איך בין אויסגעניכטערט אפילו אין זאַכן, וועלכע וואָלטן מיר

www.libtool.com.cn



אין די צייטן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, שטאַרק פאַרדרייט אַ מח. ווען גראַף אַגינסקי, למשל, וואָלט היינט פאַר מיינע אויגן שמייסן אַ אידן — ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין מיין פאָטער׳ס צייטן — וואָלט איך ניט קענען זיין זיכער, ווי מיין פאָטער׳ס דור איז געווען, אַז דער געשמיסענער איד איז פאַרט אַ איד און דער בייזער פּריץ ניט מער ווי אַ הונט אָן אַ נשמה, אַ כלב שבכלבים, וואָס וועט איינגעמען אַ פּגירה מיט דער צייט. אויב דער גראַף איז אַ הונט דאַרף ער בייסן מיט די ציינער, ניט שמייסן מיט ריטער, און אויב דער איד איז אַזוינער אַז אַגינסקי איז אַ הונט לגבי אים, דאַרף ער זיין דער שמייסער, ניט דער געשמיסענער.

אמאָל, אין קעלער, האָט מען זיך געקענט אַזוינע זאַכן איינ־ריידן, היינט גייט דאָס אַלץ שוין ניט מער. עס גייט ניט, ווייל עס שיקט זיך ניט.

פונדעסטוועגן איז דער דאָזיקער „היינט" נאָר אַ היינט פאַר מיר און מיין דור. אונזער אַמעריקאַנער יונגוואַרג, וואָס לעבט שוין ניט מער אין פאָדוואַלעס, וואָס לעבט כמעט אויפ׳ן בוידעם, העכער ווי די איבעריקע איינוואוינער, ווי מען וועט אייך שפּעטער אביסל דערקלערן, — די היגע יוגנט האָט דיזעלביקע פאַנטאַזיע, נאָר אויף אַן אַנדער אופן, צו זען דאָס וואָס עס ווילט זיך זען. לא־די, וואָס זיי זעען ניט דאָס וואָס מען קאָן זען, נאָר זיי ווילן ניט; זעען זיי זאַכן, וואָס זיי ווילן זען, הגם די דאָזיקע זאַכן זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

---

איך האָב געזאָגט, אַז די אַמעריקאַנער אידישע יונגוואַרג לעבט דאָ ניט מער אין פאָדוואַל, נאָר, פאַרקערט, כמעט שוין אויפ׳ן בוידעם.

נאָרמאַל, געזונט איז ניט דער בוידעם, ניט דער קעלער. דער קעלער איז אַן אָרט פאַר אָפּגעלעבטע זאַכן, פאַר אָפּגעניצטע, כמעט אַרויסגעוואָרפענע חפצים, פאַר ליידיקע קאַסטנס און קי־

www.libtool.com.cn



פערם. דער בוידעם, ווידער, איז אַן אָפּלעגער פאַר שמות, פאַר אַלטע ספרים, וואָס מען וויל אַמאָל נאָך פון זיי מאַכן עפּעס אַ נוץ, פאַר אנדערע זאַכן אַזעלכע, וואָס מען קען ניט האַלטן און מען וויל ניט אַרויסוואַרפן.

אַן אָרט פאַר נאָרמאַל-געבויטע מענטשן איז די הויז גופא ביז'ן קעלער צו אונטן צו, ביז'ן בוידעם צו אויבן צו.

אונזער יונגוואַרג זעט זיך אויבן און האַלט זיך פאַר הויך, פאַר דערהויבן, פאַר העכער ווי די יוגנט פון אנדערע פעלקער-ראַסן צווישן די איינוואוינער פון דער מדינה.

אַראָפּקוקנדיק אויף די רוסיש-אידישע קעלער-באַוואוינער, די שכנים פון לופּעטעס, טראַנטעס, פּוסטע קאַסטנס און טוכלע לופט; אויף די קרבנות פון מייז און ראַצן, וועלכע די רעגירונגס-קעץ לאָזן רואיק גריזשען און נעגען די פּאָדוואַלניקעס, — אַראָפּ-קוקנדיק אויף זיי, פּאַטשן זיך אונזערע היגע אידיש-אַמעריקאַנער אין בייכל און טראַכטן: „דזשי! ווי גוט איז אונז!!“

זיי מערקן ניט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. זיי זיינען גרויסע בריות צו זען וואָס זיי ווילן און ניט מער. זיי באַגרייפן ניט, אַז וואָס צו איז אומגעזונט און אַז צו הויך איז אַמאָל נאָך געפערלאַכער ווי צו נידעריק.

זיי זעען זיך אין די הויכשולן, אין די קאַלעדזשעס, אין די ביבליאָטעקן, און אַזוי ווי „ווימן איז מאַכט“ קלערן זיי, אַז זיי זיינען אויפ'ן פערד און אַז די זון, די לבנה מיט די שטערן בוקן זיך פאַר זיי.

און זיי זעען זיך אין די גרויסע צייטונגען, וואו עס ווערט טעגלאָך פאַבריצירט די עפנטלאַכע מיינונג; די צייטונגען, וועלכע רעגירן כמעט די מדינה. אַ קלייניקייט אביסל! פּוליצער פון דער „וועלט“ איז אונזער פּוליצער, און אָקס פון דער „טיימס“ איז אונזער אָקס.

און מיר, יונגע אַמעריקאַנער, געוועזענע אידן, שרייבן לידער פאַר דעם געערטן פּובליקום און טאַנץ-פּיעסן פאַר אים, און

www.libtool.com.cn


ביכער, און וואָס ניט...

מיר — אונטער אַלערליי איירישע, אַנגלאָ-זאַקסישע און אַנ-דערע נעמען — שפּילן ראָלען אויף דעם וואָדעוויל-סטיידזש, אויב מיר שפּילן ניט אַ ראָלע צווישן מענגעדזשערס. מיר זיינען די קראַפּט, וואָס באַוועגט די רעדער אין די וואַנדל-בילדער, די „מואַווינג פּיקטשורס", וואו דער חשך ווערט באַנוצט פאַר באַ-לייכטונג און אויפקלערונג, צום ערשטן מאָל זינט יונה איז אַרויס פון דעם וואַלפיש'ס בויך.

מיר — דאָס רייד איך אַלץ אין דעם נאָמען פון אונזער היגער אַמעריקאַניזירטער יוגנט — זיינען די שרייבער און די אויפפירער פון די שונד-דראַמען, זייער אָפט אויך די אַקטיאָרן אין זיי.

מיר האָבן פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן „גרויסן ווייסן וועג", וואָס רופט זיך בראָדוויי, און מעג הייסן די ברייטע גאַס, ווי יענע אין ווילנע; מיר זיינען אויף דער בערזע אין „לאָוער" בראָדוויי; אין די קראָמען העכער אַרויף ביז העראַלד סקווער; אין די טעאַטערן נאָך ווייטער אַרויף-צו-צו; אין די הויכע, צען און מער עטאַזשיקע הייזער נאָך ווייטער צו צפון צו... וואו מיר בויען טאַקע די דאָזיקע הייזער.

און טאָמער איז דאָס אַלץ ניט גענוג, זיינען מיר די לאָיערס, די דאָקטוירים, די פּראָפעסאָרן, די געזעצגעבער, די זינגער, די טענצער און וואָס איר ווילט אַליין, מער ווי די פּראָפּאָרציע אונ-זערע.

היינט פּרייזפייטער! אַ קליינִיקייט אַזאַ קאַפּאַציטעט ווי ליטש קראָס און זיין ברודער מאָרטי! ווי בעני לעאָנאַרד און אייב אַטעל! און רייען (נישקשה פון אַ נאָמען פאַר אַן אייניקל פון אברהם אבינו!) און לעווינסקי, דער אומבאַזיגטער מאָרדע-רייבער, און די צענדליקער אַנדערע פּויסט-קינסטלער, היינטיקע און אַמאָליקע!

מיר, אַלץ מיר, דער יונגער דור, יונגע אַמעריקאַנער פון שבט

www.libtool.com.cn



יהודה...

מיר זיינען אויפ'ן פערד...

יא, זיי זיינען אויפ'ן פערד. דאָס איז אמת. די פראַגע ביי מיר איז, פונדעסטוועגן, ווי לאַנג בלייבן אונזערע באַיטשיקלאַך „אינ'ם זאָטל"? א פערד קען אמאָל ווערן צעיושעט און קען נעמען זיך וואַרפן און בריקען און לאָזן לויפן שוים פון מויל פאַר הוילע אויפרעגונג, פאַר כעס, ווערנדיק א געפאַר פאַר'ן רייטער.

איך וואָלט זיי וועלן זען אויפ'ן פערד, איך האָב חלילה גאָר ניט צו זיי, לחלוטין גאָר ניט. איך פאַרגין זיי דעם כבוד, פאַרגין זייער חלק עולם הזה, פאַרגין עס זיי שוין דערפאַר אליין, וואָס זיי האָבן קיין עולם הבא ניט, ווייל זיי האָבן קיין אידעאַלן ניט, ווייל זיי לעבן נאָר פאַר'ן טאָג, ווייל זיי זוכן אין דעם טאָג ניט מער ווי א „גוד טיים", און בנוגע צו דעם מאָרגנדיקן טאָג, צו דעם שיקזאַל פון זייער געוועזענעם פאָלק, זאָגן זיי אייך: „איי שוד וואָררי!"

אוי ווילט זיך דאָס ניט זאָגן, אָבער וואָס זאָל איך טאָן? מיר פעלן די פייגעלאַך אין בוזים.

.1916

www.libtool.com.cn

# דרך ארץ

און ניט דוקא בושה פאַר אַן עלטערן. יעדנפאַלס, ניט דאָס אַליין. דאָס וואָלט געקענט ווערן אויסגעלייגט, עפּעס אַזוי ווי מען האָט מורא טאָמער וועט זיך דער עולם פאַרגעסן און פּוגע בכבוד זיין אַ זקן, וואָס דערפאַר האַלט ער פאַר נויטיק דעם דאָזיקן עולם צו געבן צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיך באַגיין מעשה-מענטש מיט אַן עלטערן מענטשן.

וואָס איך בין דאָ אויסן פריער פאַר אַלץ, איז אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם טרויעריקן פאַקט, אַז דעם יונגן דור קען מען כמעט ניט געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז ערגעץ-וואו אין דער וועלט אַמאָל געווען אַזאַ קאָמישע זאַך, אַזאַ אומאַמעריקאַנישע זאַך ווי דרך ארץ.

דער מיאַטעזש פון אבשלום'ן קעגן זיין קעניגלאַכן פאָטער דוד, אָדער די מיאוסע באַהאַנדלונג, וואָס שעקספּיר'ס קעניג ליר האָט אויף דער עלטער געהאַט אויסצושטיין פון זיינע צוויי עלטערע טעכטער, וועט דאָ קיינעם ניט שאָקירן, — קיינעם ניט צווישן דעם היינטיקן יונגן דור אין קאָלומבוס'עס מדינה.

ביי די אינאַאיטן אין דעם הויכן ווילדן צפון, וואו מענטשן וואוינען אין שניי-הייזקעס, אַמאָל אין גרויסע בנינים פון שניי און אייז, כדי זיך צו וואַרעמען דורך דעם אייגענעם אויסגעהויכטן אָטעם פון אַ סך מענטשן, וואָס וואוינען צונויפגעשפּאַרט אויף איין אָרט, — ביי זיי, ביי די אינאַאיטן איז דאָ אַזאַ מין מנהג:

ווען אַ פאָטער ווערט אַלט און ער טויג שוין אַבסאָלוט ניט מער צו קיין שום אַרבעט (פּראָדוקטיווער אַרבעט. ווי מיר וואָלטן היינט זאָגן), בויט מען פאַר אים אויס אַ קבר פון אייז און שניי און מען זאָגט צו אים: „טאַטע, זיי מוחל, גיי און שטאַרב, עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פאַר דיר אַרבעטן.“

www.libtool.com.cn



דער טאַטע, האָבנדיק פּונקט אַזוי באַהאַנדלט זיין אייגענעם פּאַטער, געפינט דעם עסק גאַנץ נאַטירלאַך און ער לייגט זיך שטאַרבן פאַר הונגער.

צו דערזעלביקער צייט דערוואַרט ער, אַז מען זאָל אים אָפּ־געבן כבוד בעת מען פאַרשפּאַרט אים אין זיין אייז־קבר. ער קריגט עס. מען גיט אים אָפּ כיבוד־אב אפילו בעת מען איז אים משלח אויף יענער וועלט.

די ווילדע, הייסט עס, האָבן ביז צו אַ געוויסן גראַד בושה פאַר עלטערן, אָבער זיי זיינען ווילדע און ניט, ווי מיר אַמערי־קאַנער, ציוויליזירטע מענטשן.

אין דעם פּרט פון כיבוד־אב איז דאָ ביי אונז אַ שיינע אַלטע לעגענדע, לויט וועלכער אַ גוי האָט געטאָן אַזאַ מין זאַך:

ער האָט געהאַט אַ פּרה אדומה, וואָס די פאָרשטייער פון די אידן האָבן געזוכט און האָבן געקענט קריגן נאָר ביי אים. זיי זיינען געקומען צו אים און האָבן אים פאָרגעלייגט אַ גרויסע מטבעה מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל זיי גלייך אַרויסגעבן די רויטע קו, מחמת די צייט איז געווען זייער קורץ. דער גוי האָט געענט־פערט, אַז דער פאָטער זיינער, וואָס האָט ביי זיך דעם שליסל פון שטאַל, שלאָפט און ער קען אים ניט אויפוועקן. זיי האָבן געהעכערט דעם פּרייז, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. „איך וועל ניט שטערן מיין אַלטן אין זיין רו — האָט ער געענטפערט — פאַר קיין שום געלט ניט אין דער וועלט.“

געפינט מיר אַזאַ אידישן גוי היינטיקן טאָג אין דיוויזשאָן סטריט!

אָבער וואָס מיך אינטערעסירט איצט אין דעם דאָזיקן אויגנ־בליק איז ניט דוקא דרך ארץ לגבי עלטערן.

דער מענטש פון מיין דור ווערט דאָ מער אָדער ווייניקער שאָקירט פון אַלע מינים גראָבקייטן קעגן עלטערע מענטשן, קעגן לערער און באַלערער, קעגן פרויען און קעגן אַלץ אין וואָס מען גלויבט ניט. און אפילו אין וואָס מען גלויבט.

www.libtool.com.cn


דאָ ניט לאַנג צוריק גיי איך איין טאָג אריין אין א קראָם קויפן א בליישטיפט און נאָך עפּעס וואָס — איך געדיינק שוין ניט וואָס.

דער קרעמער אליין איז משמעות ניטאָ אין „סטאָר" און ביים טאָנבאַנק שטייט א בלאָנדער יונגערמאַנטשיק. ער אונטערהאַלט זיך מיט אַן אנדער שיינער שטיקל יונגוואַרג, דאָס הייסט, שיין אָנגעטאָן, הגם ניט עקסטרא אויסגעפּוצט; אויך א מאַנסביל.

אָט שטיי איך און וואַרט געדולדיק בעת די צוויי בחורים, אָדער אפשר יונגע באַלעבעסלאַך, אונטערהאַלטן זיך. מיר האַלט אָבער שוין ביים פּלאַצן די געדולד, ווען דער קונה — אויב ער איז ווירקלאַך געקומעז עפּעס קויפן — באַמערקט די קומענדיקע „עקספּלאַנאַשאָן" אויף מיין פּנים. מיר שטייען איינער לעבן דעם אַנדערן, אַן עלנבויגן צו אַן עלנבויגן; א שטאַרקער בלאָז פון א ווינט, א ניס פון א היי-פיבער פּאַציענט און מיר שטויסן זיך אָן איינער אָן דעם אַנדערן.

ער טוט א דריי זיין קאָפּ צו מיר און זאָגט צו זיין פריינט פון יענער זייט טאָנבאַנק:

„אטענד טו דהיז אָלד פעלער פוירסט!" *)

אויסערגעוויינלעך די ווערטער הויך, אומזשעניערט, מיט דעם טאָן פון רואיקער גלייכגילטיקייט, ווי איינער זאָגט: „נו, וואַרף שוין צו דעם הונט זיין ביין, האַלט אים ניט צו לאַנג אויף די הינ-טערשטע פיס, ער שטערט אונז..."

און דאָס איז מעשים בכל יום.

איצט בין איך שוין מער אָדער ווייניקער דערצו צוגעוואוינט, אָבער דער סאָרט גראָבקייט, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער גרויסער פאַמיליאַריטעט, פלעגט מיך אין די ערשטע צייטן צייטנ-ווייז אויפרעגן, צייטנווייז צוטומלען. און דערביי בין איך אַלע-מאָל געווען א דעמאָקראַט אין אַלץ... חוץ אין דער אמעריקאַנער פּאָליטיק.

---

*) באַהאַנדל פריער אָט דעם אַלטן קערל.

www.libtool.com.cn



אָט, געדענק איך, קום איך, צוריק מיט א יאָהר 21,*) איין פרימאָרגן פון ניו יאָרק אין באָסטאָן.

איך דאַרף גיין קיין וואשינגטאָן סטריט און ווייס ניט ווי מען גייט אהין פון דעם אָרט, וואו איך געפין זיך. די גאסן זיינען פוסט. עס איז זיבן אזייגער אין דער פרי. דער ארבעטער איז שוין אין פאבריק, דער קרעמער עסט פרישטיק מיט'ן „העראָלד" אין דער האנט, און דער לאָיער, דער דאָקטאָר און דער פאברי־קאנט רייבן זיך ערשט אוים די אויגן און זאָגן אפשר א פּראָ־טעסטאנטישן „מודה אני". קיינער, משמעות, סטרייקט ניט אין דער געגנט, און דערפאר איז קיין פּאָליסמאן אויף א רפואה ניטאָ.

איך דריי זיך ארום א מינוטן צען אויפ'ן זייגער און באַ־שליס אריינצוגיין ערגעץ־וואו „כאפּן א ביים", אָבער גראד דאַן באווייזט זיך אויף דער סצענע א פּאָליסמאן, שעהן געוואקסען, קיין עין־הרע, כמעט מיט א בייכל.

אויסהערנדיק מיין קורצע בקשה, לייגט ער מיר ארויף זיין רעכט האנט אויף מיין לינקער פּלייצע, און טאקע אזוי, אז איך פיל זיינע פינגער אלע צוזאמען און יעדן באזונדער.

„וועלל.. יאָנג מען!" און מיט דיזער הקדמה זאָגט ער מיר ווי אזוי איך דאַרף גיין, כדי צו קומען צו וואשינגטאָן סטריט.

דער „יאָנג מען" זיינער איז שוין דאַן געווען א העפלאַכער ליגן, ווייל איך בין שוין געווען נאָענט פון 40 יאָר אלט.

מיין ערשטער אימפּולס איז געווען אים אָפּצוזידלען, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אין צייט, אז א פּאָליציייסקער איז גע־בענטשט מיט א קלאָב אפילו אין ענגלאנד, און האָט דאָ אין אמעריקע אָפּט — אויב ניט שטענדיק — א רעוואָלווער אין קע־שענע. אים זידלען, צי ער פארדינט עס צי ניט, איז דערפאר ניט אזא זיכערע זאך ווי לעסטערן דעם רבונו של עולם. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אז איך האָב אריינגעשריבן אין מיין נאָטיז־ביכל: „וואס דער יענקי האָט ניט קיין אדעל איז

*) אין 1895.

www.libtool.com.cn



גוט, אָבער א האָרעלע מער איידלקייט וואָלט אים ניט געשאַדט."

מײנע קריוודעס אין דעם פּרט פון דרך ארץ זיינען ניט דווקא דורכאוים פערזענלאַכע.

איך קען נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט צוהערן זיך גלייכגיטליק צו אזא מין אויסגעשריי ווי „העלאָ, דאַק!" ווען מיר קומט אוים צו זיין אן עדות אין א באַגעגעניש צווישן א דאָקטאָר און זיינעם א פּאַציענט. עס קען זיין, אז דאָס איז דעם היילער'ס אייגענע שולד, עס איז מעגלאָך, אז דאָס שטאַמט פון די צייטען, ווען די פּראַקטיקע איז נאָך געווען שוואַך און מען האָט געהאַט א שייכות מיט לאָדזשן-ברידער, 50 סענט א ברודער, און מען האָט אַרונטער-געשלונגען ערגערע ווערטער ווי דעם „העלאָ, דאַק!" צוליב חיונה.

אָבער איך בין אַנדערש דערצויגן געוואָרן. ביי אונז האָט מען אפילו א צירולניק, וואָס האָט געשטעלט באַנקעס, און גע-לייגט זעגעפּטן, און צוגעשטעלט שפּאַנישע פליגן, און געעפנט אן אָדער, צי מען האָט געדאַרפט צי ניט, באַהאַנדלט מיט א גע-וויסן גראַד פון רעספּעקט, און ווער רעדט גאָר פון אן אמת'ן „אויסגעשטודירטן" דאָקטאָר, וואָס קען שרייבן רעצעפּטן, אפילו אום שבת, און וואָס שרייבט זיי אויף לאַטיין און מיט א מלאכים-כתב, וואָס חוץ דעם אפּטייקער קאָן עס קיין מענטש ניט לייענען. די שלעכטע האַנטשריפט, לאָמיך באַמערקן, פלעגט מען באַ-וואונדערן מער ווי אַלץ.

וואָס זאָל איך דאָ פיל ברייען? מיר פעלט דאָ דרך ארץ אויף שריט און טריט.

* * *

דערביי איז פּאַראַן עפּעס, וואָס מאַכט, אז מען זאָל די היגע פאַמיליאַריטעט, וואו מען דאַרף איר ניט, די גראָבקייט, וואו זי געפינט זיך, פילן אביסל אַנדערש, ווי דאָס פילן, קומענדיק אַהער, דער העפלאַכער דייטש און דער זייער העפלאַכער ענג-לענדער און דער פריקרע-העפלאַכער פראַנצויז.

יעדער פון זיי וואָלט זען אין דער גראָבקייט (און... אזוי

www.libtool.com.cn



ווייטער) פשוט א זאַך, וואָס ער וואָלט האַלטן פאַר א באַווייז פון שלעכטער דערציאונג, פאַר איבערטריבענעם דעמאָקראַטיזם, און ער וואָלט אָפּ׳פטר׳ן דעם גאַנצן עסק מיט א „טפו-זאָל-דאָס-ווערן״ האַסטיק אויסגעשפּייט, אָדער אַז ניט מיט א שמייכל, וואָס האָט אין זיך טיפע פאַראַכטונג.

ביי מיר איז דאָס אַנדערש.

מיר דאַכט זיך, אַז דעם פּאָליסמאַנ׳ס לאַפּע אויף מיין פּלייצע, דעם יונגנמאַנטשיק׳ס „אָלד פעלער״, דער „העלאָ, דאַק!״ און די אַנדערע זאַכן פון דעזעלבער גאַטונג האָבן צו באַדייטן, אַז דאָס דערלויבט מען זיך בלויז דערפאַר, וואָס לגבי זיי בין איך ניט קיין היגער, ניט קיין אַפּ־טו־דייטיקער מענטש, איבערהויפּט גאָר קיין מענטש ניט: ניט איך, ניט דער דאָקטאָר, וואָס שטאַמט פון זשיטאָמיר. עס קען זיין, און אין פיל פאַלן איז דאָס זיכער גאָר ניט אַזוי. עס קען זיין, אַז דאָס איז דיזעלבע באַהאַנדלונג, וואָס א געבאָרענער א היגער — הגם אפשר ניט א גוי: חיים ברבורים האָט פּאַרטייטשט בושה „וואָס א איד האָט פאַר א גוי״ — וואָלט פון זיי געקראָגן. קען זיין, אָבער מיין געפיל בלייבט, אַז מען האַלט מיך פאַר עפּעס, וואָס איז אַלט-פרענקיש, וואָס פּאַסט ניט צו אַמעריקע.

דעמזעלבן געפיל האָב איך ווען איך זע, ווי יונגע מענטשן, דערצויגן אין פעטער שמואל׳ס שולן, לאָזן אַן אַלטע אידישע פרוי, מיט אָדער אָן א שייטל, אָבער מיט׳ן קאָלוואַריער צלם-אלקים אויף איר פּנים, שטיין אין א געפּאַקטער קאַר, בעת זיי מאַכן פּלאַץ פאַר יונגע, געזונטע מיידלאַך — קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַטן! — פאַר זיי אַראָפּנעמענדיק די הוטל, ווי אמת׳ע דזשענטל-לייט.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז, ווייל די פרוי איז א אידענע, אַן אַלט-מאָדישע, א פרעמדע אין זייערע אויגן, און דערפאַר האַלט מען, אַז לגבי איר איז דרך ארץ אַן איבעריקע זאַך, א מין לאַו-דוקא... עה! נאַנסענס!!

www.libtool.com.cn



און איך קען זיך דערצו ניט צוגעוואוינען.

און מיר פעלט בושה ניט בלויז פאר מענטשן, נאר אויך פאר זאכן — פאר זאכן אן לעבן און נשמות אין זיי.

דא פעלט מיר בושה פאר שול, פאר א האספיטאל, פאר א מוזייאום, פאר א געריכטס-זאל, פאר אלטע געביידן און חורבות.

מיט עטלאכע יאר צוריק האט מיך סטעדמאן, א געגאסע, א לאיער, וואס איז זינט יענער צייט אפט געווילט געווארן אויף אונזער טיקעט אין שיקאגא, אריינגעפירט אין א „קאורט" אין יענער שטאט. ווען איך וואלט ניט געוואוסט, אז ער איז אן ערנסטער מענטש און אז ער האט ניט אין געדאנקען קיין שום האקום-פאקום לגבי מיר, וואלט איך זיכער געמיינט, אז דאס מאכט ער חוזק פון מיר.

אין מאדאם יוסטיציא'ס טעמפל איז מען ארומגעגאנגען אין היטלען, מיט פיפקעס אין מויל, מיט האוואנא סיגארן און פיטס-בורגער „סטאגים". דער ליארעם, פארשטייט זיך, א האלב-דער-שטיקטער, דער רויך, צום שניידן מיט מעסערס, דא א באק מיט קיי-טאבאק אין איהר, און דארטן אן אנדערע, פון וועלכער עס האט ארויסגעסטארטשעט טשואינג-גאם... און א מענה-לשון או-מעטום!

געוויס, דאס איז אפילו אין שיקאגא ניט מער ווי אן אויס-נאם. געוויס זיינען דארטן פאראן אנשטענדיקע קאורטס אויך... אבער אליץ, אזא זאך, אזא באהאנדלונג פון א געריכטס-זאל, אפילו אלס יוצא מן הכלל, שאקירט אונזערן א מענטשן. און דאסזעלבע אין אנדערע פעלע, אין אנדערע געביידן, פאר וועלכע מיר פלעגן אין דער היים האבן בושה.

.1916

www.libtool.com.cn

## אַ פּריינט

קודם כל, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פּריינט? „ווער ווייסט דאָס ניט,‟ וועט איר זאָגן, „דאָס ווייסט, דאַכט זיך, אַ קינד אין וויג.‟

אפשר, ענטפער איך, אַ קינד אין וויג; פאַר מיר און פאַר אייך איז דאָס אויף קיין פאַל ניט אַזוי קלאָר און איינפאַך ווי איר מיינט. דער אמת איז, אַז אַ קינד אין וויג פילט אינסטינק־טיוו זאכן, וואָס מיר גרויסע, קלוגע מענטשן פארשטייען ניט. איינע פון די זאכן איז: ווער עס ליבט אים (לנקבה: איר) און ווער ניט. אונזער אידישער אבערגלויבן אין דעם פרט פון געבן אַן עין־הרע איז באַזירט אויף אַ ריכטיקער באַאָבאַכטונג, וואָס באַשטייט אין דעם, אַז דאָס קינד ווערט דערשראָקן און דורך דעם אפשר קראַנק, וואָס אַ מענטש מיט פיינטלאַכע, אָדער גלאַט בייזע אויגן קוקט אים אָן. איך האָב אין די עטלאַכע יאָר, וואָס איך דריי זיך אַרום אויף דער וועלט, געזען אַ שיין ביסל פּאַסקודניאַקעס מיט „פּאָליציי־ווירדיקע‟ פּנים׳ער און מיט אויגן פון אַ סאַטער קיסלער, וואָס האָבן אָפּגענאַרט אַ פוקס אויף צוויי פיס און האָבן זיך פונדעסטוועגן ניט געקענט ספּראַווען מיט אַן עופ׳עלע צוועלף חדשים אַלט. דאָס קינד האָט זיי יעדעם מאָל „אויסגעפונען‟ און האָט געשריען „קאַראַאול!‟

אַוועקלייגנדיק דאָס אָן אַ זייט, געפינט דער מענטש, וואָס איז אַ געבאָרענער אַ יאַנאָוועך, אַ קאָוונער האָדעוואַניק, אַ קיידאַ־נער נכתב, אַ לאָנדאָנער איידעם און אַ ניו יאָרקער „סיטיזען‟, אַז דאָס וואָרט „פּריינט‟ האָט אַן אַנדער באַדייטונג אין פאַר־שידענע לענדער, אפילו אין פאַרשידענע ערטער אין דערזעלביקער מדינה.

און דאָ רייד איך שוין גאָר ניט דערפון, וואָס אין אונזערע מקומות, למשל, דאָרטן, פון וואַנען איך קום, האָט דער פּריינט

www.libtool.com.cn


די באַדייטונג פון קרוב, פאַרוואַנדטער בלע"ז, בעת דאָס וואָס מיר רופן „פריינט" הייסט אין קאָוונע — און וואַרשיינלאַך אין דער ליטע בכלל — „אַ גוטער פריינט".

דערפון איז, הייסט עס, אָפּגערעדט. וואָס איך האָב אין זינען, איז אַן אַנדער זאַך.

ווען איר קומט פון ערגעץ אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט, קיין ענגלאַנד, ווערט איר פּשוט צוטומלט אין דעם פּרט פון פריינטשאַפט. איר געפינט אויס, אַז אַ מענטש, וואָס איז געווען פאַר אייך אַ ווילד-פרעמדער ערשט דריי אַזייגער נאָך האַלבן טאָג, שטעלט אייך פאָר אַלס זיין פריינט אַרום 3.35, ווען אימיצער קומט צו צו אים און אייך. „מיין פריינט", „זיין פריינט" און זייער אָפּט ווייסט ער ניט ווי איך הייס און איך געדיינק זיין נאָמען ניט. ביי זיי פריינט איז וואָס ביי אייך וואָלט זיין אַ באַקאַנטער.

אין דייטשלאַנד איז אַמאָל אַ פריינט איינער, וואָס קויפט ביי אייך געגאַרבערטע לעדער, אָדער פאַרקויפט אייך מיסט פאַר אייערע פעלדער, אָדער האָט סתם מסחורים מיט אייך. אַמאָל פּאַסירט, אַז איר האָט אים קיינמאָל ניט געזען בחוש, אָבער אַז איר ווערט מיט אים ערשט באַקאַנט נאָך זיין צווייטן באַנקראָט. ער איז אָבער אייער פריינט — אייער געשעפטס-פריינט.

דאָ אין אַמעריקע איז יעדער מיידל'ס באַשערטער איר „פריינט", בעת איר אמת'ער פריינט — דער באַשערטער איז ניט אימער איר אמת'ער פריינט: דאָס איז דאָ לאו דוקא — איז אַ הויז-פריינט, סתם אַ פריינט, אָבער ניט איר פריינט. דער וואָס האָט אַ רעכט אויף דעם טיטול איז אַ בחור, וואָס קויפט איר אַ דימענטענעם רינגעלע, אַ דימענטענע שפּילקע, אָדער ערגעץ אַן אַנדער שטיקל צירונג, וואָס קומט צוניץ ביים פאַרזעצן, אָדער ווען מען דאַרף אַ חבר'טע אויסשטעכן די אויגן — די בייזע אויגן... דער פריינט אירער איז אויך דער בעל-דבר, וואָס וועט מיט איר פריער אָדער שפּעטער חתונה האָבן אין אַ מזל'דיקער

www.libtool.com.cn



שעה, אין אַ גרויסן האָל, מיט יוניאָן מוזיק, מיט געסט געגוג צו מאַכן פון דער חתונה אַ מאַסמיטינג, מיט אַ באַנקעט, וואָס קאָסט אַ כּפל שמונה'דיקן מינסקער נדן ביי דעם האָלצהענדלער'ס טאָכ־טער, הגם דער „פּריינט" האָט צו צאָלן אַ לאַנגע צייט פּראָצענט פאַר דאָס געלט, וואָס די געסט האָבן אויפגעגעסן און אויסגעטרונ־קען, בעת די דרשה-געשאַנק זייערע איז ניט דאָס וואָס איר דאַרפט, אויב עס איז עפּעס וואָס ווערט, און גאָר ניט ווערט, אויב עס איז דאָס וואָס איר דאַרפט.

חוץ דעם האָבן מיר דאָ אין „קאָלומבוסעס מדינה" פּריינט צווישן אַרבעטער-רינג מעמבערס ביי אידן און צווישן די קוויי־קערס ביי די גוים, וואָס דאַרפן זיך איינגעפינען ערגעץ-וואו אין און אַרום פילאַדעלפיע, אָבער איר זעט זיי נאָר אויף אַ געווירסן סאָרט האָבער-גריץ, אויף די פּעקלאַך, אויסגעמאָלט אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען זייער דום — דאָס דאַרף כּלומרשט פאָרשטעלן זייער ערלאַכקייט, זייער תּמימות! — און מעשׂה אָלרייטניק אין דעם פּרט פון בריטלאַכקייט און פּעטלאַכקייט — און קיילאַכדיקייט.

די קוויקערס אינטערעסירן מיר ווייניקער, מחמת זיי זיינען ניט בלויז נכרים פאַר אונז, נאָר מיטישע באַשעפענישן אפילו פאַר זייערע קרובים, אַ שטייגער ווי אונזערע למד-וואָוו'ניקעס, אָדער די פרומע אַנטי-געלטניקעס, וואָס קענען „קיין צוויי ניט ציילן" און האָבן קיינמאָל „קיין צורת מטבע ניט אָנגעזען".

נעהנטער צו אונז שטייען די מיטגלידער פון אונזער אַר־בעטער רינג, וואָס רופן זיך פּריינט, הגם זיי זיינען, פון יענער זייט אָרדן, געגאָסן אין דער פּאַרטיי, חברים ביי די ציוניסטן (אַמאָל אויך אין בונד, הלואי וואָלטן זיי עס געבליבן; חבר איז האַרציקער ווי געגאָסע, הגם די זעלביקע זאַך, אָבער ווייטער), ברידער אין די יוניאָנס און אפשר נאָך עפּעס אַנדערש ביי די פריימויערער, צו וועלכע אַנדערע צווישן זיי געהערן בשתיקה.

נעהנטער, יאָ, אָבער דער אַרבעטער רינג פּריינט איז אויך ניט דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרשטאַנען אונטער דעם דאָזיקן וואָרט

www.libtool.com.cn


צוערשט אין אונזער קינדהייט, ווען מיר זייַנען באַקאַנט געוואָרן מיט דוד און יהונתן, און שפּעטער, שוין אַרייַנקוקנדיק אין ספרים חצונים, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַזאַ מין פרייַנטשאַפט ווי צווישן דאַמאָן און פּיטיאַס אין דער וועלט. אַפילו די פרייַנטשאַפט צווישן מאַרקס און ענגעלס אין אונזערע אייגענע צייטן איז פון אַן אַנדער גאַטונג ווי דאָס, וואָס אַן אַרבעטער רינג מיטגליד האָט אין זינען — אויב ער האָט עס אין דער אמת'ן אין זינען, און ניט בלויז אויף די ליפּן — ווען ער רעדט אויס דעם וואָרט: „פּרייַנט דער-און-דער" פון „ברענטש אַזוי-פיל-און-אַזוי-פיל". און דאָ לאָז איך ווידער אָן אַ זייט דעם סאָרט פרייַנטשאַפט, וואָס באַווייַזט זיך אין אונזער גרויסן אַר-בעטער אָרדן אין שטורעמדיקע צייטן, בעת „יונג" און „אַלט" פּלאַצן אַרויס איינע קעגן די אַנדערע ווי שוואַרצע, שווער אָנגע-לאָדענע וואָלקנס, וואָס שטויסן זיך צונויף אין דער לופט, און ער דערהערט זיך אַ דונער און דערזעט זיך אַ בליץ.

* * *

א יש אומרים איז פּאַראַן, אַז די גאַנצע פרייַנטשאַפט מיט אַלץ, וואָס איז אין און אַרום איר, איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

מיט אַ יאָר דרייהונדערט צוריק האָט אין פראַנקרייַך גע-לעבט אַ געוויסער לאַ ראָשפאָקאָ, וועלכער איז געווען ניט בלויז אַ דיינקער, נאָר איינער טאַקע פון יענע, וואָס קענען זייערע געדאַנקען אַזוי אויסדריקן, אַז זיי זאָלן זיך פאַרשפּרייטן לייכט און שנעל צווישן דעם גרויסן עולם. ער האָט אונז געלאָזן עט-לאַכע הונדערט אַפאָריזמען, יעדער צוויי, דריי אָדער פיר שורות לאַנג: גרויסע מאַסן מעדיצין (פאַר קראַנקע און קרייַנקלאַכע גייסטער, אויב איר ווילט) אין האָמעאָפּאַטישע דאָזן.

וויל אָט דער מאַן האָבן, אַז עס איז אין דער וועלט גאָר ניטאָ אַזאַ מין אַרטיקל ווי פרייַנטשאַפט; אַז אַלע אונזערע טאַטן, סיי צום גוטן פאַר אַנדערע, סיי צום בייזן, ווערן דיקטירט

www.libtool.com.cn



פון אונזער זעלבסט-ליבע, פון אונזער עגאָאיזם.

עס וואָלט ניט געשאדט זיך אביסל צו פארבריטן וועגן די דאזיקע פילאָזאָפיע פון זיך־אליין־ליבע, נאָר דאָ איז ניט דער אָרט דערצו. אויפמערקזאם וואָלט איך נאָר מאכן אויף די פאָל־גענדע עטלאָכע קלייניקייטן:

כמעט יעדער האָט פון צייט צו צייט אין זיין לעבן באַ־מערקט, אז ווען ער איז מבקר חולה א פריינט, אָדער ער גייט אויף זיין לויה, האָט ער צו א געוויסן גראַד — געדענקט, איך זאָג: צו א געוויסן גראַד — דערפון הנאה. קיינער פון אונז וועט דאָס אפשר ניט צוגעבן, אָבער דאָס איז נאָר ווייל מיר זיינען היפּאָקריטן פון דער היים און היפּאָקריטן מיט אן עקסטרא פארב-אויבערשלאָק אלס אמעריקאַנער אידן; אלס אידן, מיין איך, אין אן אנגלאָ־זאַקסישער מדינה.

דער ז׳את איז, אז וואָס געפערלאָכער אונזער בעסטן פריינט׳ס קראַנקהייט איז, אַלץ מער פּאטשן מיר זיך שטילערהייד, ווען מיר זיינען מיט זיך אליין אונטער צוויי אויגן, אין בייכעלע און זאָגן: „ווי גוט אונז איז, אונז געזונטע מענטשן! אונז, וואָס מיר קענען נאָך הנאה האָבן פון א פּאָרציע פלייש, פון א בעכער משקה, פון א גוטן שפּאַציר־גאַנג, פון א הארטן שלאָף און פון אנדערע זאכן!"

און דער קראַנקער מערקט דאָס און, ווי טאָלסטאָי׳ס איוואַן איליטש, לגבי זיין פאמיליע, האסט ער אין גרונט הארצן זיין באזוכער, פונקט ווי דער מבקר חולה, פון זיין זייט, ווי ערלאַך ער זאָל ניט זיין, פילט א געוויסע צופרידנקייט מיט זיך אליין, באטראַכטנדיק דעם קראַנקן, קלייבט, אין א געוויסן זין, נחת פון יענעמס ווייטאָק.

און דאָס גלייכן ווען אימיצער שטאַרבט ביי אונז.

מיר גייען נאָך זיין לויה אָפט אמת געריהרט, אָפט מיט ערלאָכע טרערן אין די אויגן. אמאָל וויינען מיר, אמאָל שלינגען מיר די טרערן און שטיקן זיך אפשר מיט זיי.

www.libtool.com.cn



אָבער ניט אַכטנדיק דאָרויף, מוזן מיר, ווען מיר שטייען פאַר'ן שפּיגל, וואָס אונזער געוויסן האַלט פאַר אונזער פּנים, זיך מודה זיין, אַז מיר זיינען געגאַנגען צוריק פון'ם בית-עולם מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט, וואָס באַשטייט אין די ניט-אויסגערעדטע ווערטער: „ער איז טויט, איך לעב".*) „אים פירט מען, איך גיי...", „די שווערע ערד ליגט א ו י ף אים, אָבער א ו נ ט ע ר מיר... געלויבט איז זיין הייליקער נאָמען" — אָדער ניט, אויב מיר זיינען אַפּיקורסים.

און דערמיט דערקלערט זיך ניט נאָר דער געשמאַקער שנאַפּס פון היימישע חברה-קדישא, נאָר אויך דער פיינער אַפּעטיט נאָך אַ לויה (הגם ניט דערמיט אַליין) ביי אונז אין די ציוויליזירטע מדינות.

דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס איר טרעפט מענטשן, וואָס דערציילן אייך וועגן אַ שרעקלאַכן עקסידענט, אָדער וועגן אַ „נאַטירלאַכן" טויט כמעט לאַכנדיק, וויניקסטנס מיט אַ לאַך אין דער שטימע, און דאָס זיינען דווקא ניט קיין שלעכטע מענטשן, גראַד ווייכהאַרציקע, אַזעלכע, וואָס קענען זיך לייכט פאַנאַנדער-לאַכן, און זיך לייכט פאַנאַנדערוויינען... זיי פאַרשעמען זיך, לאַכנדיק, אָבער זיי לאַכן.

דערמיט דערקלערט זיך, ענדלאַך, וואָס מיר לאַכן זיך גאַנץ אָפן פאַנאַנדער, ווען אימיצער גליטש זיך אויס פאַר אונזערע אויגן. אמת איז, פאַרשטייט זיך, אַז דעם לאַך רופט אַרויס, פריער פאַר אַלץ, די קאָמישע, אָפט דירעקט-לעכערלאַכע פּאָזע פון דעם געפאַלענעם, אָבער ניט דאָס אַליין.

און דער געפאַלענער, ווי דער בעל-דבר אין די אַנדערע אויסגערעכנטע פאַלן, קען זיין אונזערער אַ גוטער פריינט. ער איז דאָס זייער אָפט.

„כאַ, כאַ, כאַ! ער האָט זיך אויסגעגליטשט. וויפיל הפּנים,

---

*) זע „א חתונה און א לויה", אין דריטן באנד, זייט 224.

www.libtool.com.cn



האָט עס געפעלט, אַז מיר זאָלן זיך אַליין אויסגליצן. אַ גליק, כ'לעבן!"

ווי איר זעט, איז אייער ענטפער: „אַ קינד אין וויג ווייסט דאָס" אויף מיין פראַגע: „וואָס איז אַ פריינט" געווען אַ ניט-קלוגער ענטפער. עס איז טאַקע זייער און זייער שווער צו זאָגן, וואָס אַ פריינט איז.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ.

איידער איך קום צו דעם עיקר פון מיין ענין אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, מוז איך אַרויס'פּטר'ן פון מיין ברוסט אַן אַנדער אָנגעקוואָלענעם שמערץ־אמת, — אָנגעקוואָלן פון יאָרן. עס זיינען דאָ אמת'ן, וואָס וואַקסן, ווי וואונדן, אין אייער הארצן, ווי גע־וויסע וואונדן, לויט ווי די פּאָעטן ווילן האָבן. איר טראָגט זיך אַרום מיט זיי, שווייגנדיק.

* * *

יעדער איינציקער ווייסט, אַז צו קריגן אָפּגעטאָן אַ רעה פאַר אַ טובה איז אַ גאַנץ געוויינלאַכע זאַך. איך צווייפל אָבער, צי פיל פון אייך האָבן אָפּט אַ טראַכט געטאָן ווי אַזוי דאָס קומט. ווי אַזוי און פאַרוואָס.

צו זאָגן, אַז דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס דער מענטש איז בטבע שלעכט, אַז „יצר לב האָדם" איז, אַ שטייגער „רע מנעוריו", ווי דער רבי האָט אונז געלערנט, איז ניט גענוג. עס פּאַסירט זייער אָפּט, אַז די, וואָס צאָלן אייך מיט שלעכטס פאַר אַ טובה, זיינען גראַד גוטע מענטשן. איר זייט געוויינלאַך שטאַרק איבער־ראַשט ווען אַזאַ זאַך טרעפט זיך, איר וואָלט זיך „אויף דערויף" קיינמאָל ניט גערעכנט. סטייטשש! חיים — מיר! טאָן אַ רעה! ער, וואָס האָט געגעסן פון מיין האַנט, ער זאָל זיך כאַפּן בייסן!! אויף וועמען — אויף חיים'ען, ווער וואָלט זיך גערעכנט, אַז ער... אַז ער זאָל קענען אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל, ער, די איידלקייט, די גוטסקייט אַליין... איי, איי, איי!

הייסט עס, אַז מיט יענעם פּסוק איז די קשיא ניט פאַר-

www.libtool.com.cn


ענטפערט, יעדנפאלס ניט אין גאנצן. אלא וואס דען? איז טאקע דא אן איינפאכערער, פיל פארשטענדלאכערער ענטפער.

אט איז ער:

דער מענטש וואס האט פון אייך געקראגן א טובה, איבער-הויפט אויב ער איז נאך דער דאזיקער טובה צו אייך געקומען, האט זיך פאר אייך דערנידעריקט; האט אייך ארויסגעוויזן זיין גאנצע נויט, זיין דלות, — די נויט און דעם דלות, וואס איר האט געקענט אויסטייטשן אלס באווייזן פון זיין אומפייאיקייט, פון זיין לא־יוצלח'דיקייט, וואס איר טייטשט געווים אזוי אויס, מחמת איר גלויבט ניט אין גליק און אומגליק, ניט אין דעם פרט פון אייער מעגלאכקייט צו געבן, ניט אין זיין נויט, וואס צווינגט אים צו נעמען.

ער, חיים — לאמיר אים רופן חיים — האט אויף דעם אופן אנטפלעקט פאר אייך זיין עקאנאמישע נאקעטקייט, מיט וועלכער ער שעמט זיך, ווייל ער איז ניט קיין ווילדער, פארקערט, ער האט שוין געגאסן פונ'ם עץ הדעת, געגאסן אפשר מער פון אייך: איר זייט געווען צו ביזי מיט'ן עץ החיים, שאקלענדיק זיינע צווייגן און ארונטערקריגנדיק איין עפל נאך דעם אנדערן, אנפילנדיק קעשענעס, זעק גאנצע, א פולע שפייכלער... וואו האט איר גע-האט צייט צו טראכטן גאר ארום דעם בוים פון ווימן...

חיים, הייסט עס, האט פאר אייך ארויסגעוויזן זיין שאנדע אין דער געשטאלט פון דלות... וואס איז נאטירלאכער פאר אים, ווי אייך פיינט צו קריגן אויפ'ן שטעל? ווי אייך צו ווערן, כמעט — לאמיר זאגן כמעט — א שונא.

און דאן די נאטירלאכע קנאה. איר האט, ער ניט. איר קענט געבן, ער מוז נעמען. איר שטאפט זיך און ער קריגט צו-געווארפן ברעקלאך פון אייערע שאריים. ער האט דאס פריער אזוי שטארק גאר ניט געפילט. ניט ווען ער איז צו אייך גע-קומען. ניט ביז איר האט אים די טובה געטאן און האט דערמיט אויף א בולט'ן אויגן-אויסשטעכנדיקן אופן אים געוויזן, אז איר

www.libtool.com.cn



האָט און ער ניט. איצט ערשט קוועלט אים די פראַגע: פאַר־וואָס קומט דאָס אייך? פאַרוואָס אייך און ניט אים? האָט ער ניט מער געלערנט פאַר אייך? איז ער ניט אַזוי פייאיק ווי איר? און ער מוז אָנקומען צו אייך, ניט איר צו אים... און איר טוט אים אַ טובה, — איהר אים... איר, גראָבע פּוזע, אים חיים׳ען, דעם איידעלן חיים׳ען.

און די וועלט, וואָס ווייס וואָס איר האָט פאַר חיים׳ען גע־טאָן לגבי אים; אים געבנדיק אָן פיל ווערטער, פון האַנט צו האַנט, אָבער עפּעס אַזוי ווי אַ מתן בסתר, איס אַזוי ווייט ווי מעגלאָך ניט פאַרשעמענדיק. אַזוי לייכט איז אייך דער געבן, אַז איר קענט זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון טאָן טובות אָן פיל דיבורים, כלומרשט ניט באַרירנדיק מיט האַרטע ווערטער זיינע געפילן... איר קענט דאָס אַלץ, איר, און ווער זייט איר?

איז דער פּועל יוצא, אַז וואָס גרעסער די טובה איז, אַלץ מער דערוועקט איר ביי חיים׳ען די קנאה און דאַן די שנאה. אַלץ מער, וואָס איידעלער, וואָס פיינער אין כאַראַקטער חיים איז בטבע, וואָס בעסער איר קענט אים, וואָס מער איר זייט זיין פריינט!

און וואָס מער איר קענט שפּילן די ראָלע פון אַ באַשיצער, פון אַ בעל־טובה, פון אַ גוטן מענטשן לגבי אים, אַלץ מער וועט ער אין האַרצן טראָגן אַ שנאה געגן אייך און אַלץ זיכערער איז עס, אַז ער וועט אייך ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט אַ בים טאָן מיט די ציינער, אַ פלוך טאָן מיט׳ן צונג, — אַ פלוך טאָן און, אין דעם בעסטן פאַל, אייך דירעקט אָדער אומדירעקט באַליידן.

און די וועלט, וואָס ווייט וואָס איר האָט פאַר חיים׳ען גע־טאָן; וואָס זעט ווי ער גייט איין אין אייער הויז, ווי ער קושט אייערע קינדער, ווי ער לאַטשעשעט אייער הונט, ווי ער הערט אויס מיט יראת הכבוד אייערע רייד, ווי ער באַמקעט אייך אונטער מיט אַ שמייכל, וואָס ציט זיך איבער זיינע ליפּן פון באַק צו באַק, עקסטראַ פאַנאַנדערגעצויגן, — די וועלט, זאָג איך, וועט באַ־

www.libtool.com.cn


וואונדערן אייער פריינטשאפט, אייער ליבע, ניט ווייסנדיק דעם אמת, דעם אינערלאכן אמת, דעם פראסטן, שמוציקן אמת.

די פראגע: וואס איז אזוינס א פריינט איז אויף דעם אופן שווער צו פארענטפערן פון דעם דאזיקן שטאנדפונקט אויך.

מיר וואלט פעלן א פריינט שוין דערפאר אליין, וואס איך האט דא געלעזן. מיר פעלט ער צוליב מיין לאגע און צוליב מיין פסיכאלאגיע.

דאס מוז שוין בלייבן פאר'ן נעקסטן קאפיטל.

.1916

www.libtool.com.cn

## נאָך אַמאָל: אַ פריינט

מיט דעם קאַפּיטל, וואָס איר לייענט, בין איך אַריינגעפאַלן כמעט אויף דעמזעלביקן אופן, ווי דער גרויסער ענגלענדער טאָמאַס באָקל, מיט זיין קולטור־געשיכטע. ער, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיין „געשיכטע פון ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד“, פאַר וועלכער ער האָט יאָרנלאַנג געקליבן מאַטעריאַל, האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלאָזן אין זיין הקדמה (ריכטיקער: איינלייטונג), אַז ער האָט, אין די דריי בענדער וואָס מיר האָבן פון אים, כמעט קיין אַנדער זאַך ווי די הקדמה ניט געשריבן, ווייל ער איז גלייך נאָכדעם געשטאָרבן.

אין אַ פיל, פיל קלענערן מאַסשטאַב, — קלענער אויף אַזוי פיל, אַז איר מעגט זאָגן: באלף אלפי הבדלות — האַלט עס אויף דעמזעלביקן אופן מיט מיין קאַפּיטל. דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן בתורת הקדמה, איז פיל מער (אין קוואַנטיטעט) ווי דער ענין גופא דאַרף פאַרנעמען, ווערליג ווי ער מאָלט זיך אויס אין מיין מח. עס איז ניטאָ אַ זאַך, אַרום וועלכע גוטע, פרומע און פּאָעטישע לייט האָבן געזאָגט ווייניקער דעם אמת ווי אַרום פריינט און פריינטשאַפט. עס איז מיר דערפאַר זייער שווער זיך אָפּצורייסן פון דער איינלייטונג. דאָס איז אַ פאַל, וואו דער פרוזדור איז גרעסער ווי דער טרקלין: דער איינגאַנג — פאַר דעם פּאַלאַץ, ווי אין פרק שטייט.

ווי, למשל, לאָזט מען אָן אַ זייט אַזאַ מין באַטראַכטונג?

איר טרעפט מענטשן, וואָס באַקלאָגן זיך, אַז זיי האָבן ניט קיין פריינט. אייך פאַלט, פאַרשטייט זיך, גלייך איין די שיינע פאַבל פון דעם אַלטן קרילאָוו וועגן דעם וואָלף וואָס האָט זיך געקליבן צו עמיגרירן פון זיין פאָטערלאַנד, מחמת אים האָט דער־עסן דער אַרומרייסן זיך מיט די דם שונאים זיינע, די פאַסטוכער, און מיט זייערע הינט, וואָס דערגייען אים דעם דייאָרן.

www.libtool.com.cn



איר געדיינקט דאָך, אז דער וואָלף באשרייבט מיט א באַ-גייסטערטע שפּראַך דאָס לאַנד — א מין עלדאָראַדאָ—וואוהין ער פאָרט, אלס א לאַנד, וואו מענטשן און הינט זיינען גוט און ליב-האַרציק און פריינטלאַך צו יעדן איינציקן, וואָס דערפאַר האָפט ער, דער וואָלף, דער אָרימער „קאָזאַק הנגזל“, אז ער וועט ענדלאַך געפינען א וועלט, אין וועלכער עס איז ווערט צו לעבן.

און דערביי דערמאָנט איר זיך, ווי די קוקאַווקע מיט וועל-כער ער רעדט, שטעלט אים די פראַגע: „נו, און דעם כאַראַקטער דיינעם און דיינע ציינער, זיי נעמסטו מיט, אָדער לאָזט זיי איבער?“ און, ווען דער וואָלף דערקלערט עמפּאַטיש, אז ער מיינט צו פאָרן ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, מיט זיינע מידות און ציינער, מיט האַק און פּאַק, ווי די קוקאַווקע זאָגט אים נביאות, אז ער וועט אין זיין נייעם פּאָטערלאַנד האָבן די זעלביקע מחלוקות ווי אין דעם אַלטן וואַלד, פון וואַנען ער וויל אַוועקגיין.

אייך, זאָג איך, פּאַלט נאַטירלאַך איין דער דאָזיקער משל און איר באַשליסט ביי זיך, אז טאָמער געפינט זיך א מענטש, וואָס קען קיין פריינט ניט האָבן, איז דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל זיין כאַראַקטער איז אזעלכער, אזא שלעכטער, אז ער פאַרטרייבט אַלעמען פון זיך.

אָבער דאָס דערקלערט ניט אַלץ, ניט אין אַלע פאַלן. אמאָל פּאַסירט גראַד דער היפּך: עס טרעפט זיך, אז א מענטש מאַכט זיך שונאים בלויז דורך דעם, וואָס ער קען ניט פאַרטראָגן קיין אומרעכט — ניט דוקא געגן זיך — וואָס ער קען ניט זאָגן א חניפה, וואָס ער קען ניט שפּרינגען קדוש פאַר א געטשקע, און קען ניט ענטפערן „אמן“ אויף א פאַלשער ברכה.

עס טרעפט, אז א מענטש מאַכט זיך שונאים און פאַר-טרייבט פון זיך פריינט דורך דעם, וואָס ער איז אזוי ווייך, אזוי גוט, אזוי מילד־האַרציק, אז ער שלינגט אַלץ אַראָפּ, אז ער קומט כסדר אריין אין א פאַלשער לאַגע, אז ער זאָגט צו, וואָס ער קען

www.libtool.com.cn



ניט האַלטן, אַז ער פאַרגעסט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט ווייל ער זאָגט צו צופיל; ער מאַכט זיך שונאים דורך דעם, וואָס ער איז צו גוט, און כדי צו טאָן איינעם אַ טובה טוט ער געוויינלאַך צען מענטשן אַ רעה.

דאָס ווייסט, אַז דער וואָלף-ביישפּיל האַלט ניט אימער אוים. איצט לאָמיר, אויף טשיקאַוועס, גיין אַ טריט ווייטער.

באַטראַכט ביי אַ געלעגנהייט די מענטשן, וואָס מען זאָגט, אַז זיי האָבן לויטער גוטע פריינט.

צווישן זיי זיינען פאַראַן פאַרשידענע טיפּן. מיר וועלן אַרויס- כאַפּן אַ פּאָר:

אָט איז פריער פאַר אַלץ דער מענטש מיט דער ברייטער האַנט, וואָס האָט פאַר יעדן באַקאַנטן אַן עקסטרא דאָלאַר אין קעשענע, אַן עקסטראַ טעלער ביים טיש, אַמאָל זאָגאַר אַן עקסטרא צימער אין הויז, — אויף איבערצונעכטיקן, יעדנפאַלס. מיינט ער, אַז ער האָט אַ סך גוטע פריינט. די שכנים האָבן דעמ- זעלביקן טעות. און אַ טעות איז דאָס, ווייל די פריינט, וואָס קומען צו אים אויף אַלע שמחות און קומען אין יעדן טרויער־פאַל אים מנחם־אבל זיין, וואָס עסן ביי אים און שלאָפן ביי אים און באַנוצן זיך מיט זיין „איבעריקן דאָלאַר“ (דהי דאָלאַר טו ספּעיר), זיינען די ערשטע אים צו באַריידן. זיי זיינען די ערשטע, ווייל זיי זעען גיבער ווי אַנדערע זיינע שוואַכע זייטן, הערן מער ווי אַנדערע אַלץ וואָס קומט פאָר אין זיין הויז, וואָס בעט זיך ניט דוקא אויפ'ן גרויסן באַראַבאַן אַרויף. זיי, די פריינט זיינע, זיינען די, וואָס גיבן די שונאים פיילן פאַר זייערע בויגנס, אָפט פאַר- גיפטעטע פיילן...

דאָס איז איין טיפּ פון אַ מענטשן געבענטשט מיט גוטע פריינט. עס איז דאָ אַן אַנדערער. עס זיינען דאָ אַ סך, אָבער נאָך איינער וועט זיין גענוג.

דאָס איז דער בעל דבר, וואָס האָט די גאַנצע שטאָט מיט זיך, אַרום זיך און ביי זיך כל זמן ער איז פּאָפּולער, כל זמן

www.libtool.com.cn



אלע זונענשטראַלן פאַלן אויף אים צו באַלייכטן זיין פּנים, כל זמן אלע צינגער רײדן וועגן אים און אלע אויערן הערן זיך צו צו זיי. דאַן אַפּלאַדירט מען מיט די הענט אין דער עפנטלאַכקייט און מיט אַ זיסן שמייכל אונטער פיר אויגן, אונטער זעקס, אונטער צוואַנציק אויגן, אָבער פּריוואַט...

און ער ווייסט ניט, אַז דאָס וואָרעמט מען זיך אין זיין זון, אַז דאָס זוכט מען ביי אים רעפלעקטירטע ליכט, ווי דאָס טוט די לבנה ביי אונזער אַלעמענס זון. ער ווייסט ניט, אַז דאָס דרייען זיך אַרום פליגן אַרום זיין צוקער-פושקע, וואָס נאַשן וויפיל זיי קענען און פאַר׳סמ׳ען די איבער־קע. ער ווייסט ניט, אַז אזוי גיך ווי זיין פּאָפּולאַריטעט וועט אַנהויבן צו פאַרשווינדן, וועלן די דאָזיקע פריינט זיינע געפינען וויכטיקערע זאַכן צו טאָן, נוּיטיקערע מענטשן צו באַזוכן.

איצט קענען מיר קומען צום תּוך פון אונזער טעמא. ענד־לאַך!

* * *

ווען איך פיל, אַז מיר פעלט אַ פריינט, איז דאָס אויף קיין פאַל ניט צוליב איינעם פון די אלע אויסגערעכנטע טעמים, הגם צו אַ געוויסן גראַד קען מעגלאַך זיין, אַז דאָס וואָס מיר דוכט זיך, אַז איך זע ביי אַנדערע, זעען זיי ביי מיר.

דער עיקר איז, אַז ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס מיר ווילט זיך אייך ווייזן איז ווי אזוי מיר פעלט אַ פריינט, ווי מיר פעלן — ווי איר ווייסט שוין — אַ סך אַנדערע זאַכן צוליב מיין לאַגע, צוליב דער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָ מיין דור. און די לאַגע איז אַזעלכע, אַז וואָס איר זאָלט ניט פאַרשטיין אונטער דעם וואָרט „פריינט", קען איך אַזעלכן ניט האָבן.

פאַרוואָס? אָט וועל איך אייך ווייזן:

ערשטנס, איז דער היגער לעבן דאַנגעגן. ניט בלויז אין דעם פּרט פון צעוואָרפנקייט, אין וועלכע מענטשן געפינען זיך דאָ אין אַמעריקאַנישע גרויסע שטעט.

www.libtool.com.cn



אין ניו יאָרק, למשל, קענט איר אָפּלעבן יאָרן און זיך ניט זען מיט אַ באַקאַנטן, אויב איר וואוינט אין איין שטאָט־טייל און ער אין אַן אַנדערן. איר טרעפט זיך אויף אַ חתונה, אַ מיטינג, אַ קאָנצערט, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט ווען־ניט־ווען, איינמאָל אין אַ יאָר, איינמאָל אין אַ יובל. עס איז זעלטן ווען דאָ די מעגלאַכ־קייט מיט אַ מענטשן גוט באַפריינדעט צו ווערן. איר טרעפט זיך, גיט זיך די האַנט, פרעגט איינער דעם אַנדערן עטלאַכע פראַגן, וואָס דער ענטפער אויף זיי אינטערעסירט אייך אין תוך גאָר ניט, און איהר גייט זיך פאַנאַנדער ביז דעם נעקסטן קאָנצערט, קאָנ־פערענץ, מאַסקן־באָל אָדער אַזאַ מין אַנדער צוזאַמענפאָר אין אַן עפנטלאַכן אָרט.

עס איז ניט נויטיק, אַז איר זאָלט זיין, ווי אַמאָל אין אונזערע מקומות, היום כאן ומחר בפלונגיאַן; דאָ איז גענוג, אַז איר זאָלט זיין אין האַרלעם היינט, און מאָרגן אין די בראָנקס, כדי צו ווערן אַ פרעמדער פאַר ניין־צענטל פון אייערע באַקאַנטע. צייטנ־ווייז פּאַסירט, אַז איר זאָלט חדשים־לאַנג זיך ניט זען מיט אַ מענטשן, מיט וועלכן איר וואוינט אונטער איין דאַך, אויב דאָס איז אין אַ גרויסן טענעמענט־הויז, אָדער אין אַ נאָך גרעסערן אַפּאַרטמענט הויז. מיר האָט דאָ גאָר ניט לאַנג צוריק פּאַסירט אַזאַ מין זאַך: איך האָב אויסגעפונען, אַז מיינער אַ גוטער באַ־קאַנטער איז געווען כמעט אַ יאָר מיינער אַ שכן אַ פּאָר טעג איידער ער האָט זיך אַרויסגעקרוישקעט פון דער הויז, וואו איך וואוין. אין „דערהיים" וואָלט אַזאַ זאַך ניט געווען מעגלאַך שוין דערפאַר אַליין, וואָס דאָרטן לעבט מען אַנדערש, דאָרטן לויפן ניט די טעג מיט די יאָרן אַזוי ווי דער רוח וואָלט זיי געטראָגן, און מענטשן האָבן צייט צו טראַכטן וועגן באַקאַנטע און קרובים.

אָבער דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה.

ערגער איז, וואָס דאָ קענען זיך איינגעפינען אין איין גרויסן טענעמענט־הויז, אָדער אויף איין בלאָק אין קלענערע הייזער אַלע

www.libtool.com.cn



דריי און צוואַנציק גובערניעס, וואו אידן אין רוסלאַנד *) מעגן וואוינען און די אַלע אַנדערע וואו זיי וואוינען ניט טאָרנדיק. דערצו געפינט איר אין אַזאַ הויז, אָדער אויף אַזאַ בלאָק גאַנץ גאַליציע, גאַנץ עסטרייך (ווין און אַנדערע אַזעלכע שטעט), און אפילו דאָס אידנטום פון דייטשלאַנד און אַנדערע מדינות.

די דאָזיקע אידן האָבן אין זיך כמעט אַלע פּאַראַורטיילן פון פרעמדע געגנט פרעמדע. דער ליטוואַק מיט דעם „אָדעסיט" (אָדע-סער זיינען אידן פון גאַנץ דרום-רוסלאַנד — אין דער היגער סקאַזקע) האָבן אין זיך, און איינער פאַר דעם אַנדערן, עפּעס אַזוינס, וואָס שטויסט זיי געגנזייטיק אָפּ, וואָס מאַכט אַז זיי זאָלן אין אַ סך פּרטים זיין פרעמד איינער פאַר דעם אַנדערן, אַז זיי זאָלן אין איין צימער זיך פילן ווי אויל און וואַסער אין איין גלאָז, אַז — זיי זאָלן, בקיצור, ניט קענען זיין פריינט אין דעם פולן זין פונ'ם וואָרט, אפילו נאָך דעם מאַן דאַמר, אַז אויף דער וועלט געפינט זיך טאַקע אַן אמת'ער פריינט.

איך גיי אַזוי ווייט, אַז איך האַלט ניט פאַר מעגלאַך, אַז איינער וואָס „קושט" זיך זאָל קענען זיך פּאָרן מיט אַ ליטוואַטשקע, וואָס איז געוואוינט זיך צו „קוסן" און ווער רעדט גאָר הענגן איי-נעם וואָס „קישט" (מיט אַ קליינעם חיריק און אַ דיקן שין — ווי אַ וואַרשעווער, למשל) סיידן דער זיווג איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן אין הימל 40 טעג פאַר זיין געבורט, וואָס היינטיקע צייטן איז שטאַרק דאַנגען אונזער ערד, מיט אירע בריטש־אָוו-פּראַמיס קייסעס צוליב ליבע אויף הינערשע פּיסלאַך.

ריידנדיק וועגן קושן. פון וואַנען האָט זיך ביי אונז גענומען דער ווילדער „קוש" ? ווי אַזוי האָט ער זיך אַריינגע'גנב'עט און זיך אַזוי ברייט באַזעצט אין אונזער לשון ? איז דאָס בלויז דעם דייטש אויף להכעיס, אָדער האָט אים ערגעץ אַן עם הארץ אימ-פּאָרטירט פון הודו און כוש ? אָדער — מאַלע וואָס קען פּאַ-סירן ! — האָט אימיצער פּאַרביטן דעם אַלטן אידיש־דייטשן קוס

*) אונטער דער צארישער הערשאפט.

www.libtool.com.cn



אויף אַ רוסישן קוש, וואָס האָט אַ שייכות מיט געווינסן אין קאָרטן, אָדער מיט דעם פּראָנצוויזישן, וואָס איז אַ געלעגער און אין לשון רבים דאָס וואָס מיר רופן „געלעגן ווערן" ? שפּראַך-פאָרשער, „געט ביזי !"

אָבער לאָמיר אַ קירעווע טאָן צוריק און זיך אומקערן צו אונזער ענין.

מיר פעלט דאָ פּשוט דער באָדן פאַר אַן אמת'ע פריינטשאַפט. אַ באַפעלקערונג פון אַ שטאָט, וואָס איז אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, וואָס האָט אַלע קאָלירן פונ'ם רעגנבויגן אונטער יעדן דאַך, קען ניט פּראָדוצירן קיין דוד־יונתן פאַרהעלטנים.

חוץ דעם איז דאָ נאָך עפּעס. דאָס איז מיין „צווייטנס": איך האָב געזאָגט, אויב איר געדיינקט: „ערשטנס".

אין אַמאָליקע צייטן איז אויסגעוואַקסן אַ פריינטשאַפט צווישן מענטשן אין דער ליטאַ, אין פּוילן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַ סך זאַכן, וואָס האָט זיי אינטערעסירט אַלעמען צוזאַמען אלס אַ כלל. זיי האָבן געהאַט קהל'שע אינטערעסן, פאַמיליען אינטע־רעסן. דאָס האָט זיי צונויפגעבראַכט און אויך פאַנאַנדערגע־טיילט, אָבער אין ביידע פאַלן האָט דאָס געהאַט פאַר אַ רעזולטאַט, אַז די צונויפגעקומענע זיינען געוואָרן נאָענטע פריינט צווישן זיך און די אָפּגעטיילטע נאָענטע פריינט געגן די, פון וועלכע זיי זיינען אוועק.

די פראַגע וועגן אַ מרחץ, אַ הקדש, אַ תלמוד תורה, אַ רב, אַ מגיד האָט באַשאַפן גרופּן פון מענטשן, קליינינקע פאַרטייען, וואָס זיינען געוואָרן ענג פאַרבונדן צווישן זיך און געגן דעם אַנדערן צד. ממילא האָט מען שוין איינער דעם אַנדערן אויס־געהאָלפן מיט אַ גמילות חסד, מיט אַן עצה, מיט אַ שטעלע; האָט מען שוין זיך געוויזן פריינטלאַך ווען עס איז געקומען צו אַ דרשה־געדהאַנק, צו אַ שלח מנות, צו געבן אַ כיבוד, צום אַננעמען זיך פאַר אימיצן אין אַ סכסוך.

ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין געווען די אונטערשידן, די חילוקי

www.libtool.com.cn


דעות צווישן מענטשן, האָבן אלע מתנגדים געדאַוונט אין שול און אלע חסידים אין שטיבל, אלע אפּיקורסים אין ערגעץ-ניט. יעדע פון די דריי גרופּן האָט גערעדט איין לשון, האָט געלערנט מיט איין נוסח און האָט געהאַנדלט נאָך איין ערנקאָדעקס. א ביסעלע מער דבקות אין דאַוונען, אביסעלע ווייניקער, גאָר קיין דבקות ניט (ביי די אפּיקורסים), אָבער דער סידור ביי יעדער גרופּע איז געווען דערזעלביקער. דער פרומער האָט גענענדיקט מיט'ן אויסשפּייען (צו עלינו), דער ניט־פרומער האָט דערמיט אָנגעהויבן, אָבער צווישן זיך זיינען די פרומע און ניט-פרומע געווען מער אָדער ווייניקער פאַרבונדן, פריינטלאַך, צונויפגעהאַלטן לגבי דעם געגנער.

דאָ איז דאָס אנדערש.

קודם, זיינען דאָ ניטאָ אזעלכע ענגע גרופּירונגען. די פּאַר-טייען זיינען דאָ פּאָליטישע און אפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז היינט*) שוין צו גרויס פאַר אזעלכע אידעאַלע, קאָמוניסטיש-פריינטלאַכע באַציאונגען ווי מיר האָבן געהאַט אין די קינדער־יאָרן פון דער באַוועגונג.

דאַן איז דאָ ניטאָ דער אמעסאַר מיט זיינע „דעסיאַטניקעס" געגן אידן, וואָס צווינגען זיי צו שטיין צוזאַמען און צו פאַלן צוזאמען, אין ביידע פאַלן צו פאַרגעסן די קליינלאַכע קנאה-שנאה כל זמן דער שונא, דער אונטערדריקער, דער צורר היהודים איז ארום אונז, געגן אונז.

קהל'שע פראַגן, ווידער, זיינען דאָ זייער אומבאַדייטנד אפילו אין די קליינע, ענגע לאַנדסלייט-קרייזן. מען רעגט זיך אויף א ביסלע אויף, אָבער דאָס גייט לייכט איבער, ווי דער כעס פון א גערייצטן קינד איידער מען גיט אים זיין צאַצקע, וואָס מען ווייזט אים. דער סכסוך איז ניט נוגע קיין לעבנס אינטערעס, גייט ניט ווייט, שניידט ניט טיף, מאַכט ניט קיין וואונדן, וואָס

*) אין 1916.

www.libtool.com.cn



קענען זיך ניט פאַרהיילן.

און א גמילות חסד קריגט מען אין א באַנק פאַר זעקס פּראָצענט, אָדער אין א סאָסייטי אומזיסט, הגם דאָס קאָסט מי און געזונט. איז מען קראַנק איז דאָ א האָספּיטאַל, א דיספּענסאַרי, אַן ארבעטער רינג דאָקטאָר. מאַכט מען חתונה א טאָכטער איז דאָס ענטוועדער א שטילער עסק אָן בלומען און כלי־זמרים, אָדער א „מאַסאָווע" אונטערנעמונג, וואָס האָט צו טאָן מיט לאַנדסלייט, געשעפטס-קונדן, אָבער מיט ווייניק אמת'ע פריינט, ווייל חתן'ס צד קענען ניט געסט פון כלה'ס צד און פאַרקערט; ווייל נאָך דער חתונה וועט מען זיך פאַנאַנדער מופן און מען וועט זיך אפשר קיינמאָל ניט זען.

שטאַרבט אימיצער איז ווידער דאָ דער אָרדן, מיט זיין טויטן-בענעפיט, מיט זיין קברות-מאַן, מיט זיין מצבה. צו קיין פריינט דאַרף מען ניט אָנקומען.

אַן עצה גיט א לאָיער, א טובה טוט דער דעמאָקראַטישער, אָדער דער רעפּובליקאַנישער אָלדערמאַן, געגן א שרפה האָט מען א „פּאָליסי", א מרחץ האָט מען אין שטוב אפילו אין א טענעמענט הויז, וועגן א חזן אָדער א מגיד רעגט מען זיך צופיל ניט אויף און מאַכט זיך א סכסוך צווישן צוויי צדדים ביי דער קהלה קדושה אנשי זעזמער איז דאָ אָה „קאָורט" מיט א „דזשאָדזש" און „געצעטעלט די ביזנעס".

און נאָך עפּעס.

מיט וועמען זאָל איך זיך פריינטלען? ביי די יונגע פאָס איך ניט אריין, מיט די אַלטע שטים איך ניט. שטים איך מיט וועמען יאָ, זע איך אים, זע איך אים ניט. איז דאָס אין דער פּאַרטיי, וואו איך האָב נאָר געגאָסן, אין די יוניאָן וואו איך האָב נאָר ברידער-דיוס-צאָלער, אינ'ם אָרדן, וואו מיינע פריינט זיינען פון דעם גאַטונג, וואָס איך האָב שוין געשריבן.

האָב איך א פּאַראַיין, איז דאָס אַן אָרט, וואו איך ווער געטעקסט. מען בעט ביי מיר קיין טובה ניט, מען שיקט מיר אריין

www.libtool.com.cn



א „טיקעט“, א פּאָר טיקעטס (אוים רעספּעקט צו דער לײדי), אָבער די האַנט, וואָס גיט, זעט ניט די האַנט, וואָס נעמט און הגם דאָס איז אפשר גלייכער אזוי, איז דאָס אָבער ניט דער וועג צו אמת'ע פריינטשאַפט.

און אזוי האָב איך חברים און ברידער און גענאָסן, אָבער ניט קיין פריינט. מײן פאָטער האָט דאָס געהאַט, מײנע קינדער וועלן עס האָבן. מיר פעלט א פריינט. איך האָב אײנעם געהאַט*) איז ער געשטאָרבן...

אָי, פעלט ער מיר צייטנווייז!

.1916

*) יעקב גאָרדין.

www.libtool.com.cn

## אַ טעאַטער

עטלאכע יאָר האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה—גיין זען דייוויד וואָרפילד אין דעם „מיוזיק מאַסטער" אָדער ניט. נאָך אַ לאַנגען, יאָרנלאַנגען קאַמף, האָט מיין יצר הרע גובר געווען דעם יצר טוב און איך האָב ענדלאך געזען דעם „גרויסן דערפאָלג" פון אונזער מאָדערנער אַמעריקאַנישער בינע. האָב געזען ווי אַזוי דייוויד בעלאַסקאָ „שטעלט פאָר" דייוויד וואָרפילד אין דער פיעסע, וואָס הער קליין האָט געשריבן פאַר'ן גרויסן אַמעריקאַנישן פובליקום. דאָס רוב טאַקע פאַר די טויזנטע דייווידס און קליינס, וואָס פילן אַז די העכערע ספערן פון יענע טעאַטערס, וואו מען פאַרגינט זיך דעם לוקסוס פון אַן עסלעפל ליטעראַטור אין אַ גאַלאָן וואַסער, ניט אימער ריינע.

מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָב איך געזען אונזער אייגענעם דייוויד*) אין זיין אייגענעם טעאַטער אין גאָרדינ'ס „סאַפאָ", בעת בערטאַ קאַליש איז געקומען צו אונז צו גאַסט אויף אַ קורצע צייט. האָב געזען דייוויד קעסלער אַלס אַפּאָלאָן זאַנגעשיין און האָב אים געזען — וואָס זאָל איך לייקענען ? — הויפּטזעכלאך טאַקע צוליב איר, צוליב די גרויסע אידישע טאָכטער, וואָס באַנוגנט זיך היינט מיט שטומע ראָלן אין די מואוויס, אַבי נאָר ביי די גוים, אַבי נאָר ניט ביי אונז, און האַלט, אַז פאַר אונז איז גענוג אַ קורצער וויזיט פון צייט צו צייט — נאַטע גענוג...

*) דוד קעסלער.

איך קום באַלד צוריק צו דעם דאָזיקן ענין. אין דעם איצטיקן אויגנבליק איז וויכטיק אָט וואָס קלאָר צו מאַכן:

דער באַזוך מיינער, צווערשט אין קעסלערס און בעלאַסקאָס טעאַטער, איז געווען פאַר מיר אַליין אַ נאָווינע, אַ מין תחית-המתים פון מיין אַמאָליקע ליידנשאַפטלאכע טעאַטער-ליבשאַפט. די בינע, סיי די, וואו פּאָלירטע אידן שטעלן פאָר געהובלטע,

www.libtool.com.cn


אָבער הילצערנע טיפּן אין דער רייכער ענגלישער שפּראַך, סיי די בינע, וואו היימיש-געבאַקענע שווישפּילער אַמאָל א האַרעלע רוי, אַמאָל עטוואָס צוגעברענט, שטעלן פאַר אמת׳ע, אָדער כמעט-אמת׳ע אידישע טיפּן אין פּיעסן אַלטע און נייע, דראַמאַטישע און מעלאָדראַמאַטישע, נייע אָדער איבערגעניצעוועטע, אָבער אַלע מער אָדער ווייניקער פון דעם אידישן לעבן, הגם ניט אימער פון דער אידישער ווירקלאַכקייט — סיי די, זאָג איך, סיי די אַנדערע בינע, איז מיר אין די לעצטע יאָרן כמעט פרעמד געוואָרן.

מיט די „ענגליש-שפּרעכנדע" דראַמאַטורגן און זייערע פּיעסן בין איך זיך אַזוי נוהג:

עס ווערט אויפגעפירט א נייע דראַמאַ. א לאָז טוט זיך די לינקע האַנט צום „פּאַקעט בוך" *) (זייער א פּאָפּולערער בוך דאָ אין אמעריקא) און די אמאָליקע טעאַטער-ליבע זאָגט: „אַלטער, דאָס מוזטו זען!" מישט זיך אָבער גלייך אריין דער עקאָנאָמיש־אויסגערעכנטער שכל און הייסט אָפּוואַרטן. „נישט-קשה, א שטייגער, ניטאָ וואָס זיך צו איילן! דאָ צייט גענוג צו זען אַזעלכע זאַכן..." לאָזט די האַנט דעם פּאַקעטבוך צורו און פונ׳ם טיקעט-פּאַקעט קומט ארויס א פּעני; פאַר דער פּעני קויפט מען א ציימונג; אין דער ציימונג, אז גאָט העלפט, געפינט מען וואָס פעטער שמואל׳ס פּלימעניקעס רופן א קריטיק, א רעצענזיע. לייענט מען די רעצענזיע און מ׳בלייבט אין דער היים. א פּראָס-טער ממה נפשך: ווערט די נייע פּיעסע ארונטערגעריסן, דאַרף מען ניט גיין זי זען; ארויסגעוואָרפענע געלט... גלייכער קויפן עפּעס רעכטס דערפאַר. אלא וואָ׳דען? ! מען לויבט די פּיעסע דאַן דאַרפט איר נאָר לייענען די שבחים און איר באַשליסט ביי זיך, אז עס איז געווים ניטאָ וואָס צו זען. וואָס דעם היגן עולם געפעלט דאָס איז... נאָר לאָמיר ניט כאַפּן די פיש פאַר׳ן נעץ.

איז דאָס וואָס איז שייך צו דער ענגלישער בינע.

---

*) טייסטער, (ווערטלאַך: „קעשענע־בוך").

www.libtool.com.cn



אין דעם פּרט פון אונזער אייגענעם טעאַטער איז די מעשה אזוי: די אַלטע פּיעסן זיינען אַלט. אין אַ מדינה ווי די היגע, וואו מענטשן פאַרן כסדר צו דורך די שטענדיקע איינוואַנדערונג — הגם אין דער איצטיקער צייט, צוליב דער וועלט־מלחמה, איז די אימיגראַציע שוואַכער — זיינען פאַר די אַלטע פּיעסן דאָ נייע אוידיענצן, אָבער פאַר אַ מענטשן ווי איך איז ניטאָ קיין גרונט צו וועלן באַנייען אַלטע באַקאַנטשאַפטן. דאָס איז ניט בלויז דערפאַר, וואָס איך זעט אין די באַקאַנטע ראָלן קיין מאָל ניט קיין נייע שוישפּילער, קיין פרישע קרעפטן און אייך קומט קיין מאָל ניט אוים צו זאָגן צו זיך: אַ־נו, לאָמיר אַ ציקאַוועס זען ווי שפּילט דער אָדער יענער צוגעפּאַרענער אַקטיאָר דעם אָדער יענעם אין אזא און אזא פּיעסע — ניט נאָר דערפאַר, נאָר אויך צוליב אַן אַנדער גרונט. דאָס איז, וואָס די זעלביקע שוישפּילער אין זייערע אַלטע ראָלן שפּילן ניט בעסער, נאָר ערגער ווי אַמאָל. מיט די אַלטע פּיעסן העלפט מען זיך אוים צווישן ראש חדש אלול ביז סכות, אין דער צייט איינשטודירנדיק דאָס „גרעסטע מייסטערווערק“ פון העררן שונדרעווסקי, אָדער דעם „געקרוינטן סוקסעם“ פון העררן שונדעלאָוויץ, אַמאָל, על פּי סבה, אריינ־טראָגנדיק אין אונזערן אַ מוזן־טעמפּל, אַ נייע אָדער פאַרלעגענע פּיעסע פון אַ. קאָברין און שרייבער ווי ער.

איז דער פּועל יוצא?

דער פּועל יוצא איז, ווי געזאָגט, אז אין אידישן טעאַטער ווילט זיך ניט גיין, ווייל מען ווייס, אז די אַלטע זאַכן וועלן גע־שפּילט ווערן אזוי ווי אַלטע בגדים ווערן אין אַ נויט ווידער אָנ־געטאָן, דאָס הייסט: אָן רעספּעקט פאַר'ן מלבוש, אפילו זיך ניט נעמענדיק די מי אים אָפּצושטויבן, און אגב שוין איצט אליין זייענדיק ברייטער אין טאַליע און אין די שולטערן און, חוץ דעם, צוגעוואוינט צו די קליידער פון דעם נייעם שניט. בעת מעשה ווייס מען גאַנץ גוט, אז די נייע זאַכן איז כדאי'ער ניט צו זען, אויב מען וויל ניט ווערן אַ פאַרשוואָרענער טעאַטער־האַסער.

www.libtool.com.cn


(איר וואָלט געדאַרפט הערן מיט וואָס פאַר אַן עקל, מיט וואָס פאַר א טיפע פאַראַכטונג אונזערע בעסערע שוישפּילערינען און שוישפּילער ריידן וועגן די „געקרוינטע דערפאָלגן“ און די „גרעס־טע מייסטערווערק“ — איז וועלכע זיי אַליין האָבן, ווי די אפישן זאָגן, „זיך אומשטערבלאך געמאַכט“!)

דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט די ענגלישע פּיעסן, וויניק־סטענס מיט די נייע, ווייל ביי זיי ביניהם שפּילט מען אַלטע פּיעסן, געוויינטלאך ניט ערגער ווי בעת מען האָט זיי געשטעלט צום ערשטן מאָל.

און דאָ קומט מיר אויס אין א משך פון א פּאָר וואָכן צו זען גאָרדינ׳ס „סאַפאָ“ אין קעסלערס טעאַטער און דעם „מיוזיק מאַסטער“ אינ׳ם ניקערבאַקער.*)

און בעת איך בין געזעסן אין בעלאַסקאָס טעאַטער האָט זיך מיין געדאַנק אריבערגעטראָגן צוריק צו מאַדאַם קאַליש, ווי איך האָב זי געזען מיט א קורצער צייט פריער צום צווייטן אָדער צום דריטן מאָל זינט די פּיעסע איז געשריבן געוואָרן און איך האָב געטראַכט:

אט איז וואָרפילד, א איד, אן אמעריקאַנער (אזוי קלער איך) וואָס ברעכט זיין צונג, צו ריידן ווי א ניו יאָרקער טייטש. ער שפּילט אין א פּיעסע פאַרפאַסט און סצענירט און „פּרעזענטירט“ פון אידן. איך, א מער אָדער ווייניקער גוי׳איזירטער איד, אן ערנסטער מענטש, זע צו ווי די דאָזיקע פיין צונויפגעשטעלטע קינדער־שפּיל ווערט פון טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן אויפגעפירט אויף דער בינע.

דאָס איז דאָ.

דאָרטן אין קעסלערס טעאַטער, איז געווען בערטאַ קאַליש. זי האָט געשפּילט אין א פּיעסע מיט א ריין דראַמאַטישן אינהאַלט, וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן געוויסע מאָמענטן און טיפּן. (איך,

*) בעלאַסקאָ׳ס טעאַטער.

www.libtool.com.cn



למשל, האָב קיין מאָל ניט געפונען קיין נחת־רוח אין מלך שטעמ־פעל, אפילו ווען מאָסקאָוויטש פלעגט שפּילן די ראָלע). נו, מאַ־דאַם קאַליש שפּילט אין א דראַמא, וואו איר אידישע קינסטלע־רישע נשמה קען געפינען אַן אויסדרוק, וואו עס איז דאָ וואָס די אַקטיאָרן רופן „גוטע פּראָזע", ווערטער, וואָס בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי אַרויסברענגען פאַר'ן עולם גראַציעז, קלאָר, שיין און פאַר־שטענדלאַך, ניט שרייענדיק. און זי, בערטאַ קאַליש, איז גע־בענטשט מיט א „כלי", וואָס הערט זיך ווי א זילבער־טרומייט, וואָס הילכט אָן רעש, און גלעט אונזער הער־אָרגאַן און רירט אונזער הארץ, סיי ווען די טענער זיינען פריילאַכע, סיי ווען זיי שטעלן פאָר א זיפץ און א קרעכץ, אָדער אַן אונטערדריקטער קללה.

און וואָס טוט די דאָזיקע פרוי מיט איר מוזיקאַלישע שטימע? זי שפּילט שטומע ראָלן היינט אין וואנדל־בילדער טעאַטערס, אין „די מואַוויס". פּאַרוואָס? ווייל זי וויל ניט אָדער קען ניט זיין ביי אונז, ווייל אויב שפּילן שונד, איז גלייכער צו שפּילן ביי די גוים, וועלכע צאָלן לכל הפּחות און צאָלן גוט.

וואו־זשע איז מ י י ן טעאַטער?

דייוויד וואָרפילד ניט און דייוויד קעסלער ניט. גאָרדין איז טויט און דער אמאָליקער ליבין איז נאָך טויטער — דער ליבין, מיין איך, וואָס האָט אין די קינדער יאָרן פון זיין מוזע געהאַט די אמביציע צו שרייבן עפּעס רעכטס. קאָברינ'ס זאַכן האָב איך שוין לאַנג ניט געזען, ווייל איך האָב מורא פאַר די טעאַטערס, וואו מען שפּילט אים און... פאַר די גוטע בעלי מלאכות וואָס פירן דורך די ראָלן... פירן דורך און פירן איבער — ווי אמאָל, ווי ווער.*)

---

*) זינט יענער צייט (1916), ווען מאָרים ווינטשעווסקי האָט געשריבן אָט־די ווערטער, האָט זיך די לאַגע אין אידישן טעאַטער א סך געענדערט. מ'שפּילט איצט דראַמאַטישע ווערק פון דער מאָדערנער אי־דישער ליטעראַטור. מ'מאָדערניזירט אויך גאָלדפאַדן און אויב די

www.libtool.com.cn


און דאָס ברייננט מיר צו אַן אַנדער פּונקט.

יאַ, בעלי מלאכות — ערגערע און בעסערע, אינגערע און עלטערע, מענלאַכע און ווייבלאַכע, מיט טאַלאַנט און אָן טאַלאַנט, אָבער לוין־אַרבעטער, וואָס שפּילן ראָלען, ווי אַנדערע וואָס מאַכן רעק און בלוזקעס, ניט מער, אַפּילו ניט קיין גאַנצע בעלי-מלאכות.

אַמאָל דער שניידער — איז געווען, אָדער האָט געהאַט די אַמביציע צו זיין אַ קינסטלער, אַ מייסטער; שניידער־מייסטער האָט מען אים גערופן אין דייטשלאַנד. ער האָט אויסגעסטראָיעט אַ מלבוש, ווי אַן אַרכיטעקט פּלאַנט אויס אַ בנין. אויפ׳ן גאַס פּלעגט ער טרעפן אַ קונד אין זיינעם אַ סורדוט און ווען דער ראָק איז אויפ׳ן קונד געזעסן גלאַט, „ווי אויסגעגאָסן" האָט אין ערגעץ ניט אויסגעוויזן „ענג אין פּאַכווע", פּלעגט דער שניידער פילן, אַז זיין קונסט איז אַ תכשיט פאַר דער וועלט, אַזוי גוט ווי אַ בגד פאַר׳ן בעל הבית, וואָס טראָגט אים. אין שול פּלעגט דער עונג שבת זיין עקסטראַ גרויס, ווען אין מזרח-וואַנט פּלעגט שטיין זיינער אַ בגד מיט ערגעץ אַ קונד אינווייניק. „מעשי ידי להתפאר", פּלעגט ער ביי זיך טראַכטן און דער שטאָלץ אין זיינע אויגן האָט געמאַכט, אַז מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „שניידער בעל־גאוה".

דעם געפיל האָט היינט ניט מער דער אַרבל-מאַכער און דער קנעפּל-נייער, דער פּרעסער און דער טרימער, אַפּילו ניט

---

יורשים וועלן ניט שטערן, וועט מען אויך באַנייען גאָרדינ׳ען. ס׳האָבן זיך אויך אַנטוויקלט אַ גאַנצע ריי מאָדערנע אידישע קונסט־שוישפּילער און ס׳זיינען אויך צוגעקומען צום אידישן טעאַטער אַ ריי אויסדער־וויילטע אייראָפּיאישע קינסטלער: שוישפּילער, רעזשיסאָרן און מאַ־לער. אַזוי, אַז די באַזוכער פון די אידישע קונסט־טעאַטערס ביינקען כלל ניט נאָך די, וואָס זיינען אַוועק זוכן גאָלדענע גליקן אויף דער ענגלישער בינע. נאַטירלאַך האָבן מיר נאָך ניט דאָ אין אַמעריקע קיין אידישע מלוכה־טעאַטערס ווי אין סאָוועט רוסלאַנד, דאָך ווערט שוין אויך דאָ געפּלאַנט אַ אידישער אַרבעטער־טעאַטער, וואָס זאָל האָבן פאַר זיך בלויז געזעלשאַפטלאַכע און עסטעטישע אויפגאַבן.

www.libtool.com.cn



דער צושניידער. יעדער פון זיי און פון אַלע אַנדערע בעלי-מלאכות איז בלויז אַ האַנט אין אַ פאַבריק, אַן אַרבעטער אָן אַמביציע, אָן שטאָלץ אויף זיין אַרבעט; איינער, וואָס קען טרעפן אין גאַס דעם טייל׳ וואָס זיינע הענט האָבן געמאַכט, און ער וועט ניט וויסן אַז דאָס איז עס, אַז דאָס איז זיינס. חוץ אַלע-מען מאַכט דער דאָזיקער לוין־אַרבעטער זאַכן ניט פאַר קונדן, ניט פאַר לעבעדיקע מענטשן, נאָר פאַר׳ן מאַרק, אָדער ריכטיקער: פאַר׳ן באָס און דער באָס פאַר׳ן מאַרק; וואָס דער מאַרק טוט דערמיט איז שוין קיינעמ׳ס עסק ניט: פון זייערטוועגן מעג די אַרבעט כאָטש פאַרוואַנדלט ווערן אין פייער-אינשורענס געלט, אַ דאגה זייערע... במה מדליקין ובמה אין מדליקין — ווער וויס, ווער ווייסט... ווער ווייס, וועמען אַרט דאָס.

און דאָס זעלבע, ווייניקסטנס ביז צו אַ געוויסן גראַד, איז דער פאַל מיט אונזערע טעאַטער־הענט. דער דעזיינער, דער צו-שניידער זעען זיך אָן אַ סך מער אין דער שפּיל-פאַבריק ווי דער דראַמאַטישער ביגלער און דער קנעפּל-נייער. אַלע זיינען זיי גאַנץ געוויינלאַכע סעקשאָן אַרבעטער מיט זייער ווייניק אַנדערע אַמביציעס ווי מאַכן עטלאַכע טאָלער אַ וואָך מער און שפּילן וואָס וויניקער סיידן אפשר אַ גיים פּאָוקער מיט אַ „טאָלער לימיט“. אפילו דער “סטאַר„ האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן די קינסטלער־אַמ-ביציע — די דאָזיקע אַמביציע, וואָס וועט מאַכן אַ מענטשן אריינ־לייגן זיין לייב און לעבן, זיין מח און זיין כח אין זיין קונסט; וואָס וועט אים מאַכן ליידן הונגער און נויט, אבי זיין קינסטלער-נשמה איז באַפרידיקט, אבי ער האָט עטוואָס געשאַפן; וואָס וועט אים מאַכן אויפאָפּפערן זיין עולם הזה פאַר זיין עולם הבא, זיין שאַמפּאַניער פאַר זיין אומשטערבלאַכקייט.

דער „סטאַר“, דער העלדענראָליסט, דער “ווילײן„ דער כאַ-ריסט, דער דרעסער, דער לאַמפּן־פּוצער, דער אפישן־קלעפּער, דער „סטײדזש קאַרפּענטער“ — אַלע זיינען זיי בלויז טייל-בעלי-מלאכות און זיינען, ווי זיי דאַרפן זיין, יוניאָן-לייט, אפשר גוטשטיי-

ענדרע מיטגלידער אין זייערע יוניאָנס, ווי די מענטשן אויף די גאַליאָרקע, ניט מער, ניט ווייניקער, ווען זיי סטרייקן פאַר אַ טאָלער מער שכירות, איז דאָס ווי עס באַדאַרף צו .יין. ווען זיי שילטן זייער באָס איז דאָס ווי עס פּירט זיך אין דער וועלט. אַמאָל, אין די צייטן פון קאָ־אָפּערייישאָן, פון דעם מאַרקענסיסטעם אין דעם אידישן טעאַטער, איז דאָס געווען אַ האַרעלע אַנדערש. היינט, אין דעם לוין־סיסטעם, אין וועלכן דער מענעדזשער איז אַן אַרבעטסגעבער און דער אַקטיאָר אַן אַרבעטסקראַפט, קען אַנדערש ניט זיין ווי עס איז.

פיל איז דאָ וועגן דעם ענין צו ריידן, זייער פיל. אָבער דער מענטש איז שוואַך, און די צייט איז קורץ. און ווער ווייס צי עס איז שוין אַזוי אויך ניט צופיל געזאָגט געוואָרן.

איך שליס. וועל נאָר אין עטלאַכע ווערטער זען אַרויסברייני־גען דעם מוסר־השכל.

ער באַשטייט אין דעם, אַז מיר פעלט אַ טעאַטער. דאָס ווייסט איר שוין. איצט דער פאַרוואָס.

מיין פאָטער האָט אים קיינמאָל ניט געהאַט און אים האָט קיין טעאַטער ניט געקענט פעלן. מיינע קינדער ווידער קענען זיך אַמוזירן ביי און מיט די פּיעסן, וואָס מען שפילט פאַר זיי אויף דער ענגלישער בינע. זיי געהערן צום אַמעריקאַנער גע־ערטן פּובליקום, וואָס האָט אַנדערע אידעען וועגן קונסט און לי־טעראַטור ווי איך און מיין דור.

ביי דעם אַמעריקאַנער עולם איז אַ פּאָלירטער קויל ווייכטיקער ווי אַן אומפּאָלירטער דימענט. אַ נאַרישקייט (שעקספּיר זאָגט: אַ נאַר), וואָס מאַכט זיי לוסטיק, איז זיי ליבער ווי אַ חכמה (אָדער אַ חכם — נוסח שעקספּיר), וואָס מאַכט זיי אומעטיק. זיי גייען אין טעאַטער זיך פאַרגעניגן קלייבן, ניט לערנען, און זיי דאַרפן ניט זען — איך ציטיר ווידער דעם קריטישן דיכטער — ווי מען האַלט פאַר אַן עכטן שפּיגל פאַר דער נאַטור: זיי זיינען

www.libtool.com.cn


צופרידן מיט א קרומן שפּיגל, וואָס מאַכט טאַקע א קאַריקאַטור פון אייער פּנים און אייער גוף קרום און לאָם, דערפאַר אָבער לאַכט איר. דערפאַר, יעדנפאַלס, לאַכט זיין עקסעלענץ, דער אַמעריקאַנער עולם.

1916.

www.libtool.com.cn

## דער אמת

דער אַדלער פֿליט הויך,
און הויך שטייגט דער רויך,
דער אידישער מזל — ער שטייגט אַמאָל אויך;
דער אמת אַליין,
וואָס מער ער איז ריין,
קומט אויף און פֿאַרזינקט ווי אין וואַסער אַ שטיין.

---

דאָס איז ניט דער גאַנצער אמת וועגן דעם אמת. געוויס איז עס צו נאַאיוו צו גלויבן, אַז דער טייטש פֿון דעם פּסוק „אמת מארץ תצמח“ איז טאַקע, אַז אַפילו ווען דער אמת ווערט באַגראָבן, שפּראָצט ער גלייך צוריק אַרויס פֿון דער ערד. עס איז אָבער קיין שום ספק ניטאָ, אַז פֿון זיין קבר וועט ער ווען עס איז פֿאַרט אַרויסקומען, הגם אפשר שוין אַלס סקעלעט פֿון זיך אַליין, אָן פֿלייש און אָן בלוט, אָן נערוון און אָן אָדערן. מיט אַנדערע ווערטער, ער וועט שוין ניט זיין קיין אמת, איבערהויפּט אויב העגריק איבסען איז גערעכט, אַז אַ וואַרהייט לעבט סתם ניט מער ווי צוואַנציק יאָר; ער וועט, הייסט עס, ניט מער זיין דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געווען, ווי מען האָט אים אַמאָל געקענט.

איין ביישפּיל: השארת הנפש, די אומשטערבלאַכקייט פֿון דעם מענטשנ׳ס נשמה, איז אַמאָל געווען אַן אַלגעמיין אָנגענומענער אמת, אין וועלכן קיינער האָט ניט געצווייפֿלט. דער דאָזיקער אמת איז אין אונזערע צייטן געשטאָרבן אַ נאַטירלאַכן טויט. האָבנדיק אויסגעלעבט זיינע יאָרן. איצט קומט ער אַרויס פֿון זיין קבר, אָבער אין אַ גאַנץ נייער געשטאַלט, אַזוי ניי, אַז ער איז צו זיך אַליין ניט ענלאַך.

די אומשטערבלאַכקייט פֿון דעם מענטשנ׳ס נשמה האָט היינט צו באַדייטן, אַז קיין מענטש שטאַרבט ניט לחלוטין, ניט

www.libtool.com.cn



גאָר אין גאַנצן: אַז דעם מענשנ׳ס גייסט לעבט אין זיינע ווערק צום גוטן אָדער צום בייזן, אין גרעסערע אָדער קלענערע זאַכן, צי דער מענטש איז געווען גרויס אָדער קליין, צי זיין איינפלוס איז געווען אויף ברייטע מענטשן־מאַסן, אָדער בלויז אויף קרובים. שכנים, אַפילו נאָר אויף זיין איינציק קינד. עפּעס פון אונז בלייבט איבער נאָכ׳ן טויט אַלס ירושה פאַר דעם קומענדיקן דור און אויף דעם אופן שטאַרבט ניט אונזער נשמה גאָר אין גאַנצן אָפּ.

עס איז אָבער קיין שום צווייפל ניטאָ, אַז דער דאָזיקער אמת, הגם ער איז, אַזוי צו זאָגן, אויפגעשטאַנען תחית המתים, האָט אַזוי ווייניק ענלאָבקייט צו זיין אמאָליקן איך, ווי דער היינטיקער מאונט־סיני האָספּיטאַל האָט צו אַ פּאַרצייטיקן ביקור חולים.

און רעדנדיק וועגן פאַרצייטן און היינט, דערמאָן איך זיך וועגן וואָס איך האָב איינגנטלאַך געהאַט בדעה מיט אייך היינט צו שמועסן אין דעם פאַל פון אמת, ווייל דאָס וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן איז נאָר געווען זיך „איינצושרייבן“.

פאַרצייטיקע אידן האָבן בנוגע צום אמת זייער ווייניק טראָבל געהאַט.

אין רעליגיאָן־זאַכן איז פאַר זיי קיין אַנדער אמת ווי דער טראַדיציאָנעלער, דער איבערגעגעבענער פון עלטערן און אור־עלטערן, ניט געווען. מען האָט געגלויבט און, גלויבנדיק, האָט מען ניט איבערגעקלערט. „אַל תהרהרו“, איר זאָלט ניט איבערטראַכטן, איז געווען די ערשטע מענטשן־פליכט. „אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט“ איז געווען ניט בלויז אַ חוק ולא יעבור אין אַזעלכע מעשיות, וואָס מען האָט טאַקע באַטראַכט פאַר אויס־געטראַכטע קינדער־דערציילונגען, נאָר אויך אין אַזעלכע ווי די וואָס מען האָט געפונען אין תנ״ך, אין מדרשים און אין אַנדערע הייליקע שריפטן. קריעת ים־סוף איז געווען פאַר אַלעמען אַז אמת און ניט ווייניקער זיינען דאָס געווען פרעה׳ס מכות, משה׳ס

www.libtool.com.cn



שלאַנג-שטעקן און חוני המעגל'ס זיבעציק-יאָריקער שלאָף. אונזער הײנטיקן קוק אויף די אַלע זאַכן האָט מען דאָמאָלסט ניט גע־האַט; מען האָט פּשוט געגלויבט, אַז דאָס איז אמת אין דעם פולן זין פונ'ם וואָרט פאַר יעדן אידן, וואָס איז ניט קיין אפּיקורס.

דאָס איז וואָס איז שייך צו אמונה.

אין וועלט-זאַכן איז אויך געווען אַן אַלגעמיינער, איינפאַכער באַגריף וועגן אמת און שקר.

אַ ליגן לשם מסחר, דאָס הייסט אימיצן אָפּנאַרן כדי דערפון ציען אַ מאַטעריעלן נוצן, האָט מען אין פּרינציפּ געהאַלטן פאַר אַן עולה. מען האָט אָבער צוגעלאָזן אַ ליגן מפּני דרכי השלום, אַ ליגן, הייסט דאָס, צו פאַרהיטן מחלוקות, אַ ליגן ספּעציעל פון שלום בית וועגן.

מען האָט אויך ניט געהאַלטן פאַר קיין גרויסער עבירה, הגם די אידישע אמונה איז אפשר געווען דאַגעגן, אָפּצונאַרן אַ גוי. דער אידישער צונג האָט כסדר געהאַלטן מלחמה מיט דעם גוי'שן קולאַק, די אידישע ביטערקייט מיט דער גוי'שער אונטערדריקונג, און דער צונג האָט זיך צייטנווייז געדרייט לינק, און די שפּיצ־זיניקייט איז אָפּט געווען אומערלאַך.

איבערהויפּט האָט ביי אונזערע עלטערן אין דער ליטע, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער דער אמת ניט געגאָלטן פאַר קיין פּראַקטיש־מענטשלאַכן אַרטיקל אין מסחר. זאָגן אַ ליגן און אפילו דעם ליגן באַפעסטיקן מיט אַ שבועה גילט אפילו נאָך היינט פאַר אַ זאַך, וואָס איז אין געשעפט אַזוי זעלבסט-פאַרשטענדלאַך ווי אין מרחץ זיינען באַנקעס, אומעטום, וואו דער האנדל אין קראָמען גייט נאָך אָן אויף דעם אַלטן שטייגער.

נענוי אַזוי ווייניק האָט מען געהאַלטן פון אמת אין דעם פּרט פון האַלטן אַן אָפּמאַך, אַ צוזאָג, און מען האָט עס כמעט גאָרניט ערוואַרטעט. דער שוסטער און דער שניידער האָבן צו־געזאָגט צו מאַכן די באַשטעלונג אין צייט פון אַ וואָך און יעדער האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט צו באַדייטן צוויי, דריי וואָכן,

www.libtool.com.cn



אפשר א חודש, בעת דעם סטאָליער'ס „מאָנטיק פרי, אם ירצה השם, כלחוך השור", האָט געהייסן ביים באַשטעלער דאָנערשטיק און ביים בעל מלאכה אַליין : ערב שבת פאַר ליכט-בענטשן.

פאַר אונז, היינט, אין א ציוויליזירטער מדינה, קלינגט עס אפשר ווי א גוזמא, ווען מען דערציילט אונז די מעשה מיט דעם בויסקער בעל־עגלה, וואָס האָט געזאָלט קומען נאָך ר' טרייטל דעם סוחר שבת צו נאַכט אים נעמען אויפ'ן יאריד, און געקומען איז ער דאָנערשטיק, און טרייטל האָט פארזאַמט א פיינעם, גאָר א פיינעם מסחר, און ער האָט געבראַכט דעם בעל־עגלה צום רב אויף א דין תורה, און דער באַשולדיקטער האָט זיך פּאַרטיידיקט מיט די ווערטער : „רבי, קרוין, זאָלט איר געזונט זיין, וואָס, כ'בעט אייך, וויל ר' טרייטל פון מיר ? ער זאָגט שבת-צו-נאַכט... נו מיינט ער דאָך זונטיק ; ביי א בעל-עגלה זונטיק... ווערט דאָס מאָנטיק... פאַרט מען אַרוים דינסטיק, פאַרשלעפּט מען זיך ביז מיטוואָך און מען קומט אָן דאָנערשטיק וואָס וויל ער ? ווי א רוח זאָל איך פליען ?"

אזא מין חשבון בנוגע צו „דייטס" איז אין דער היים געווען אָן אַלטער, אַלעמען באַקאַנטער כלל, אביסל מגוזם, איבערטריבן, א שטייגער, ווי די לעבערלאַכע זייט פון אימיצן אין א גוטער קאַריקאַטור. ניט אַזוי ריכטיק ווי א פאָטאָגראַפיע, אָבער כאַראַק־טעריסטיש.

דער אמת האָט דאָרטן ניט געפעלט דעם ליגנער, ווייל ער איז צו אים ניט געווען געוויינט און ער האָט אים ניט געדאַרפט. ער האָט אויך ניט געפעלט דעם ערלאַך־פרומען אידן, ווייל ער האָט זיך געהיט פון ליגן, פון גוזמאות, האָט געמאַכט „דייטס" פאַרזיכטיק, „אם ירצה השם", „בלי נדר", „אז דער אויבערשטער וועט געבן געזונט", און אַזוי ווייטער.

און קיין סאָציאַלער לעבן אויף דעם היינטיקן אופן איז ביי זיי אין ערגעץ ניט געווען ; פון א פּאָליטישן לעבן האָט מען ניט געוואוסט ; די עפנטלאַכע מיינונג איז געמאַכט געוואָרן אָן א

www.libtool.com.cn


פרעסע; ספרים זיינען געדרוקט געוואָרן מיט א רב'ס הסכמה ווי אויך „ס'דאָזוואָליעניא צענזורי". און פאר קריטיק איז ממילא שוין ניט געווען קיין אָרט; דרשות זיינען געהאלטן געוואָרן פון מגידים און אָנגענומענע „זאָגערס", און קיין פראגן האָט מען זיי ניט געשטעלט, ניט געקענט און ניט געוואָלט שטעלן.

בקיצור, אין דעם געדרוקטן און אין דעם גערעדטן וואָרט האָט מען קיין פגימות ניט געזוכט, און כל זמן עס איז אין ספרים און מגידות ניט געווען קיין אפיקורסות, חס ושלום, איז קיינעם גאָר אויפ'ן רעיון ניט געקומען איבערצוקלערן, נאָכצודיינקען, ספקות צו האָבן...

וואָס הייסט, צי איז עס אמת? אודאי איז עס אמת... וואָס דען, ליגן חלילה? הס מלהזכיר!

* * *

דער יונגער דור אין אמעריקע איז אין דעם פרט ניט פיל אנדערש.

דער אבסטראַקטער אמת פעלט אים אויך ניט. ער האָט, למשל, טאַקע שוין יאָ אַן עפנטלאָכע מיינונג, פאַבריצירט אין די צייטונגס-רעדאַקציעס, אָבער כל זמן די צייטונגען זיינען זיינע, פון זיין פּאַרטיי, און מען פילאָזאָפירט ניט צופיל אין די עדי־טאָריעלס, און ער האָט זיין קאָנסטיטוציאָנעל-גאַראַנטירטע רעכט עדיטאָריעלס ניט צו לעזן אויך, דרייט אים ניט שטאַרק דעם מח די פראַגע וועגן אמת און שקר אין פּאָליטיק, רעליגיאָן, ליטע־ראַטור און קונסט. „הי שוד וואָררי!"*)

פאַר אים איז די פּאָליטיק פריער פאַר אַלץ (און אפשר אויך שפעטער פאַר אַלץ) א פראַגע פון דזשאָבס אין דער שטאָט, אין דער פּראָווינץ און אין דער מדינה. די רעליגיע איז א געוויינהייטס זאַך, א ריי פון געוויסע צערעמאָניעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מער אָדער ווייניקער מיט זיין לעבן, אָבער צי ער היט אָפּ די

*) זיין באָבע'ס דאגה.

www.libtool.com.cn



דאָזיקע צערעמאָניעס אָדער ניט, זעט ער אין זיי ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים מאַכן נאָכדיינקען, זיך גריבלען און פיל קלערן. די פראַגע: גיין אין שול אָדער ניט, איז פאַר אים פיל ווייניקער וויכטיק ווי די פראַגע: גיין צו אַ „פוט-באָל גיים“, אָדער נײן?

אין דעם דאָזיקן פּונקט איז דאָ פיל צו ריידן, אָבער איך קען זיך דאָ לייגנער ניט אָפּשטעלן. גייען מיר ווייטער:

און ווי דער רײנער אמת קימערט ניט דעם יונגן דור, דעם היגן, אין פראַגן פון פּאָליטיק און רעליגיע, אַזוי מאַכט אים חלילה ניט גרויז און אָלט פאַר דער צייט דער אמת אין עניני ליטעראַטור און קונסט.

און גאָר ניט ריידנדיק דערפון, וואָס ער איז גלאַט צו „ביזי“ זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע זאַכן, און וואָס ער לייענט סתם זעלטן ווען אַ בוך, און באַזוכט זעלטן ווען אַ בילדער-גאַלעריע און הערט זעלטן ווען אַן אָפּערא און זעט זעלטן ווען אַן ערנסטע פּיעסע, דאָס טוענדיק מיט אַ קריטישן זין, מיט אַן אינטערעס, וואָס שטאַרבט ניט אָפּ גלייך ביים אַרויסגיין פון דעם „מוזענטעמפּל“, פון דער בילדער-אויסשטעלונג, גלייך ביים צומאַכן דעם ספר, — שוין גאָר ניט ריידנדיק, זאָג איך, דערפון, דאַרף מען אָט וואָס געדיינקען:

אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור זוכט דער יונגער דור אין אַמעריקע ניט מער ווי פאַרגעניגן. די פּיעסע, דער ראָמאַן, די אָפּערע, דאָס בילד מוז אים אַמוזירן, מוז קיצלען זיין אויער, מוז אונטערהאַלטן זיין אויג, מוז געבן זיין האַרצן אַ געוויסע סענסאַציע און ווייטער גאָר ניט. צי דאָס בילד איז געטריי דער ווירקלאַכקייט, וועלכע ווערט אויף אים פאַרגעשטעלט, צי די אָפּערע, דער ראָמאַן, די פּיעסע בילדן זיין געשמאַק, וועקן זיין אַמביציע אפשר אַמאָל טאַקע אַליין עפּעס וואָס צו באַשאַפן, אָדער דאָס אַלץ איז אַקוראַט פאַרקערט, איז ניט זיין עסק.

און די קונסט ליפעראַנטן, די ליטעראַטור-מאַנופעקטשורערס

www.libtool.com.cn


פון אונזער קאָמערציעל־רעגולירטער וועלט פּאַסן זיך צו צו דעם יונגן דור אונזערן.

מען גיט אים וואָס זיין האַרץ געלוסט, וואָס זיין מח קען באַנעמען, וואָס זיין אויג האָט צייט צו באַטראַכטן אין די קורצע שטונדן אַרויסגע׳גנב׳עט פון אָפיס, אָפּגעקאַרגט פון „קאָמפּאַני״, פונ׳ם קאָרטן־טיש, פון מיטינגס און אַלערליי אויפרעגונגען, פון — ווי עדגאַר עלען פּאָו וואָלט געזאָגט — דעם פיבער וואָס רופט זיך לעבן, לעבן אין די גרויסע שטעט איבערהויפּט.

וואָס קימערט אים דער אמת ?

אָבער מיר... אָבער מיין דור... אין קורצן וועל איך אייך דאָס אויספּירלאַך דערקלערן און איר וועט פאַרשטיין ווי אַזוי מיר פעלט דאָ דער אמת אין יעדן פּרט, כמעט אומעטום, כמעט אַלעמאָל.

דאָ וועט גענוג זיין פאָלגענדעס צו זאָגן :

אויף מיין לאַנגער רייזע מיט אַ קורצער צייט צוריק, פאַרנדיק פון איין שטאָט אין דער אַנדערער יעדן איבער־אַ־טאָג, צען וואָכן נאָכאַנאַנד, האָב איך, כדי ניט צו שלעפּן קיין ביכער מיט זיך, כסדר געקויפט ביכלאַך און זשורנאַלן. געקויפט, דורכגעלעזן און אוועקגעוואָרפן.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן ?

אויסער אין זייער זעלטענע פאַלן — עס איז, כידוע, פאַראַן אַן אויסנאַם פון יעדן כלל — האָב איך זיך געשעמט פאַר זיך, פאַר אַמעריקע, פאַר׳ן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און פאַר די שאָטנס פון די גרויסע מענער, וואָס האָבן געבילדעט, אויפגע־קלערט און געוועקט די מחות אין דער צייט ווען איך האָב אַ שפּרייז געטאָן פון דער אַלטער גמרא צו דער ליטעראַטור פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט.

צען־סענטיקע, פופצן־סענטיקע, קוואָדרדיקע — וואָס פאַר ביכלאַך איך האָב ניט אַריינגענומען אין האַנט, שונד, כמעט שונד, אָדער ערגער ווי שונד !

www.libtool.com.cn



חוץ די „ערנסטערע“, וואָס קאָסטן מער ווי 25 סענט, זוכן אַלע אַריינצושלעפּן קונים אין זייער קרעמל מיט אַ שיינע מיידל, מער אָדער ווייניקער (קיינמאָל, פאַרשטייט זיך, ניט אין גאַנצן) אַנגעטאָן, ביים טיר, דאָס הייסט אויפ'ן „קאָווער“. אינווייניק זיינען דאָ אַנגלאָ־סאַקסיש צורעכט-געמאַכטע פראַנצויזישע מעשה-לאַך, היפּאָקריטיש דערציילט, כלומר'שט מאָראַליש פאַרענדיקט...

אין ערגעץ איז ניטאָ קיין קינסטלערישער אמת, קיין רעאַליסטישער אמת און קיין אמת איבערהויפּט. לויטער ווילדע פאַנטאַזיעס, אָדער סענסאַציאָנעלע אוממעגלאַכקייטן, אָדער שיל-דערונגען וועגן פּאָפּקעס מיט פרויען נעמען, און מענער וואָס גייען ווי אויף שטאָלצעס, אָדער אמת'ע מענטשן אין אַזעלכע סיטו-אַציעס, וואָס קענען געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן אי פון גאָט אי פון דעם טייוול.

עס איז קיין גוזמא ניט צו זאָגן, אַז די רוסישע שרייבער פון 70-80 יאָר צוריק, וועלכע בעלינסקי האָט קריטיקירט און, זיי קריטיקירנדיק, האָט אויסגערופן אין גרימצאָרן, אַזוי ווי ריידנדיק צום רוסישן פאָלק: „וואַנקאַ, דאָס איז דיין ליטעראַ-טור!“ — אַז יענע רוסישע שרייבער זיינען נאָך געווען קלאַסיקער לגבי די ליטעראַטן, וואָס פאַבריצירן די ליטעראַרישע „לאָלי-פּאָפּס“, שריפטשטעלערישע פייער־קרעקערס און מעלאָדראַמאַ-טישע „דזשעק־אין־די־באָקס“-מאַכערייקעס, מיט וועלכע מען קאָר-מעט און אַמוזירט אונזערע יענקיס, יענקיכעס און יענקעלאַך.

1916.

www.libtool.com.cn

# אן עפנטלאַכע מיינונג

בלעטערנדיק אין דעם ספר הזכרונות פון מיין לאַנגער קאַריערע אין דער עפנטלאַכקייט, מיש איך אויף אַזאַ מין בלאַט:

אַט איז דער יאָר 1903. איך געפין זיך אין סט. פּאָול, מינע-סאָטאַ, וואו איך ברענג צו כמעט אַ גאַנצן יאָר צוליב איינער פון יענע באַשעפטיקונגען, וועלכע האָבן מיר געגעבן מיין עולם-הזה אויף דעם חשבון פון עולם-הבא (אויף דער וועלט) דורך מיין גאַנצן טראַגי־קאָמישן לעבן. מחשבות'ן, פּעטער עשו איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרקויפט זיין בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזן... אָבער ווייטער:

בין איך דאָרטן אַליין, ווייל מיין משפּחה איז אויף אַ באַזוך אין ענגלאַנד. חוץ אין דעם אָפיס, וואו איך אַרבעט, איז ניטאָ אַ לעבעדיקע זעל, מיט וועלכער איך זאָל קענען צוברענגען אַ פערטל שעה און ניט פילן, אַז איך האָב אין ניוועץ געבראַכט 15 מינוט פון די עטלאַכע געציילטע יאָר, וואָס איך האָב צו-צוברענגען אויף דער וועלט. אין מינעאַפּאָליס — די צווילינג-שטאָט פון סט. פּאָול — זיינען דאָ פּאַרטיי-גענאָסן, אָבער אַהין קען איך מער ווי זונטיק ניט אַרויספאָרן.

דער „דזשאָב" מיינער, אַ גוט־באַצאָלטער, איז טאַקע דער-פאַר, פאַרשטייט זיך, אַ לייכטער, און זיך אויסרוענדיק אַכט שעה ביי דער „אַרבעט", ווילט זיך מיר עפּעס טאָן פון אָוונט, קומענדיק אַהיים.

האָב איך ביי זיך פון ניו יאָרק מיטגעבראַכטע ביכער אַ שטיקלאַך הונדערט, כמעט אַלע רוסישע. פאַר וואָס דווקא רוסישע? רוסלאַנד האָט דאַן אָנגעפאַנגען צו ווערן זייער אינטערעסאַנט, און אַרויספאָרנדיק פון ניו יאָרק האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ סך נייע באַקאַנטשאַפטן אין דער ליטעראַטור פון מיין שטיף-פאָטער־לאַנד און אָפּצופרישן אַלע אַלטע.

www.libtool.com.cn



חוץ דעם גיי איך צוויי מאָל א וואָך אין טעאַטער און ווער באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנישער בינע.

די אַלטע רוסישע ליטעראַטור לעז איך, סיסטעמאַטיש, אויף דעם פאָלגענדן אופן:

צוריקקומענדיק, צום ביישפּיל, צו טורגעניעוו, טאָלסטאָי, גאָנטשאַראָוו און אַנדערע, לייען איך דורך ערגעץ א ראָמאַן און גלייך נאָכדעם א קריטיק אין די ווערק פון ביעלינסקי, דאָבראָ־ליובאָוו און פיסאַרעוו. דאָס העלפּט מיר באַנייען אַלטע באַ־קאַנטשאַפטן פון צוואַנציק, דרייסיק יאָר צוריק בנוגע סיי צו דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור, סיי צו דער פּובליציסטישער. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך אפשר אַמאָל דערציילן עטלאַכע אינטערעסאַנטע דערפאַרונגען אין דעם פּרט. דאָ קען איך זיך נאָר אָפּשטעלן אויף איין רגע, כדי צו זאָגן, אַז איך וועל, למשל, קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן דעם נחת־רוח, וואָס איך האָב געהאַט ווידער לייענענדיק אַלעקסאַנדער הערצען׳ס „ווער איז שולדיק?“ (א ווערק וואָס דערמאָנערט אייך אָן געטע׳ס „וואַהלפערוואַנדשאַפטען“) און גלייך נאָכהער ביעלינסקי׳ס א קריטיק דאַרויף. שטעלט זיך פאָר: ביעלינסקי, וואָס איז געשטאָרבן אין 1848 וועגן הערצענען — איינעם פון אונזערע, כמעט!

די ערלאַכע רוסישע ליטעראַטור! מיט וואָס פאַר אַן ערנסט אַלץ איז געשריבן, מיט וואָס פאַר אַן ערלאַכקייט אַלץ איז קריטי־קירט! דער רוסישער רעאַליזם איז אין גרונט ניט מער און ניט ווייניקער ווי איינפאַכע ערלאַכקייט, ווי א וואונש ניט צו מאָלן פאַלש אָדער אפילו מיט גוזמאות די ווירקלאַכקייט אין דעם לעבן, פילן און דיינקען פון מענטשן. עמיל זאָלא האָט זיך באַרימט אין איינעם פון זיינע רוגאָן־מאַקאַר ראָמאַנען, אַז זיין בוך שטעלט פאָר די „וואָרהייט וועגן דעם פאָלק“; דאָס איז אמת וועגן כמעט די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור, פון לערמאָנטאָוו׳ס „העלד פון אונזער צייט“ ביז קופּרינ׳ס „יאמא“, יא, אפילו קופּרינ׳ס שמו־ציקע „גרוב“.

www.libtool.com.cn


און די רוסישע קריטיק, ארייננעמענדיק אַ סך קלענערע פּובליציסטן ווי די אויבן אָנגערופענע דריי, איז דער אמת וועגן די ב י כ ע ר, וועלכע זיינען דער אמת וועגן דעם ל ע ב ן. איר מעגט געפינען אַ סך פּגימות אין דעם סעציר־מעסער פון דעם רוסישן אַנאַליטיקער, אַ סך איבערטרייבונגען ערטערווייז, אַ סך מיינונגען, מיט וועלכע איר קענט ניט איינשטימען, אָבער דער סך הכל, נאָך אַלעמען, וועט ביי זיי זיין: אַ וואונש צו זאָגן דעם אמת, אַ באַמיאונג אים צו זוכן און צו געפינען.

אזוי, למשל, ווען איר גיט צו אַלץ וואָס מוז צוגעגעבן ווערן וועגן די איבערטרייבונגען אין דער אָפּשאַצונג פון פּושקין סיי מצד ביעלינסקי, וועלכער הויבט אים צו די וואָלקנס אַרויף, סיי מצד פּיסאַרעוו, וועלכער שלעפּט אים צוריק אַראָפּ אויף דער ערד און מאַכט אים אַמאָל „מיט דער בלאָטע צוגלייך", זעט איר, פון דעסטוועגן, אַ הייליקן ערנסט אין ביידע אָפּהאַנדלונגען. איר זעט יענעם הייליקן ערנסט, וואָס די גמרא געפינט אין די מחלוקות פון בית שמאי און בית הלל, און באַמערקט גאַנץ ריכטיק, אַז הגם נאָר איינער פון די צדדים קען זיין גערעכט, בעת גוזמא געפינט זיך בייביידן, זיינען „אלו ואלו דברי אלהים חיים".

און ווען איך לייען, זיצנדיק איצט אין מיין צימער, אין סט. פּאול, אַ פאַרוואָרפענער אין דער פרעמד, 1300 מייל פון דער קיבעצאַרניע, פון יענער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אירע געפּיקלטע אוגערקעס דירעקט פון העסטער־מאַרק, אירע פּאַפּיראָסן פון יענער זייט גאַס און אירע „גרינס" פריש פון עלים אײַלאַנד, — ווען איך זיץ, זאָג איך, דאָרטן און לייען אַזאַ הייליק ערנסטע קריטיק ווי, למשל, דאָבראָליובאָוו'ס וועגן אָסטראָווסקי'ס דראַמען — פאַלט מיר מיט אַמאָל איין אַזאַ מין געדאַנק:

דאָס איז אין דער פינסטערער מדינה („טיאָמנאָיע צאַר־סטוואָ", ווי דאָבראָליובאָוו'ס אַרטיקל הייסט, דערמאָנט אייך אָן דער מדינה, וואָס איז אַליין פינסטער*); אַלזאָ, אין דער פינסטער־

*) דאָס רוסלאַנד פון די צאַרן.

www.libtool.com.cn



דער מדינה), דאָרטן ווערט אַן ערנסטער דראַמאַטורג, ערלאַך מאָלנדיק די טונקעלע ווירקלאַכקייט, קריטיקירט פון אַן ערלאַכן פּובליציסט, וואָס ברענגט אַרויס אין דער פאָרם פון קריטיק קלאָרער און דייטלאַכער ,טיפער און ברייטער דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט אין עטלאַכע שטריכן דורך עטלאַכע סצענעס, לאָזנדיק אויף די ברעטער דערשיינען עטלאַכע טיפּן, געוויזן דעם עולם אין טעאַטער.

דאָס איז דאָרטן.

דאָ, אין סט. פּאול, אין אַן אויפגעקלערטער מדינה, האָב איך ערשט נעכטן אין אָוונט געזען אַ נאַרישע, אוממעגלאַכע מעלאָ־דראַמע, וועלכע קומט פון ניו יאָרק מיט אַ באַנד פון דער ניו יאָרקער פּרעסע, געלויבט אָדער געטאַדלט, אָבער איןביידע פאַלן אַזוי מורא'דיק פלאַך, אַזוי אומערלאַך, אַזוי „פּאַרזיכטיק" אין אַרויסגעבן אַן אורטייל, וואָס זאָל האָבן אַן אויפקלערערישן ווערט פאַר'ן היינטיקן לעזער ווי פאַר דעם נעכטיקן צושויער. און טאָמער גיט מען דעם געערטן פּובליקום אַ טראָפּן, וואָס קען אים קלאָרער מאַכן דעם מוח, דעם פאַרביזנעוועטן מוח, גיט מען דאָס אים אין אַ האָמעאָפּאַטישן פּולווערל, אַ קלייניגקן, אַ געשמאַק־לאָזן, אין אַ סך וואַסער, כדי ער זאָל דאָס קענען לייכט אַראָפּ־שלינגען. אַ האַלבן קאָלום, דריי־פערטל, פאַרגינט מען זיך פאַר אַ סענסאַציאָנעלער פּיעסע, פאַר אַזעלכער, וואָס איז פיל פאָראויס פאַנאַנדערגעטרומייטערט געוואָרען, שטאַרק גע'פּרעס־אייגענט געוואָרן; פאַר אַנדערע נאָך ווייניקער. דער דורכשניטלאַכער צייטונגס־לעזער דאַרף אַזוי פיל אויך ניט: ער האָט ניט קיין צייט זיך צו „באַדערן" מיט אָפּשאַצונגען און אָפּוועגונגען.

און ווער רעדט גאָר מכח דער טעאַטער־קריטיק אין דער לאָקאַלער פּרעסע פון סט. פּאול און מינעאַפּאָלים! דאָרטן איז די רעצענזיע ווי אין דער פּראָווינץ אומעטום, ניט אין האַנט אַריינ־צונעמען. דאָרטן איז פאַר יעדן גוטן בירגער וויכטיק אויפצוהאַלטן דעם אָרטיקן טעאַטער, און ווער וועט דאָס גיין שעדיקן דעם שכנ'ס

www.libtool.com.cn


ביזנעס ? און אַלע זיינען שכנים...

און דאָ האָט איר אין געדאַנקען אפשר ניט דאָבראָליובאָוו'ס „טיאָמנאָיע צארסטווא", וועלכע איז, נאָך אַלעמען, אַ סך מער ווי אַן אָפּשאַצונג פון דראַמאַטישע שריפטן. איר טראַכט דערביי וועגן לעסינג'ס „האַמבורגער דראַמאַטורגיע", וועגן בערנע'ס רע־צענזיעס, אַפילו די קליינינקע. איר פאַרגלייכט איינע פון יענע הונדערטער פּערל־קריטיקן טאַקע ביי בערנע מיט די רעצענזיעס פון עקטאָן דייוויס און אַללאַן דייל, די אַמאָליקע צוויי גאונים פון דער ניו יאָרקער „דראַמאַטורגיע", און איר זעט, אַז עס איז גלייכער צוצומאַכן די אויגן אײדער אַריינצוקוקן אין די מאָדערנע שרייבאַכצן וועגן טעאַטער. איר הויבט אָן צו קלערן, אַז דאָ איז ענטוועדער אַלץ פאַרקויפט און באַצאָלט,*) אָדער מען האָט אַ צו גרויסע פאַראַכטונג פאַר'ן לעזער אים צוצוטרויען, אַז ער קען וועלן עפּעס ווירקלאַך „סאָלידעס", עפּעס רעכטס.

און וואָס איז שייך צו ליטעראַטור-קריטיק, איז דאָך דאָ גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן.

אַן אַמעריקאַנער פּאַבלישער, וואָס גיט אַרויס ראָמאַנען, למשל, וועט אייך געבן זיין סמיעטע אויף אַ בוך, אַ מין „סטייט־מענט אָוו קאָסטס", ווי אין אַ פאַבריק, און איר וועט געפינען אַזוי פיל פאַר דרוק, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר פּאַפּיר, אַזויפיל און אַזויפיל פאַר רעדאַקציאָנעלע „עקספּענסעס", און דאַן, זאָגן מיר, 600 דאָלאַר פאַר „פּובליסיטי". דערצו, נאַטירלאַך, ווערט צוגערעכנט האָנאָראַר דעם שרייבער (אויב מען צאָלט אים), דעם אַרויסגעבער'ס פּראָפיט און „אָווערהייד טשאַרדזשעס", אויב איר ווייסט וואָס דאָס איז, טאָמער ווייסט איר ניט, מאַכט אויך ניט אויס: עס לוינט ניט וועגן דעם זיך אָפּצושטעלן.

דער עיקר איז, אַז די 600 דאָלאַר פאַר פּובליסיטי איז

*) דאָס זעלבע גילט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פאַר די מערסטע אַמעריקאַנער קריטיקן איבער מוזיק.

www.libtool.com.cn



אייגנטלאך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, לא יחרץ געלט אין דער פאָרם פון באַצאָלטע אדווערטייזינג. מען קלערט, אז די צייטונג, וואָס וועט וועלן האָבן א מוציא פון דער 600 דאָלאר־דיקער חלה, וועט ניט וואגן ארונטערצורייסן א בוך און צו שעדיקן א „געשעפטס־פריינט“, סתם צוליב א שגעון, גיין, איך ווייס, איבעראנדערשן א וועלט... זוכן חסרונות, חטאים, א נעכטיקן טאָג... ווער? וואָס? ווער? וועמען?

און וואו איז דער אמת? ער איז דאָ אפשר געווען אין די צייטן ווען וואָלט וויטמאַן האָט געדיכטעט, צעקלאַפנדיק און צעטרייבנדיק צו אַלע פיר ווינטן אַלע אָנגענומענע קונסט־טראַדיציעס און מאָראַל־זאַקאָנעס יעדן מאָל וואָס ער האָט זיין פעדער אריבערגעפירט איבער׳ן פאַפיר.

אפשר אין זיין צייט און אין דער צייט ווען וואשינגטאָן אירווינג האָט געשריבן, און עמערסאָן האָט פילאָזאָפירט אונטער־זינגענדיק, און האָראַס גרילי איז געווען א צייטונגסמאַן און די קאָריפעען פון די היגע (קיינמאָל ניט ווער ווייס ווי גרויסע) ליטעראַטור האָבן נאָך געלעבט און געווירקט.

אפשר דאַן האָט זיך דאָ ערגעץ־וואו געזען אזא זאך ווי דער אמת לשם אמת. משמעות, ער איז שוין לאַנג, לאַנג אוועקגעפאָרן און האָט פארגעסן איבערצולאָזן זיין אדרעס, און אזוי ווי קיינער זוכט אים ניט, און דער היגער קלימאַט וואָלט אים אפשר טאַקע אויך ניט פאַליובען, איז ער מיט אונז א גוטער פריינט פון ווייטן. קיינעם פעלט ער ניט.

אין אונזערע יונגע יאָרן אין רוסלאַנד האָבן מיר גע׳חלומ׳ט וועגן „גלאַסנאָסט“, וועגן אן ערלאַכע, עפנטלאַכע מיינונג, באַשאַפן דורך אן ערלאַכער פרייער פרעסע. מיר האָבן געוואוסט וואָס פאַר צרות די רוסישע פובליציסטן האָבן געהאַט אויסצו־שטיין; מיר האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט א בילד פון דעם גרעסטן און נאָבעלסטן צווישן די דאָזיקע שרייבער, דעם דערמאָנטן ווי־סאַריאָן ביעלינסקי, וואָס ווייזט אים פאַר׳ן שטאַרבן ווי אזוי ער

www.libtool.com.cn



קריגט אַ „באַזוך“ פון דער פּאָליציי, קומענדיק, שיינט עס, צו אים כדי צו מאַכן אַן אָביסק, אַ שעה פאַר'ן מלאך הדומה.

און מיר האָבן געקלערט: וואָס, אַ שטייגער, וואָלט אַזאַ ביעלינסקי אויפגעטאָן, האָבנדיק די פרייהייט, וואָס מען געניסט אין דער שווייץ, אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אפילו אין דייטש-לאַנד?

און וועגן די יונייטעד סטייטס? דאָ מעג מען דאָך (הוירסט איז מיין עדות) ניט בלויז שרייבן, נאָר אויך זידלען, באַשימפּן, אין לעבער אריינקריכן, באַשולדיקן מענטשן אין וואָס אין אָרט שטייט ניט. דאָ מעג מען דאָך רופן פּאָליטיקער און גלאַט מענטשן אין דער עפנטלאַכקייט אַזעלכע נעמען, פאַר וועלכע מען וואָלט אין ענגלאַנד געהאַט אויף זיך „לייבעל סוטס“, אין פראַנקרייך דועלן, אין דייטשלאַנד דעם „גראָבן אונפוג“-פּאַראַגראַף, מיט אַל־די יאָרן טורמע וואָס ער ברענגט מיט זיך מיט.

און דאַן קומט איר אַהער און איר זעט, אַז די „גלאַסנאָסט“ וואָס מען האָט דאָ איז אַזאַ פולער מאָס, אינטערעסירט קיינעם ניט. אַז קיין צייטונג, למשל, געפינט ניט פאַר נויטיק צו געבן אַן ערלאַכן רעפּאָרט וועגן דעבאַטן אין די געזעצגעבנדע קערפּער-שאַפטן, אין די שטאַטישע, פּראָווינציאַלע, אָדער נאַציאָנאַלע פּאַרלאַמענטן, סיידן אַ מלחמה דאַרף אויסברעכן, אָדער אימיצער וואַרפט אימיצן אַ טשוגונענעם טינטער אין קאָפּ, אָדער ערגעץ אַ הייליקייט-שענדער דריקט זיך אוים אומפּאַטריאָטיש וועגן דעם „פלעג“, אָדער טוט גלאַט אָפּ אַ שרעקלאַכן, שרעקלאַכן און... יאָ, סענסאַציאָנעלן פאַרברעכן אין די פיר ווענט פון אַ פּאַרלאַמענט. און אונזערע קינדער פעלט דאָס גאָר ניט.

זיי האָבן קיינמאָל ניט געלייענט קיין ווערטערלאַכן רעפּאָרט פון דעבאַטן אין ענגלאַנד'ס „האוז אָוו קאָמאָנס“, אין „האוז אָוו לאָרדס“; אין פראַנקרייכ'ס „קאַמער“ און סענאַט; אין דעם דייטשישן רייכסטאַג און אין די „לאַנד־טאַגע“ (פון די פּראָווינצן), און אַזוי ווייטער.

www.libtool.com.cn



זיי, די קינדער אונזערע, פעלט דאָס ניט, ווי דאָס האָט אונזערע טאַטעס ניט געפעלט.

זיי פעלט ניט דער אמת אין דער פּאָליטיק, ווי אין דער ליטעראַטור, אין דעם טעאַטער־שפּיל, אין דער קונסט, און אזוי ווייטער.

און זיי וואונדערן זיך — אויף איין רגע לאָמיר צוריקקערן צו דער היגער „גלאַסנאָסט“ — פאַרוואָס דער היגער פּאָליטישער לעבן איז אזוי קאָרומפּירט, פאַרוואָס אַלץ איז דאָ אזוי הפקר, אזוי געמיין... וואונדערן זיי זיך? דאַכט זיך, אַז זיי וואונדערן זיך גאָר ניט. איך בעט אום פאַרצייאונג, יונגער דור...

און אזוי פעלט זיי אויך ניט דער אמת אין דעם פאַרטיי־לעבן, אַרום וועלכן מיר וועלן זיך דורכשמועסן אין דעם נעקסטן קאַפּיטל.

1916.

www.libtool.com.cn

## זעלבסט־קריטיק אין פּאַרטייען

פּאַרטייען זיינען געווען אין דער וועלט צו אַלע צייטן. אַזוי גיך ווי מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ מדינה־לעבן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין קהל׳שע ענינים, האָבן זיך אין וויכטיקע פראַגן באַוויזן צדדים, וואָס זיינען אָפּט אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון פּאַרטייען. אַרויסכאַפּנדיק עטלאַכע ביישפּילן פון אונזער אייגענער געשיכטע, וועט גענוג זיין זיך צו דערמאָנען אָן קרח׳ן און זיין געמיינדע געגן משה רבינו, די נאָכפאָלגער פון רחבעם און ירבעם נאָך שלמה׳ס טויט, די צדוקים און פּרושים אַ סך שפּעטער און די חסידים און מתנגדים פון אונזערע עלטערנ׳ס צייטן, — עס וועט גענוג זיין זיך צו דערמאָנען אָן זיי אַליין, כדי צו זען, אַז פּאַרטייען זיינען אַלע מאָל געווען.

זיי זיינען געווען אפשר פּאָליטישע אויך, אָבער ניט אין אונזער היינטיקן זין פון דעם וואָרט, אָדער, ווי פּאָליטישע פּאַר־טייען זיינען פאַרשטאַנען געוואָרן, אפילו מיט יאָרהונדערטער צוריק אין פּאָליטיש־פרייע לענדער אומעטום.

וואו אַזעלכע פּאַרטייען האָבן עקזיסטירט, האָבן זיי געהאַט זייערע פאַרטרעטער אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור און אין דער פּעריאָדישער, אין פּאַרלאַמענטן און שטאָטישע קערפּערשאַפטן, אַמאָל אפילו אין הויכשולן, אויף דער בינע און אין ספּאָרט.

זייערע פאַרטרעטער זיינען אַלע מאָל געווען אַזוי גרופּירט לגבי דעם געגנער, דעם צד שכנגד, אַז וואָס מען זאָל ניט דיינקען ביי זיך אין האַרצן וועגן דעם אמת אין דעם אָדער יענעם פּרט, טאָר מען דאָס ניט אַרויסריידן אויף אַזאַ אופן, אַז דער געגנער זאָל דערפון האָבן הנאה און ציען אַ נוץ פאַר זיך, פאַר זיין צד.

„מיין פּאַרטיי, צי גערעכט אָדער אומגערעכט“ איז געווען אַ ניט־געשריבענער געזעץ, וועלכן מען האָט בלינד געפאָלגט.

www.libtool.com.cn



אין „פּוילן, ליטא און רייסן“ האָט מען, כדרך הטבע, קיין אַנדערע פּאַרטייען ניט געהאַט, ווי אַזעלכע, וואָס זיינען אויפ־געקומען צוליב אַ סכסוך וועגן אַ רב, אַ שוחט, די קאָראָבקע און אַנדערע אַזעלכע ריין־אָרטיקע ענינים. דאָ האָט אפילו אויך יעדער צד געצויגן אויף זיין זייט און ווען דער אמת איז געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאַרטייליכקייט האָט שטענדיק דער־פון געליטן דער אמת, אָבער דער עסק איז ניט געווען שטאַרק קאָמפּליצירט און אונזערע עלטערן האָבן דאָס ניט זייער געפילט.

אונזער לאַגע, זעט איר, איז שוין אַן אַנדערע.

מיר לעבן אין דעמאָקראַטיש־רעגירטע לענדער, וואו די פּאַר־טיי וואָס האָט די מאַיאָריטעט פירט די גרענדע. פון די פּאַרטייען, וועלכע זיינען פון דרויסן ביי אַלע „אָפּיסעס“ אין דער רעגירונג, איז געווייינלאך פאַראַן איין פּאַרטיי אַ גרויסע. די דאָזיקע שטעלט מיט זיך פאַר אַ מינאָריטעט, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מאַיאָרי־טעט און האָפט עס באַלד — במהרה בימינו — ווידער צו זיין. עס זיינען אָבער דאָ קליינע, קלענערע און קלענסטע.

די דאָזיקע זיינען לעת עתה נאָך אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זיינען לגבי די גרויסע, וואָס קינדער פון אַ יאָר, פון 6 חדשים און פון 3 וואָכן, למשל, זיינען גענן די דערוואַקסענע מענטשן אין הויז. זיי האָפן אויסצוואַקסן און, אַזוי ווייט ווי זיי האָבן אין זיך לעבנס־קראַפט, וועלן זיי מן הסתם טאַקע אַמאָל ווערן גאַנצע מענטשן און וועלן אפשר פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די גרויסע.

ווי קליינוואַרג אין אַ פאַמיליע, וואָס מישן זיך דערוויילע נאָך ניט אין קיין שום ביזנעס און גרייטן זיך ערשט צו צום לעבן, קענען זיי זיין ערלאַכער ווי די דערוואַקסענע, — ערלאַכער, אמת'ער, נאַאיווער, פּרינציפּיעלער און ווייטער פון יעדער „קריי־מונג מיט דער נשמה“, ווי די רוסן זאָגן, צוליב געשעפט און ריוח. לאָמיר פון די דאָזיקע פּאַרטייען אין די קינדער־יאָרן אַרויס־

www.libtool.com.cn



כאַפּן אונזער אייגענע, די סאָציאַליסטישע.*)

אין פלוג דאַרפן מיר ביי איר קענען געפינען דעם אמת. געוויס, זי איז שוין לאַנג אַרויס פון די ווינדעלאַך, און רעדט שוין אַמאָל אַריין, טאַקע גאָר ווי אַ גרויסע, אין הויז־אַנגעלעגנ־הייטן. אָבער, הגם זי האָט פיל קלענערע פאַר זיך, איז זי נאָך זייער יונג. עלטערע מענטשן געדיינקען, ווי פרוי עס־על־פּי האָט מיט איר געשוואַנגערט, און ווי זי איז געבאָרן געוואָרן מיט גרויסע חבלי לידה פאַר דער מאַמען; ווי זי איז געוואַקסן, דורכ־מאַכנדיק אַלע קינדער־קראַנקהייטן; ווי זי איז אַריינגעקומען, אַ געראָטן קינד, אין שול, און האָט זיך אָפּט מער און ערנסטער געמאַטערט איבער אַבסטראַקטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן דערווייל נאָך ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט'ן לעבן, ווי עס מאַטערן זיך די גרויסע מיט געשעפטס־פראַגן, פון וועלכע עס הייננגט אָפּ זייער ברויט מיט די פּוטער.

ביי איר, קלערט איר, דאַרף זיך, אין פלוג, געפינען דער אמת, ניין? זי איז דאָך נאָך לעת־עתה ניט קיין קרעמערקע, זי מעסט דאָך נאָך ניט די פּאַקטן אירע מיט אַ „יאַרד־סטיק" פאַר די קונדן, און וועגט דאָך נאָך ניט אירע פּרינציפּן אויף אַ קאָ־מערציעלן וואָגשאָל, מורא־האָבנדיק פאַר היזק, חלילה, אין דעם מסחר.

און וואָס געפינט איר?

נו, מען קען ניט זאָגן, אַז זי איז אומערלאַך. זי, די פּאַרטיי אונזערע, איז בדרך כלל נאָך פריי פון די שמוץ־פלעקן, בלוט־פלעקן און פעטס־פלעקן, וואָס איר געפינט אויף די גרויסע פּאַר־טייען און זייערע פּאָנען.

אָבער פאַרקנייטשט זי דאָס גאָר דעם אמת קיינמאָל ניט?

קערט זי קיינמאָל ניט אָפּ דעם קאָפּ פאַרבייגייענדיק זאַכן, וואָס איר ווילט זיך ניט זען? קאָמפּראָמיטירט זי זיך דאָס קיינמאָל

*) פון 1916.

www.libtool.com.cn



ניט מיט ערגעץ אַ קאָמפּראָמיס? לאָזט זי דאָס נאָר קיינמאָל ניט דורך דאָס און יענעם ביי זיך, וואָס זי וואָלט ביי די גרעסערע פּאַרדאַמט מיט אַ גאַנצער תוכחה?

אָט לאָמיר, אַ טשיקאַוועס, אַ קוק טאָן.

זעט איר דאָרטן אַ געזעמל אין סאָפּאָלק סטריט, קאָרנער גרענד? קומט צו אַ האָרעלע נעענטער... קומט צו? וואָס האָט איר קיין צייט ניט. דער מסחר וועט ניט אַנטלויפן...

דאָס רעדט דאָ אַ יונגערמאַנטשיק, לעבן אים די האַנט מיט דער פּאַקעל, נאָענט ביי אים געגאַסן און פריינט, אונטער אים די פּאַרטיי-פּלאַטפאָרם, אַ י ן אים דער סאָציאַליסטישער גייסט.

ער מיינט, חלילה וחס, קיין בייז ניט, אָבער זיינע פּאַקטן זיינען איבערגעטריבן, זיינע משלים הינקען אונטער, זיין לאָגיק איז ניט שטרייגג אויסגעהאַלטן און דער גאַנצער בנין, וואָס ער בויט מיט ווערטער, שטייט ניט אויף קיין מאַרקסיסטישן פונדאַמענט, דעם איינציקן סאָלידן, נאָך אייער מיינונג.

איר הערט אים, די פּאַרטיי הערט אים און דער געזעמל אַרום אים הערט אים. וואָס פּאַסירט? וואַרפט איר אים אַראָפּ פון דעם זייף-קעסטל? זידלט איר אים גוט אָפּ? און וואָס טוט די פּאַרטיי? וואַרפט זי אים אַרויס פון איר מחנה? און וואָס טוען די געגאָסן און פריינט? נעמען זיי אים אפשר אויפ'ן צימבל? אָסור אַ האָר!

דער יונגערמאַנטשיק איז אונזערער... פּראָפּעסאָרן קענען מיר אויף זייף-קעסטלאַך און אויף פּושקאַרטס אין גרענד קאָרנער סאָפּאָלק ניט אוועקשטעלן... און אגב מיינט ער גוט... ער רעדט מיט התלהבות... מיט היץ.. נו, פּאַררעדט ער זיך, כאַפּט ער אַמאָל איבער די מאָס... איז ביי אים אַמאָל עפּעס איבערגעזאַלצן און עפּעס ניט דערזאַלצן, איבערגעפּעפּערט, אָדער גאָר אָן פּעפּער... מאַלע וואָס? ס'טרעפט זיך. זע, זע! ווי „פּאַרטיקעלע" מען איז דאָס אביסל!

נו, און טאָמער וועלן די נעגנער אויף אים „לוויציען"? עט!

www.libtool.com.cn


קודם, הערן זיך די געגנער גאָר ניט צו ווען אומיצער רעדט אונ־טער דער האנט מיט'ן פאקעל, און טאָמער יאָ, איז ער דאָך אויף דעם א געגנער... וואָס ווילט איר, לויבן זאָל ער?

* * *

קומט אביסל ווייטער. א מאסמיטינג אין א האָל אין קלינטאָן סטריט. פינף רעדנער! שוין דוקא ניט קיין יונגע מאנטשיקעס. מענטשן, פארקערט, מיט בערד, מער ניט אָפגעגאָלטע.

איינער רעדט גוט, נאָר צו לאנג; אן אנדערער קירצער און ניט אזוי גוט; א דריטער קורץ און שאַרף, אָבער ניט צו דער פראגע; א פערטער גוט און ניט קלוג; דער פינפטער גאָר מיט אלע מעלות, אָבער דער עולם צעגייט זיך שוין... צו שפּעט, מען דאַרף מאָרגן גיין אַרבעטן.

דער עולם האָט יעדן אפּלאָדירט, דער עולם איז אונזערער און די רעדנער זיינען אונזערע, און זייערע דרשות קומען פון אונזער „ילקוט"...

אָבער איז זיי, די צוהערער,מיין איך, דאָס גאָר ניט, קיין שום זאך ניט קשה געווען? באַרימען מיר זיך דען ניט דערמיט, אז אונזערע דרשנים זיינען ניט קיין פריידיגער, וואָס קענען זאָגן די ווילדסטע ניט-געשטויגנקייטן און ניט־געפלויגנקייטן און איר טאָרט ניט אריינריידן? און דאָ שטעלט מען פאָר איין רעד־נער נאָך דעם אנדערן און ווען עס קומט צום פרעגן א קשיא, איז כמעט שוין מאָרגן פרי, און מען פאלט שוין אויפ'ן נאָז, און דער דזשעניטאָר האלט ביים אויסדרייען די ליכט, די עלקטרישע... און פון יענער זייט גאַס וועט מען באלד שוין קלאַפּן צו סליחות ביי דער חברה „כל המרבה לספר" אנשי פאָלומישאַק.

* * *

און אָט איז א בוכהאנדלונג. שוין פארמאכט, זאָגט איר? שטות, אויף א מעשה פרעגט מען קיין קשיא ניט.

זעט איר אָט די גאנצע פּאָליצע מיט ענגלישע ביכער ארויס־געגעבן פון א ו נ ז ע ר ע מענטשן? א גאנצע ליטעראַטור,

www.libtool.com.cn



ניין ? גלויבט מיר, מיט דער אויסנאַם פון אַ האַלבע טוץ, זיינען זיי ביכער וואָס זייערע מחברים זיינען ניט קיין אַנערקענטע מומחים. מאַנכע פון דער מאַסע ספרים זיינען זייער רוי, מאַנכע — ניט פיל — האָבען אויף זיך דעם פּרצוף־פּנים פון פאַבריר־צירטע סחורה... אין אייניקע געפינען זיך... נאַר, לאָז זיין! צו וואָס זיך מאַכן שונאים צווישן די אומות העולם אויך ? גענוג וועט זיין פאַר היינט, אַז קיין איינציקער פון די אַלע ספרים האָט ניט געהאַט איבער זיך קיין שום ערנסטע קריטיק ניט פאַר'ן דרוקן ניט נאָכ'ן דערשיינען... ארויסגעגעבן און פאַרטיק! און טאַקע אַזוי, פון וואַנען זאָל זיך נעמען די קריטיק ? אין אונזער לאַגער איז דער מחבר אַן איינגענער מענטש, אַ פּאַרטיי-טוער, אַמאָל איינער מיט אַן אָפענער האַנט אין פאַלן וואו ערגעץ־וואו איז ענג אין מוח. און אַגב איז דאָך דער בוך שוין דערשינען, די קריטיק קען אים ניט מאַכן ניט־געדרוקט... צו וואָס זיך איינ־רייסן מיט אַ „גוד־באַי“ ?

פון וואַנען דען זאָל די קריטיק קומען ? פון דעם געגנערישן לאַגער ? נו, אַזא קריטיק וואָלט קיין רושם ניט מאַכן. און אַז אַ צורר־הסאָציאַליסטן רייסט עם אַרונטער, וואָס באַדייט דאָס פאַר אונז ? און אַז ער איז פריינטלאַך, מער ניט ער גיט אונזער פריינט אפשר אַן עצה זיך ניט צו שטאַרק צו שפּאַרן אין דרוק אַריין, איז וואָס ?

„די עצה, וואָס דער שונא גיט אונז,
„האָט פאַר אונז קיין נוצן ניט,“
זאָגט דער אַלטער קרילאָוו.

איי, דער אמת ? איז ער דען אַנדערשוואו דאָ ? אָט טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס שטייט אויף אַ כופר בעיקר, ווי, למשל, עדוארד בערנשטיין, און ער לאָזט אַריין זיין רידל אונטער דעם סאַמע פונדאַמענט פון אונזער טעמפּל און גראָבט ביז די ווענט הויבן אַן

www.libtool.com.cn



צו ציטערן... סיידן אפשר אין אַזאַ פּאַל, גייט אַלצדינג אַוועק שטיל און רואיק און מען מעג אַפילו אין דייטשלאַנד שרייבן אָן מורא פאַר קריטיק, איבערהויפּט ווען די ביכער דערשיינען אין דעם פּאַרטיי־פּאַרלאַג.

און דאָרטן האָט דער אויבערשטער אונז געהאָלפן און די פּאַרטיי איז בנוגע צו טעאָריעם און טאַקטיק שוין לאַנג געשפּאָלטן. דער ראַדיקאַלער לאַגער פּאַסט אויף אויפ׳ן רעוויזיאָניסטישן און פאַרקערט. דאָרטן קען קאַוטסקי קריטיקירן כדבעי בערנשטיינען און מויערנברעכער קאַוטסקי׳ן, און היינריך קונאָוו מויערנברע־כער׳ן און אַזוי ווייטער. מיר אָבער זיינען — האָב נאָך א האָר געזאָגט: ליידער — פּאַראייניקט, איין גוף און איין נשמה, און ערנסטע דיפערענצן, אַפילו ווען זיי זיינען פאַראַן, ווערן אויס־געפּאָכטן דורך קורצע „שטימען פון פאָלק“, וואָס ווערען פאַר־געסן אַזוי גיך ווי זיי פאַרהילכן אין דער צייטונג, וואָס דער „גאַרבעדזש־פּייל“ פאַרשלינגט...

אָרעמער אמת, אָרעמע קריטיק!

* * *

און דאָס אַלץ איז נאָך אין א גרעסערער מאָס דער פאַל ביי קליינינקע, ווען אויך עלטערע פּאַרטייען, ווי למשל, ביי דער ס. ל. פּ. וואָס וויניקער א פּאַרטיי האָט שרייבער און רעדנער און טוערס, אַלץ מער וועט זי פאַרהיטן, עס זאָל, גאָט באַהיט, אויף זיי א שטויב ניט פאַלן; אַלץ מער וועט זי מאַכן קאָמ־פּראָמיסן מיט — אָדער, אויב איר ווילט, געגן — דעם אמת.

מען זאָגט דאָ אין אונזער געבענטשטער מדינה: „וואָס איז די קאָנסטיטוציע צווישן פריינט?“ און טאַקע וואָס? זיכער ניט מער ווי דער על־חטא אין אַן אַמאָליקער רוסישער קאַזאַרמע. און דאָס זעלבע מעגט איר זאָגן בנוגע צו זעלבסט-קריטיק אין פּאַרטייען. און דערצו דאַרפן זיי אַפילו קיין פּאַרטייען ניט זיין. דאָס איז קיינמאָל ניט געווען בעסער, למשל, אין קליינע אַנאַר־כיסטישע גרופּן, וואָס גיבן אַרויס פעריאָדישע, אָדער ניט-פּעריאָדי־

www.libtool.com.cn



שע ליטעראַטור. ביזטו אַן אייגענער מענטש, מעגסטו טאָן וואָס דו ווילסט, שרייבן ווי דיין האַרץ גלוסט, אונטערטאַשן זשורנאַליסטישע קאָרטן מעשה שולער, כדי אַרויסברייינגען פאַקטן אַזוי אַז זיי זאָלן אויסזען אַזוי ווי דו ווילסט אַ זיי זאָלן אויסזען.

מען וועט זיכער געפינען אַזאַ צושטאַנד אין ציוניסטישע, טעריטאָריאַליסטישע און אַנדערע קרייזן. קריטיק לגבי דעם געגנער? אפשר... ווען עס איז קיין אַנדער אַרבעט אונטער דער האַנט ניטאָ. זעלבסט־קריטיק — דאָס, ברודער־לעבן, איז שוין אַ גאַנץ אַנדער זאַך.

פיל, פיל איז דאָ וועגן דעם צו ריידן, אָבער עס ווילט זיך נאָך אַלעמען היינט ניט „גראַמבלען" צופיל.

לאָז זיין אַ סוף. נאָר ווען איר טראַכט מכח אמת און קריטיק, נעמט אַריין אָט די קליינע לידעלע:

דער העלפאַנט איז שטאַרק,
און שטאַרק איז דער קאַרק
פון אים, וואָס פאַרשלינגט
גאָר די עופות פון מאַרק;
קריטיק נאָר איז שוואַך,
שיסט שאַרף און פאַלט פלאַך,
ווערט גיך וואָס נאָך סוכות
פון סוכה דער סכך.

1טן אַפּריל, 1917.

www.libtool.com.cn

# אַ גאָט

יאַ, אַ גאָט! מיר פעלט אַ גאָט...

אָבער, זאָגט איר, איך האָב אײַך דאָך שוין אָנגעהאַקט אַ פּולן מוח װעגן דעם, אַז אמונה פעלט מיר?

דאָס איז ניט דיזעלביקע אָך. אַ מענטש קען האָבן אַ גאָט אָן אַן אמונה און אַן אמונה אָן אַ גאָט.

אונזערע אבות אבותינו אין די אַלטע צײַטן אין יהודה און אין שומרון האָבן געהאַט אַ גאָט אָן אַן אמונה. פון תורת משה האָבן זײ ניט געװאוסט: די תורה איז ערשט שפּעטער אױפגע־קומען. פון איר האָבן אַפילו די עלטערע נביאים (עמוס, הושע, ישעיה, מיכה) ניט געװאוסט, און די צען שבטים, די פאַרלאָרענע, זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען, ניט האָבנדיק געהערט פון די 613 מצות, װאָס געפינען זיך הײַנט אין אונזער חומש. ערשט אַ גאַנץ קורצע צײַט פאַר'ן ערשטן חורבן איז „אַנטפּלעקט" געװאָרן אַ ספר תורה אין דעם בית המקדש, און דאָס איז געװען דער ספר דברים, דוקא דער לעצטער פון די פינף חומשים.

הײסט עס, זײ מיט 2,500 ביז 3,000 יאָר צוריק האָבן נאָך קײן אמונה ניט געהאַט, זײ האָבן אַפילו אַזאַ װאָרט ניט געהאַט אין זײער לשון, אָבער אַ גאָט האָבן זײ געהאַט. אין זײַן נאָמען האָבן די גרױסע מאָראַל-פּרײדיגער, די גרױסע מענטשן־פרײַנט, די גרױסע שלום־פּראָפּאַגאַנדיסטן, די גרױסע פּאָעטן, װעלכע מיר רופן נביאים, גערעדט און געפּרײדיגט מענטשנליבע, פעלקער־רעכט, האַס צו פאַלשקײט און אומרעכט און עקספּלואַטאַציע פון'ם מענטשן דורכ'ן מענטשן.

זײ, די נביאים אונזערע, האָבן ניט געזאָגט: „טוט דאָס, אָדער טוט נ י ט יענעס, מחמת אַזױ שטײט געשריבן אין דעם־און־דעם פּסוק, אין דעם־און-דעם קאַפּיטל, אין אַזאַ־און־אַזאַ ספר פון משה'ס תורה". נײן, דערפון האָבן זײ גאָר ניט געװאוסט.

www.libtool.com.cn



זיי האָבן גערעדט אַלס דירעקטע שלוחים פון גאָט, אין זיין נאָמען, מסתמא אָננעמענדיק, אַז די דערהאַבענע געדאַנקען און שטאַרקע געפילן, וועלכע זיינען געווען אַזוי פרעמד פאַר די פאָלקס־מאַסן און וואָס זיי אַליין האָבן זיי אין קיין שום בוך ניט געלייענט, פון טאַטן־מאַמען ניט געהערט, פון קיין רבי'ן ניט געלערנט, מוזן זיי זיין געקומען פון דעם רוח הקודש, וואָס זיי האָבן גערופן גאָט, אידישער גאָט, דער גאָט פון יהודה און ישראל. קיין שום פאַר־מעט, באַשריבן מיט פירקאַנטיקע אותיות, איז אין זייערע הענט ניט געווען, נאָר מורא'דיק שטאַרקע געפילן אין זייערע הערצער האָבן זיי געהאַט, און אומגעהויער הויכע, ליכטיקע, פיל־פאַרביקע בילדער האָבן זיי פאַר די אויגן געזען, און טיפע, גרויסע געדאַנקען האָבן אָנגעפילט זייערע מוחות, און ווייטער גאָר ניט.

פון וואַנען האָבן זיך די דאָזיקע געדאַנקען, בילדער און גע־פילן צו זיי גענומען? פון גאָט, פאַרשטייט זיך, פון דעם גאָט, וואָס האָט זיי געמאַכט, — זיי, צוזאַמען מיט'ן דונער, מיט'ן בליץ, מיט די הימלען אויבן און דעם תהום אונטן, און זיי זיינען געקומען און האָבן געזאָגט צו זייער עולם: „כה אמר ה' צבאות", אַזוי האָט גאָט געזאָגט, אַזוי רעדט דער גרויסער שוץ־גייסט פון יהודה און ישראל.

אָבער קיין אמונה איז אין יענע צייטן ניט געווען, ניט ביי די נביאים, און ממילא ניט ביים פאָלק.

געווען איז אַ גאָט. געווען איז אפשר אויך אַ לעגענדאַרישער משה מיט אַ ברודער אהרן, ווי עס איז אפשר געווען אַן איבער־גענומענע טראַדיציע פון עלטערן און אור־עלטערן מכח דעם, אַז אַמאָל אין דעם גרויען אַלטערטום איז פאָרגעקומען אַ יציאת מצרים. אָבער דאָס האָט ניט פאַרנומען קיין שום פלאַץ אין דעם פאָלק'ס לעבן און שטרעבן, אין זיין ווירקן און דיינקען, דערצו האָט ניט געפאָדערט קיין אמונה; דאָס איז געווען אַן איבער־ליפערונג וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס אידישע פאָלק איז באַזעצט געוואָרן אויף זיין לאַנד, אַזאַ איינפאַכע זאַך, ווי יעדן מענטשנ'ס

www.libtool.com.cn


געבורט, וועלכע גויטיקט זיך ניט אין קיין געבורטשיין כדי צו זיין א פאקט.

אָבער א גאָט איז געווען, דער אידישער גאָט. און ער האָט געהאַט, אין די אויגן פון דעם פאָלק, א שטאַרקן קאָנקורענט: דעם גאָט בעל פון צדון. און דער דאָזיקער בעל, דער גאָט פון אן עלטערער, אין ציוויליזאַציע עלטערער, מדינה האָט געהאַט אזוי שטאַרק פאַרנומען די מוחות אין שומרון און ירושלים, אז די נביאים, מיט זייער גאַנצער רעדנער־קראַפט, מיט זייער גאַנצער התלהבות, האָבן ניט געקענט די אידן אָוועקנעמען פון זייער בעל־דינסט, חוץ אויף קורצע צייטן אונטער אַזעלכע קעניגן, ווי חזקיה דער זון פון אמציה. יהוה׳ס זיג איבער בעל איז געקומען ערשט אין גלות בבל, גאָר אין גאַנצן אפשר ערשט אין דער צייט פון די חשמונאים.

שפּעטער, פיל שפּעטער, ווען יבנה מיט איר אַקאַדעמיע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ציון מיט איר פעסטונג; ווען ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס כתר תורה האָט געשיינט דאָרטן וואו עס האָט פריער זיך געזען אין איר גלאַנץ דעם קעניג׳ס קרוין, דער כתר מלכות, — ערשט דאַן האָבן מיר געהאַט אַן אמונה, אָבער...

אָבער דאַן איז שוין קיין גאָט ניט געווען, ניט דער פריער־דיקער גאָט, ניט דער גאָט פון טאַטן, פון מלחמות, פון נסים און נפלאות, ניט דער גאָט, וועלכן אליהו דער תשבי האָט רעפּרע־זענטירט. דער נייער גאָט (אונטער דער אַלטער פירמע און דעם אַלטן נאָמען) איז איצט געווען ניט מער ווי א גאָט אין הימל, א „יושב בסתר עליון“, א גאָט, וואָס האָט רעגירט טאַקע איבער דער גאַנצער וועלט, אָבער האָט זיך שוין ניט מער אריינגעמישט אין אידישע פאָלקס־אַנגעלעגנהייטן, האָט אידן מער ניט באַשיצט געגן זייערע שונאים, האָט ניט מער געקעמפט פאר זיי געגן פאַר־פאָלגער און פאַרניכטער, ווי יענער גאָט אין אַלטע צייטן.

און זיינע פּריסטער זיינען שוין ניט מער קיין העלדן, זיי זיינען וואויל־לערנער. אין עקיבא בן יוסף האָט צום לעצטן מאָל

www.libtool.com.cn



אויפגעפלאַקערט דער קאַמף־פייער, וואָס האָט זיך נאָך געשמיל־קעט אין דער אַש פונ'ם חורבן און איז באַלד אין גאַנצן פאַר־לאָשן געוואָרן.

און דער גאָט, וואָס איז אַראָפּ פונ'ם שלאַכטפעלד און האָט זיך באַזעצט אויפ'ן פּאַרמעט, האָט געהאַט אותיות-קלייבער, סים־טעמען־בויער, פּסוקים־פּאַרטייטשער פאַר זיינע פאַרטרעטער אויף דער ערד. גרוים זיינען זיי געווען און מוחות האָבן זיי געשאַרפט, אָבער זיי זיינען געווען ניט דאָס, וואָס די אַמאָליקע נביאים. זיי זיינען געווען מלמדים און ראשי ישיבה, וואָס האָבן פיל געטאָן פאַר דער בילדונג פון דער מענטשהייט — צי אונזערע אפּיקורסים פאַרשטייען עס, צי ניט — אָבער מלמדים און פּראָפעסאָרן, ניט מער. זייער קאַמף, וואו זיי האָבן אַזעלכן געהאַט, איז אויסגע־פאָכטן געוואָרן ניט אין פעלד, נאָר צווישן די פיר ווענט פון דעם בית המדרש.

אַזוי זיי, אַזוי זייער גאָט.

* * *

מיין פאָטער איז מיט דעם דאָזיקן גאָט געווען צופרידן. ער איז אויפגעוואַקסן, האָט זיך געהאָדעוועט און אויסגעלעבט זיינע יאָרן מיט דעם דאָזיקן גאָט. ער און זיין דור האָבן ביידע ניט געוואוסט, אַז געטער, ווי מענטשן, ווי אַלע אַנדערע ברואים אויף דער וועלט, אַנטוויקלען זיך, בייטן מיט די צייטן זייער געשטאַלט און זייער וועזן. ער און זיין דור האָבן ניט געוואוסט, אַז אין הלל הזקנ'ס צייט איז שוין ניט דיינקבאַר אַ גאָט, וואָס לאָזט אויסראָטן פעלקער כדי צו נעמען זייער לאַנד פאַר זיין פאָלק; צו ברייננגען אַלערליי מכות אויף גאַנץ מצרים כדי צו באַשטראָפן אַ טיראַן מיט זיינע סטאָליפּינ'ס, פּאָביעדאָנאָסצעוו'ס און מוראַוויאָוו'ס. אויך האָבן זיי ניט געוואוסט, אַז פון דעם לאָקאַלן גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב איז בּיסלאַכוויַיז, אפשר דורך אַ טויזנט יאָר און מער, געוואָרן אַ וועלט-גאָט, אַ וועלט-באַהערשער און וועלט־רעגירער.

www.libtool.com.cn


דער עיקר איז אָבער, אַז מיין פאָטער איז מיט דעם גאָט, ווי ער איז אים איבערגעגעבן געוואָרן פון דעם זיידן און יעם עלטער־זיידן און פריערדיקע דורות, געווען צופרידן. — ניט אַכטנדיק אויף אַלע אַנטוישונגען; ניט אַכטנדיק אויף פּאָגראָמען, עלילות־דם, רדיפות, אויסנאַמס־געזעצן, אַנטיסעמיטיזם און אַלע אַנדערע צרות, וואָס האָבן טעגלאַך, אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן, פאַרפאָלגט גאָט'ס אויסגעוויילטע אומה, האָט מיין פאָטער ניט אויפגעהערט צו גלויבן אין זיין גאָט. הגם זיין גאָט האָט שוין צוויי טויזנט יאָר לאַנג מער גאָר ניט געטאָן, וואָס זאָל קענען דעם גלויבן אין אים פאַרשטאַרקן, אָדער אַפילו אויפהאַלטן. פאַרקערט, אין די צוויי טויזנט יאָר האָט ספּעציעל דער איד אויף דער וועלט אַזוי פיל אַריבערגעטראָגן, אַז ענטוועדער זיין גלויבן אין גאָט האָט לאַנג שוין געדאַרפט זיין טויט, אָדער ערגעץ אַ טייוול האָט אים געזאָלט געבן די עצה וואָס איוב'ס ווייב האָט געגעבן איר אומגליקלאַכן מאַן: „ברך אלהים ומת“ (לעסטער גאָט און שטאַרב!) אין הוילער פאַרצווייפלונג.

אָבער פאַר מיר איז דאָס שוין פון דער ערשטער יוגנט אָן מער ניט מעגלאַך געווען. וואָס דער אמת זאָל ניט זיין וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט בכלל, זיכער איז פאַר מיר, אַז אַזאַ גאָט ווי דער פון די אָרגאַניזירטע היינטיקע אמונות איז ניט מעגלאַך, איז פאַר דעם שכל הישר ניט דיינקבאַר. טאָמער האָט זיך נאָך ווי עס איז ביז איצט געלאָזט גלויבן אין אים, איז די דאָזיקע אמונה אין די לעצטע עטלאַכע יאָר צעשאָסן, צעשמעטערט און עקספּלאָדירט געוואָרן פון אַלערליי האָוויצערס, לופט־שיפן, ים־מחבלים און זייערס גלייכן.

דער פּועל יוצא איז: מיין טאַטנ'ס גאָט ניט, און דער אמת'ער גאָט, אויב אַזוינער איז דאָ, איז פאַר מיר אומבאַגרייפלאַך. דערפאַר ער אויך ניט. טו וואָס בלייבט מיר? ערגער ווי אַליץ איז, וואָס מיר קומט פאַר דער אַבסאָלוטער אַטעאיסט גענוי אַזוי קינדיש, ווי דער אַבסאָלוטער בלינדער גלויביקער. צו זאָגן, אַז

www.libtool.com.cn


עס איז לחלוטין און איבערהויפּט קיין גאָט ניטאָ, איז ניט וויני־קער סתם אין דער וועלט אריין געפּלאָפּלט, ווי דאָס געגנטייל, ווי צו באהויפּטן, אז דער און דער גאָט, וועלכער איז אונזער גאָט, אי דאָ, איז געוועזן און וועט זיין.

די גאַנצע מאָדערנע וויסנשאַפט, וועלכע האָט אזוי פיל סודות אויפגעקלערט, האָט געלאָזן אָן אַן ענטפער די פראַגע: ווי אזוי די וועלט מיט אירע מיליאָנען וועלטלאַך, פון וועלכע אונזער וועלטעלע איז בלויז איינע, איז באַשאַפן געוואָרן. פון דער אנדערער זייט איז די דערקלערונג פון דער אמונה, אז גאָט האָט עס באַשאַפן, זייער נאַאיוו, ווייל זי לאָזט אָן אַן ענטפער די אנדערע פראַגע, וואָס מער ווי איין קינד האָט שוין געפרעגט: ווער האָט באַשאַפן גאָט?

קומט איר צו מיר און זאָגט:

היות, אזוי ווי, לויט נאָך אייערע רייד נאָך, זייט איר וואָס מען רופט אן „אַגנאָסטיק“, דאָס הייסט, אַ מענטש וואָס לייקנט ניט און גלויבט ניט, איינער וואָס זאָגט פשוט: איך ווייס ניט, — דאַרפט איר דאָך על פּי יושר זיין צופרידן צו לאָזן די אטע־איסטן פון איין זייט און די מאמינים פון דער אנדערער זייט זיך פאַרדרייען זייערע קעפּ.

דאָס וועט איר זאָגן מיינע און אייערע קינדער. זיי וועלן ענטוועדער ניט דאַרפן קיין גאָט, מחמת קיינעם פעלט ניט דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט, אָדער זיי וועלן זיך צורעכט־מאַכן אַ גאָט נאָך זייער „מאַשינאָוון“ סאָרט לעבן נאָך, און זיי וועלן זיין צו ביזי לעבנדיק, זיך איבערהויפּט וועגן אזעלכע זאַכן צו פאַרטראַכטן.

ביי מיר איז דאָס גאַנץ אַנדערש.

איך בין געבאָרן געוואָרן מיט אַ גאָט, האָב אים פאַרלאָרן, און איצט, קומענדיק צו דער... ווער ווייסט? אפשר דער פאָר־לעצטער, אפשר דער לעצטער סטאַנציע אויף מיין לעבנס־וועג, פילט זיך, אז עפּעס פעלט מיר אַ גאָט.

www.libtool.com.cn


און טאָמער פאַרשטייט איר ניט וואָס איך מיין, וועל איך אייך זאָגן:

עס קען זיין, אַז דאָס, וואָס מען רופט נאַטור, איז אַ מין געטלאַכקייט. עס איז מעגלאַך, אַז די נאַטירלאַכע אַנטוויקלונג, וועלכע גייט פאָר פאַר אונזערע אויגן דורך די טויזנטער זאַכן, וואָס אונזער אויג קען זען, וואָס אונזער שׂכל קען באַנעמען און אונזער האַרץ קען פילן, וועט אפשר דערגיין אַזוי ווייט, אַז אַלע זאַכן, וואָס זיינען היינט טונקל וועלן ווערן קלאָר... אָדער אויב ניט, איז די דאָזיקע אַנטוויקלונג אַליין אַלץ וואָס מיר וועלן ווען עס איז זען און דערמיט וועלן מיר זיך מוזן צופרידנשטעלן.

אויף דעם אופן וועלן מיר פאַרלויפיק מער ניט ווייסן ווי דאָס, וואָס מיר זעען מיט די שפּאַקולען פון דער ווייסנשאַפט אויף אונזערע אויגן. דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון אונזער וועלטעלע וועלן מיר ניט קענען גיבער מאַכן, יעדנפאַלס ניט פיל.

די דאָזיקע וועלט אונזערע איז אַ מין מאַשין, אַ ראָד אין אַ ראָד, מיט אַ געהיימער קראַפט, וואָס טרייבט די גאַנצע מאַכינאַציע. זי אַרבעט נאָך געוויסע באַשטימטע געזעצן, ניט האַס־טיקער, ווי זי קען און ניט לאַנגזאַמער. איר גאַנג קען אויך ניט אָפּגעשטעלט ווערן דורך אונזער מענטשלאַכן ווילן.

און דאָ פּאַסירט מיט אַמאָל, אַז אין דער דאָזיקער מאַשין האָט ערגעץ וואו געפּלאַצט אַ רעד, איז לויז געוואָרן אַ שרויף, און פון אַלע זייטן, שיינט עס, פאַלן זיילן, פּלאַצן קעסלען, ווערט אַלץ חרוב, גייט אַלץ אונטער.

וואָס טוט מען? טענה'ן צו דער מאַשין? זי איז מעכטיק צום בייזן ווי צום גוטן, אָבער זי איז שטום און טויב און בלינד; זי האָט ניט קיין האַרץ און קיין נשמה, זי האָט נאָר קראַפט און גייט נאָר אָנגעצווינגענערהייט. ווער עס האָט זי אָנגעצווינגן און וואו דער שליסל איז, דאָס ווייסט קיינער ניט. איצט גיי שריי: חי וקיים!

און דערווייל קערט זיך איבער אַ וועלט.

www.libtool.com.cn



דאָ בעט זיך אַ גאָט. אזוינער, וואָס קען אַ געשריי טאָן:
„ביז דאַנען און ניט ווייטער!" אזוינער, וואָס קען צוברעכן איינ־
געפירטע אָרדנונגען און וואָס איז מעכטיקער פאַר די נאַטירלאַכע
געזעצן.

און דאָ בעט זיך אַ גאָט, וואָס שטייט איבער דער נאַטור,
העכער ווי די נאַטירלאַכע אַנטוויקלונג; וואָס קען צוריקטרייבן
דעם שטראָם, אָדער אים פאַרשטאָפּן; וואָס קען, בקיצור, טאָן
וואונדער.

מיט אַזאַ וואונדערבאַרן גאָט בין איך אָנגעקומען אויף דער
וועלט. איצט ביים אַרויסגיין פיל איך, אַז אַזאַ וואונדערבאַרער
גאָט, מיט דער מאַכט אָפּצושטעלן רעדער און צו באַהערשן די גע־
היימע קראַפט, וואָס האָט אָנגעמאַכט אָט דעם גאַנצן חורבן, —
וואָלט מיר געקענט מיין זיי־געזונט מאַכן אַנגענעמער, אפשר אַנ־
גענעמער...

און ד ע ר גאָט פעלט מיר.

21טן פעברואַר, 1918

www.libtool.com.cn

# א העלד

דאָס איז געווען אין דעם הערבסט פון 1894, אויב איך האָב קיין טעות ניט. זיצנדיק איין פרייטיק נאָך האַלבן טאָג אין דער רעדאַקציע פון „אַרבעטער צייטונג“ (אין 91 דעלענסי סטריט) האָב איך דערזען אין דעם נאָר־וואָס פון דרוק אַרויסגעקומענעם נומער אַ געדיכט פון י. ל. פּרץ: „אויסגעשטאָרבן!“*)

---

*) פּרץ'ס „אויסגעשטאָרבן“ לייענט זיך אַזוי.

ווי אַ שטייג איז פול מיט עופות
און אַ מילגרוים פול מיט קערן,
בין איך פול אידעען, מעשות,
פּלאי פּלאים, קען איך שווערן.

מויל און אויערן אויפצושטעלן,
און צו בלאָזן אויף די נעגל!
טייל טראַגעדיעס ווי דער חורבן,
פול הרוגים — לויט דער רעגעל.

הומאָרעסקען און קאָמעדיעס
וויצן, פּאַרסן, פול עפעקטן.
און דראַמאַטן, און אידיליען —
האָניק זיסלאַכע קאָנפעקטן!

אויך ראָמאַנטישע אידייען,
קושן, האַלזן, גאָר אַן אוצר.
נעבל, שטראַלן, וואַסער, פייער—
אָ, כחומר ביד היוצר

איז ביי מיר אין האַנט די פעדער.
און עקספּראָמטע—ניט געקלערט;
און דאָס מאַך איך אַלץ גראַמען!
מיין פּעגאַזעס איז אַ פערד

וואָס באַגייט זיך גאָר אָן האָבער,
און כאָטש ער איז בעלאָדן שווער,
שיט ער פונקען ווי אַ קוזשניע
פון די פּאָדקאָוועס אַפער;

אין מיליאָנען שיט איך גראַמען,
ווי אַ פיש אין וואַסער רויגן!
וויל איך—רוישן זיי ווי גרעגער,
שרייען ווי די פיילנבויגן

אָדער ווי שאַמפּאַניער־קאָרקעס!
וויל איך—פליען זיי ווי טויבן,
באַלטעס'ר פעדערן! און קלינגען
ווי פּאָגראָם־געהאַקטע שויבן. —

און זיי פליען, יאָגן, טרייבן,
שפּילן, שפּריצן און מוסירן —
אַ פּאָעמאַ קען איך שרייבן,
זי זאָל שטיינער, פעלזן רירן.

עס זאָל קלינגען „גאַנץ קרוין פּוילן“ —
עס זאָל שאָקלען זיך די וועלט...
איך האָב גראַמען און אידייען,
ליידער האָב איך ניט קיין העלד!

www.libtool.com.cn



האָב עס דורכגעלעזן כמעט מיט כעס, און האָב אויפ׳ן שטעל אויפגעשריבן אַן ענטפער אין דעמזעלביקן ריטם, און א וואָך שפּעטער איז עס געדרוקט געוואָרן אויף דעמזעלביקן אָרט אין דער־זעלבער „ארבעטער צייטונג“, וועלכע פלעגט דאַן ארויסגעגעבן ווערן אַלע וואָך, הגם מיר האָבן שוין געהאַט א טעגלאַכע צייטונג. מיין ענטפער אויף פּרץ׳ס געדיכט האָט געהייסן: „זיי לעבן נאָך!“*)

---

אפשר ווייסט איר, בני רחמנים,
וואו איך קריג א העלד א פּיינעם?
כ׳האָב געשריבן אין גאַזעטן
און האָב געפרעגט ביי שכנים.

כ׳האָב געזוכט אַ־גּ אלע גאסן,
איך האָב אלע לייט פארהאלטן.
איינער גיט א דריק די פּלייצעס,
ווארפט א שארפן בליק א קאלטן...

און דער צווייטער לאכט אין פּנים.
„פוי“, פארקרימט זיך נאָך א דריט־
טער,
שיינע מיידכען זיפצן טרויעריק,
שיינע פרויען לאכן ביטער. —

נאָר גרייז גראָע זיי פארציילן:
אז די וועלט איז היינט פארדאָרבן..
א פּגירה איז געווען,
זיינען אלע אויסגעשטאָרבן!...

י. ל. פּ.

*) ווינטשעווסקי׳ס ענטפער „זיי לעבן נאָך“, לייענט זיך אזוי:

אלזאָ, ליבער, גוטער ברודער,
דו, וואָס האָסט אזא טאלאנט
אָנצומאכן א גערודער
צווישן אידן אלערהאנט

מיט גלייכווערטלאך, מיט געשיכטן,
מיט א וויץ, וואָס האָט א שפּיץ,
דו, וואָס דונערסט אין געדיכטן
און באלייכטעסט מיט דיין בליץ—

אונזער חושך, און לאַקאָניש,
שילדערסט אונז אַזאַ געשטאַלט
פון א אידעלע ווי „מאָניש“
אין פרוי לילית׳ס געוואלט —

דו באַקלאָגסט זיך, אז פארדאָרבן
איז לחלוטין היינט די וועלט,
אז עס איז שוין אויסגעשטאָרבן
גאָר אין גאנצן יעדער העלד?!

ניין, איך קען ביי זיך ניט פּועל׳ן
עס זאָל האלטן אזוי שמאָל
אין דעם „קעניגרייך פון פּוילן“,
וואו עס פלעגן אָן א צאָל

גרויסע העלדן זיך געפינען,
וועלכע האָבן זייער בלוט
שטאָלץ געלאָזן שפּריצן, רינען,
אונטער אלעקסאנדער׳ס קנוט.

www.libtool.com.cn



די מעשה דערפון איז געווען אזוי:

דאָס געדיכט, וואָס איך האָב געלייענט, האָט ארויסגעבראַכט די מיינונג אַז אַמאָל זיינען געווען העלדן, היינט זיינען זיי ניטאָ. דאָס האָט מיך אויפגערעגט קודם כל דערמיט, וואָס אין דעם איז

---

איז עס אָבער ווירקלאך ערגער
ווי מיר וואָלטן דאָ געגלויבט,
און דער גרויסער העלדן־ווערג׳ער,
האָט אזוי ווייט איך בארויבט,

אז אפילו אין דער דיכטונג
איז אין פוילן ניט פאראן,
אין קיין מענטשלאך פרייער ריכ־
טונג,
אויף קיין אופן ניט א מאַן.

וואָס זאָל קענען פיגורירן
אין פּאָעזי אלס העלד —
דאן, מיין ברודער, קום שפּאצירן
אין די גרויסע, נייע וועלט.

העלדן דאָ וועסטו געפינען מאסן
העלדן צווישן ארבעטס־לייט,
וועלכע אָפּפערן געלאסן
לייב און לעבן, אין׳ דעם שטרייט

מיט דעם באָס, דעם אונטערדריקער,
מיט דעם אונגעקרוינטן צאַר,
וועלכער שטרעבט צו ווערן דיקער
דורך די הענט וואָס בלייבן דאַר.

אָ, דו דארפסט זיי נאָר באטראכטן
דיזע בראווע ארבייטס־לייט,
ווי זיי קעמפן אין די שלאכטן,
האנט אין האנט, און זייט־ביי־
זייט

אָן געווער, אָן גענעראלן,
זייער אָפט אויך אָן פּראָוויאנט,
פאר פּרינציפּן, אידעאלן,
מיט די הוילע דארע האנט.

ווי זיי ווערן גיך איין גאנצער
גרויסער פאָלק, בערייט צום קריג,
מיט דער פרייהייט פאר א פאנצער,
שרייענדיק „טויט אָדער זיג“.

ווי זיי גייען און מאַרשירן,
יונג און אַלט, מיט ווייב און קינד,
געגן רויב צו פּראָטעסטירן,
געגן גיהנום׳ס הויזגעזינד.

אָ, או דארפסט זיי נאָר באטראכטן,
דיזע קעמפער אָן געווער,
אין דעם לאַגער וואו זיי שמאכטן,
אָדער שטאָלץ אויף יוניאָן סקווער.

און דו וועסט ניט בעטן שכנים,
אָדער מענטשן אויפ׳ן גאס,
דיר א העלד צו געבן איינעם,
ווען דו האָסט א גאנצן קלאס:

און דיין שיינע, קלוגע מוזע
וואָלט געפונען אויפן פעלד,
אין א פּראָלעטאריער־בלוזע,
אין דעם פאָלק א וואַרען העלד.

מ. וו.

www.libtool.com.cn



פאַר מיר געווען א פאַרהערלאַכונג פון די "גוטע, אַלטע צייטן„. עפּעס האָט עס מיר געשמעקט מיט יענער באַהויפּטונג אין דער גמרא, אַז „אויב די אַמאָליקע זיינען געווען מלאכים, זיינען מיר בלויז מענטשן, און טאָמער זיינען יענע אויך געווען ניט מער ווי מענטשן, דאַן זיינען מיר אייזלען און אפילו ניט אַזעלכע ווי דער אייזל פון ר' פּנחס בן יאיר". איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר א רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט, לייקענענדיק דעם פּראָגרעס פון דער צייט. אין אמת'ן איז די מענטשהייט כסדר געגאַנגען פאָרווערטס אין אַלע הינזיכטן, אפילו אין דעם פרט פון לאַנג לעבן, וואָס מען זאָל ניט דערציילן וועגן מתושלח'ס יאָרן, א פּשיטא שוין אין שכל.

און דער שטאַנדפּונקט, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ענטפער איז געווען, אַז העלדישקייט קען ניט זיין אויסגעשטאָרבן, נאָר, פאַרקערט, געשטיגן און אויסגעוואַקסן, ווען מען באַרעכנט וויפיל מוט, וויפיל אחדות, וויפיל מסירת־נפש דער אַרבעטער קלאַס אליין ווייזט אַרויס כמעט טאָג־טעגלאַך אין זיין קאַמף געגן קאַפּיטאַל.

דריי און צוואַנציק יאָר זיינען אַוועק זינט יענער צייט. ניט בלויז שטיי איך היינט נאָך אויף יענעם שטאַנדפּונקט, נאָר מיין ענגערע פאַרבינדונג מיט אונזערע יוניאָנס, ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן, האָט מיך מיט דעם דאָזיקן אמת געבראַכט מער ווי איינמאָל פנים אל פנים. זייער — די סטרייקערס — מוט און העלדישקייט זיינען אָפּט גרעסער נאָך דערמיט, וואָס זיי קומען פאַר אָן סענסאַציעס, ווערן זעלטן באַשריבן און זעלטענער באַזונגען.

איך האָב געזען אַרבעטער אין סטרייק אונטער די שווערסטע אומשטענדן, פּיקעטנדיק שעפּער מיט אמת'ע געפאַרן פאַר די אויגן, בעת אין דערהיים זיינען געווען פרויען, קינדער, טאַטעס אַלטע און מאַמעס, אַפּהייניגיק פון די „פּאָר סענט", וואָס דער סטרייקער פלעגט אין רואיקע צייטן פאַרדינען. איך האָב זיי געזען אויסגעהונגערטע, מיט אויסגעמאַטערטע פּנים'ער, מיט איינגעזונקענע אויגן, געבויגן פון דלות און דאָך אומגעבראָכן אין מוט און אַנט־

www.libtool.com.cn



שלאַסנהייט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַזאַ עולם אין פילאַדעלפיע אין דער צייט פון גרויסן קלאָוקמאַכער סטרייק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פולע 26 וואָכן אין יענער שטאָט. איך וועל שטענדיג האָבן פאַר די אויגן דאָס בילד פון דער דאָזיקער מאַסע, בעת איך בין געשטאַנען געגן זיי און האָב זיי געגעבן טרייסט און האָפענונג און אַ צוזאָג אויף הילף פון ניו יאָרק. אמת, מאַנכע פון זיי האָבן, קענטיק, ניט געהאַט מער קיין אמונה אין אונז, אַנדערע זיינען געווען צו פאַראומערט צו הערן און פאַרשטיין און גלויבן וואָס מען רעדט צו זיי. אָבער די מאַסע, אַלס אַ גאַנצע, האָט אויסגעזען גרייט אַלצדינג אריבערצוטראָגן, אַלצדינג דורכצומאַכן, אַלע געפאַרן צו באַגעגענען און צו טראָגן; בקיצור, די מאַסע אַלס אַ גאַנצע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ העלד מיט הונדערטער קעפּ.

און דאָך... גוטער, גרויסער פּריץ, איך האָב שטאַרק מורא, אַז גערעכט ביזטו געווען, ניט איך. די העלדן זיינען, דאַכט זיך, טאַקע אויסגעשטאָרבן, און וואָס היינט לעבט איז בלויז העלדישקייט אין דער מאַסע: אַ רענדל אַ גילדערנער, אויסגעביטן אויף גריוונעס, צענערלאַך, דיטקעס, קאָפּיקעס און גראָשנס. אַז אַ גאַנצער הויפן זילבער און קופּער אין צוואַנציק הענט איז נוצלאַכער ווי איין קליין שטיקל גאָלד, וואָס מען רופט אַ רענדל, אין איין איינציקער האַנט, איז קיין שום ספק ניטאָ. פון דעסטוועגן איז אַ רענדל אַ מטבע מיט חן, מיט גלאַנץ, מיט אַ ווערדע אין מענטשנ׳ס אויגן, בעת אַ הויפן קליינגעלט זעט זיך אָן אַלס עפּעס נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון נוצלאַכקייט. אויך איז דאָס גאָלד־שטיק מער ווי אַ שטיקל גאָלד, הגם עס ווענט ניט מער, ווייל עס האָט אַ פּנים, אַ כאַראַקטער, וואָס דאָס שטיק גאָלד האָט ניט אין זיך. אויף דעם זעלבן אופן איז צוואַנציק קלענערע און אין אַ מאַסע סטרייקער אויסגעביטן אויף צוואַנציק קלענערע און גרעסערע פּיקעטס פון קלאָוקמאַכער (צווישן וועלכע עס וואַרפט זיך אַמאָל דורך אַן אייב קאַפּלאַן, ווי דער דערמאָנטער סטריי-

www.libtool.com.cn



קער אין פילאַדעלפיע), אָבער קיין זשעליאַבאָוו איז דאָס ניט.

איך ווייס, איך ווייס... וואָס איז דאָ צו ריידן? די צייט איז ניט מסוגל דערצו. העלדן זיינען אויך זעלטענער אין מאַסן־באַוועגונגען ווי אין קליינע גרופּן־אַקציעס. די דעמאָקראַטיע איז אויך דאַגעגן. ווער ווייס דאָס ניט.

איך ווייס, די דעמאָקראַטיע האָט אַלץ געמאַכט צו קליין־געלט, ווייל זי האָט צעפּיצלט און צעברעקלט די אוצרות די אַמאָליקע, כדי אַז יעדער מענטש זאָל קענען האָבן זיין חלק.

ביי איר, ביי דער דעמאָקראַטיע, איז רעכט, אַז עס זאָלן זיין וויינציקער שפּינאָזאַס, קאַנטס, מאַרקסעס, כל זמן יעדער אַפּע־רייטאָר „ביי קלאָוקס" האָט געדאַנקען אין מוח און קען לייענען אַ ספר ווען ער וויל. פון אירטווועגן מעג אַוועקגיין נאָך אַ הונ־דערט יאָר ביז עס וועט אויפקומען אַן אַנדער מאָצאַרט, אַן אַנדער בעטהאָווען, אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ גענוג מוזיק פאַר מיידלאַך, וואָס האָבן קול'כלאַד און וואָס צימבלען אויף אַ פּיאַנאָ אין יעדער הויז, — אַ כפרה די שכנים מיט זייערע ניט־פאַרשטאָפּטע אויערן! אויך קימערט ניט דער דעמאָקראַטיע וועגן דעם, צי עס איז היינט פאַראַן אַ רובענס, אַ ראַפּאַעל און אַנדערע אַזעלכע גאונים אין דער מאַלעריי, כל זמן יעדעס הויז, אַפילו אין די טענעמענטס פון משערי סטריט, האָט אויף די ווענט בילדער פון טאַטעס, מאַמעס, קרובים, אַ פּאָר „פּרינטס" פאַרשטעלנדיק לאַנדשאַפטן און לעבנס־סצענעס, ליבע און ליידנשאַפט, ליכט און שאָטן, פּלייצעס און פּאָלקעס.

און דיזעלביקע דעמאָקראַטיע קומט אויס אָן שעקספּירס, אָן איבסענס, אָן מאָליערס און אָן קאַלדעראָנס, אַבי דער גרויסער עולם האָט „סקעטשעס" אין וואָדעוויל הייזער, ביליקע „מואַוויס" און אידישע באַלאַגאַנעס, וואו אַמאָליקע אַקטיאָרן לעבן היינט אויס זייערע יאָרן, כלומרשט שפּילנדיק פּיעסן.

אויף דעמזעלביקן אופן האָט די דעמאָקראַטיע אויסגעביטן די גרויסע טורגעניעוו'ס, דאָסטאָיעווסקי'ס, דיקענס'עס, הוגאָ'ס,

www.libtool.com.cn



שפּילהאַגענ׳ס, — יעדן פון זיי אויף הונדערטער קליינע סקיצן־שרייבער פאַר זשורנאַלן און צייטונגען, וואו מען גיט פאַר 15 סענט אַ מאָנאַט, אָדער פאַר אַ פּעני (ווי ביז איצט) אַ טאָג שלעכטע מעשיות מיט אַ גוטן סוף, דערציענדיק גוטע בירגער פאַר אַנקל סעם און זיין מדינה, מענטשן, וואָס דאַרפן זיך מאַכן ניט ווּיסנדיק, אַז עס זיינען דאָ ערנסטע זאַכן אין לעבן.

צו וואָס איר זאָלט זיך ניט כאַפּן, געפינט איר, אַז די דעמאָ־קראַטיע האָט אָפּגעשאַפט די אַריסטאָקראַטן פון .פילאָזאָפיע, מוזיק, מאַלעריי, דראַמע, ליטעראַטור; די גרויסע, די זעלטענע, די, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַ יחיד בדורו, אַ קאַנדידאַט פאַר אייביקייט פאַר אומשטערבלאַכקייט, כדי זייערע טאַלאַנטן אויסצובייטן אויף הונדערטער טאַלאַנטלאַך, וואָס זאָלן קענען פאַרשפּייזן די גרויסע, גרויסע מאַסע, געבנדיק דעם עולם, דעם גאַנצן גרויסן עולם, זיין טעגלאַכע פּאָרציע גייסטיקע קענדי, זיינע קינסטלערישע „לאָלי־פּאָפּס“, ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע „רעג־טיימ“.

דאָס איז אפשר ווי עס באַדאַרף צו זיין, כל זמן ווי די דעמאָקראַטיע איז וואָס זי איז איצט; כל זמן די וועלט בלייבט אַ מאַרק און די מוזעס בלייבן קרעמערקעס, און אַלץ ווערט גע־שאַצט מיט געלט, געוואוינגן און געמאָסטן אויף דעם וואָגשאָל און מיט דער מאָס פון פּראָפּיט.

אָבער ווי דאָס זאָל ניט זיין, דער פאַקט בלייבט, אַז די העלדן האָבן ביי אונז קיין אָרט ניט, ניט די העלדן פון דער קונסט און דער ליטעראַטור, ניט יענע פון׳ם קאַמף.

און מיר פעלט דער העלד. דער דור פאַר מיר האָט אים געהאַט, און דער דור נאָך מיר וועט אַזוינס אפשר האָבן. איך האָב אים ניט.

מיין לאַסאַל, למשל, איז היינט אָפּגעביטן אויף טויזנטער „סטאָמפּ ספּיקערס“, און מיין בערנע — אויף טויזנטער אַרטיקל־שרייבער. דאָס דאַרף געווים אַזוי זיין. דערצו האָט מען טאַקע

www.libtool.com.cn



באַדאַרפט אַ לאַסאַל מיט אַ בערנע, כדי אַז עס זאָלן מיט דער צייט פון זיי ווערן אַ סך לאַסאַלכעלאַך און בערנעטשקעס. אָבער מיר פעלן מיינע העלדן. די מאַסע קליינינקע באַפרידיקן מיך ניט. מיין האַרץ גאַרט נאָך עפּעס, וואָס איז גרויס, ערהאַבן, וואונדערבאַר... אַ גאַנצער טייך מיט פישאַלאַך, אַ גראָם סאַר־דינקעס אין צוועלף טוץ פיינע, געפּאַרבטע מאָדערנע קעסטאַלאַך קען ביי מיר ניט אויספילן דעם אָרט פון דעם געשטאָרבענעם לויתן, הגם איך וואָלט אים אפשר קיינמאָל ניט פאַרזוכט.

אַ מאָדערנער אַפּאַרטמענט אין אַ שיינער געגנט פון אַ צוויליזירטער שטאָט איז אַ זאַך, וואָס מיט הונדערט יאָר צוריק וואָלט זיך נאָר אַ ראָטשילד געקענט פאַרגינען. אַ קלייניקייט אביסל! עלעקטרישע ליכט, וואָס מען דאַרף ניט כסדר שנייצן און וואָס האָט ניט קיין שלעכטן געדוך ביים אויסגיין, אָדער ביים אויסגעלאָשן ווערן. היץ פון רערן, צוליב וועלכע מען דאַרף ניט האַקן און שלעפּן קיין האָלץ, איינהייצן אַן אויוון, האַלטן אין איין אויפּפּאַסן אַזוי לאַנג ווי עס ברענט, פּורקענען און שטורכענען די שייטן האָלץ, כדי זיי זאָלן ברענען ריכטיק. היינט וואַסער פון אַ קראַן, קאַלטע און וואַרעמע צו יעדער צייט, מיט אַ מרחץ אין שטוב, אין סאַמע שטוב, וואו איר קענט זיך טובל זיין אָפטער ווי אַ ליובאַוויטשער חסיד און אַ סך גרינטלאַכער. דערצו אַ טעלעפאָן אונטער'ן סאַמע נאָז צו קענעןריידן מיט מענטשן פון דער ווייטן, צו קענען אי מיט זיי ריידן, אי זיי האָבן ווייט, ווייט פון זיך, אָפט אַ גרויסע באַקוועמלאַכקייט, שוין גאָרניט רעדנדיק וואָס איר קענט זיי זאָגן די גרעסטע ליגנס און דאַרפט ניט רויט ווערן, אָדער איר ווערט רויט און קיינער זעט ניט, וואָס דאָס איז אָפט נאָך אַ גרעסערע באַקוועמלאַכקייט. און אַז דער אויבערשטער גיט, דאַרף מען ניט שטייגן אויף טרעפּ פיר, פינף עטאַזש, ווייל אין הויז איז פאַראַן אַ הויב־מאַשין מיט אַ ניגער אינווייניק, אַ מאַשין וואָס גייט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ היימישער עמער וואַסער אין אַ ברונעם, און שעפּט אָן מענטשן

www.libtool.com.cn



און גיסט זיי אויס.

דאַרף מען בעסער? האָט אַט די באַקוועמלאַכקייטן געהאַט דער אַלטער פּריץ פון פּרייסן, יעקאַטערינאַ די ערשטע און די צווייטע, קרח מיט אַלע זיינע אוצרות, אָדער אַפילו ראָטשילד׳ס עלטער־זיידע?

פון דעסטוועגן, קינדער, איז דאָס ניט קיין גן־עדן, איר מעגט זיך אייך זאָגן וואָס איר ווילט. אדם הראשון (פאַר׳ן חטא) האָט זיכער ניט געהאַט די וויגאָדעס, וואָס מיר האָבן פאַר צען דאָלאַר אַ צימער אין ניו יאָרק,*) אָבער אַ גן-עדן האָט ער געהאַט פאַר אַ דירה, מיט אַן עץ חיים, וואָס פאַרשפּאָרט אייך דאָקטוירים, און אַן עץ הדעת, וואָס מאַכט אַז איר זאָלט קענען אויסקומען אָן דעם „ניו יאָרק דזשוירנאַל", — אויב איר, הייסט דאָס, זייט אָדם הראשון און אייער ווייב חוה איז דערווייל נאָך ניט קיין נאַשערקע אויף אייפּל, און זי חבר׳ט זיך נאָך ניט מיט גיפטיקע שלאַנגען, וואָס ריידן אָן צו אַל־דאָס ביי.

ניין, קיין שום פּישמאַרק גיט מיר ניט צוריק מיין פאַר־לאָרענעם לויתן, און קיין מאָדערנער אַפּאַרטמענט מיט אַלע אימ־פּרואוומענטס קען פאַר מיר ניט זיין קיין גן־עדן. אַזוי קען אויך די דעמאָקראַטיזירטע, צעברעקלטע העלדישקייט מיר ניט צוריק־געבן די העלדן וואָס איך האָב ניט מער.

וועט איר אפשר זאָגן: מיט וואָס, אייגנטלאַך, בין איך „ערגער אָפּ" ווי מיין פאָטער? אויב מיין לאַסאַל און זשעליאַ־באָוו און גערשוני זיינען מער ניטאָ, האָט ער ביים לעבן דאָך שוין מער ניט געהאַט זיין ווילנער גאון, זיין גר־צדק, איז ער דאָך שוין געווען ווייט, זייער ווייט פון משה רבינו, פון אליהו הנביא, פון יהודה המכבי און פון אַל די אַנדערע העלדן פון זיין געשיכטע און זיין לעגענדע?

*) אײדער אַמעריקע איז אריין אין מלחמה און ס׳האָט זיך אָנ־געהויבן די אומגעהייערע פּראָפיט מאַכער פון די הייזער אייגענטימער.

www.libtool.com.cn



איז אָבער צווישן אים און מיר דאָ איין חילוק: זיינע פּאַר אים זיינען ניט געווען טויט. זיי האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט פאַר אים צו לעבן. זיין תחית המתים האָט געקענט יעדן טאָג צוריקברייינגען עמרם'ס זון, אליהו הנביא איז קיינמאָל ניט געשטאָרבן, און יהודה המכבי ליגט אויך בלויז און וואַרט אויף שופר משיח. מיינע העלדן אָבער, וואָס זיינען אפשר אין אַ געוויסן זין אויך אומשטערבלאַך, וואָלטן היינט, אונטער היינטיקע אומשטענדן, אויך שוין געווען אָפּגעלעבט, וואָלטן מער שוין קיין העלדן ניט געווען, אפילו ווען זיי וואָלטן על פּי נס אויפגעשטאַנען תחית המתים. זעט וואָס מיר האָבן דאָ געמאַכט פון לייב דייטש! *)

„אויסגעשטאָרבן!" פּרץ איז גערעכט. ניטאָ מער קיין העלדן, ווי עס איז מער ניטאָ קיין מייסטער־אַרבעטער, וואָס זיינע קונציקע מעבל, קליידער, שיך, זייגערס און אַזוי ווייטער זאָלן אים מאַכן באַרימט.

אַלץ גייט אויף דעם וועג פון מאַסן־פּראָדוקציע, פון מאַשין־אַרבעט אין פאַבריקן. דער איינציקער, מיט אַ שטאַרק אינדיווידועלער פּערזענלאַכקייט, מיט אַ קלאָר אויסגעפּרעגטן פּרצוף־פּנים, וואָס מאַכט אים פאַר אַן אויסגעצייכנטן, אומגעוויינלאַכן מענטשן, אַמאָל פאַר אַן אויבערמענטש, „פון דער שולטער אַרויף העכער פאַר דעם גאַנצן פאָלק", — דער ראָזיקער העלד, בקיצור, ווערט יעדן טאָג זעלטענער און זעלטענער. טאָמער שיינט עס צייטנווייז, אַז אַ העלדישע פּערזענלאַכקייט האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט־בינע, קענט איר זיכער זיין, אַז זיין ראָלע וועט באַלד זיין אָפּגעשפּיגלט. די דעמאָקראַטיע איז געגן „סטאַרס" אויף דער פּאָליטישער בינע אַזוי גוט ווי אויף דער דראַמאַטישער.

נאָך אַ וואָרט און מיין פּעדער גייט צו איר רו.

---

*) לעוו דייטש. רעוואָלוציאָנער און שריפטשטעלער. איינער פון די גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער וואוינט איצט אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד.

www.libtool.com.cn



דער יונגער דור האָט זיך זיינע העלדן. פאַר די מיידלאַך צווישן אונזערע קינדער איז דאָ די „גרויסע“ אַקטריסע, אַמאָל דער גרויסער קינסטלער. מאָוד עדעמס און דזשוליאַ מאַרלאָו ווערן פון פילע יונגע מיידלאַך פאַרגעטערט, אידעאַליזירט. פאַר זיי זיינען די טעאַטראַלישע גדולים ניט בלויז גרויסע קינסטלער, נאָר עפּעס א מין „איבערמענטשן“, און טאָמער ווייסן זיי פון די איבערמענטשן אונטערמענטשלאַכע זאַכן, ספּעציעל אין פּאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן, מאַכט דאָס די סטאַרס ניט ווייניקער גלאַנציק, נאָר מער.

ביי די יונגע לייט אונזערע זיינען דאָ העלדן פון אַן אַנדער סאָרט: די פּילקע־העלדן. רעדט זיך פאַנאַנדער מיט אייערע קינדער וועגן די גרויסע בייזבאָל־שפּילער און איר וועט זען, ווי זייערע וואָכעדיקע פּנים'ער נעמען אָן א יום־טוב'דיקן גלאַנץ, ווי זייערע מאַטע אויגן הויבן אָן צו בלישטשען. וואָס איז אפילו נאַפּאָלעאָן דער ערשטער לגבי דעם דעטראָיטער, טאַי קאָב, דעם העלד פון טויזנטער זיגן אויף דעם בייזבאָל־פעלד! קריסטאָפאָר קאָלומבוס, ווייסט אייער אינגל, איז טאַקע געוועזן א בריה, אָבער ווי קומט ער צו קריסטאָפאָר מאַטיוסאָן, המכונה מאַטטי!

הייסט עס, דער יונגער דור האָט זיך זיינע העלדן אויף זיין שטייגער. פעלן פעלט דער העלד מיר און אייך.*)

28סטן פעברואַר, 1918

*) איצט פעלן שוין ניט מער ווינטשעווסקין קיין העלדן, אויסער די פאַרשטאָרבענע און דערמאָרדעטע העלדן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — לענין, לוקסנבורג, ליבקנעכט, א. א. וו. זעט דער זיידע אויך א ריי לעבעדיקע העלדן, אין אלע טיילן פון דער וועלט, וועמעס צאָל האַלט בסדר אין וואַקסן.

www.libtool.com.cn

# א צוקונפט

צווישן אונז זאָל דאָס בלייבן: איך בין פאַרליבט! אויף די עלטערע יאָרן, איבערהויפּט ווען מען איז באַווייבט, איז דאָס זייער אַן ערנסטער עסק. שוין צוויי וואָכן ווי איך טראָג זיך אַרום מיט דעם סוד... ער מוז אַרויס. ווי זאָגט דער פראַנצויז? „דאָס איז שטאַרקער פאַר מיר.“ דאָס קען קיין סוד מער ניט בלייבן... הימל און ערד האָבן געשוואָרן... און אַזוי ווייטער.

באַרבאַראַ, מיט אירע גילדענע לאָקן, בלויע אויגן און אַ חן אין יעדער באַוועגונג, אין יעדן ריר און יעדן קער, וואָס וואָלט מאַכן אַז יוליוס צעזאַר אַנשטאָט צו קומען, זען און זיגן, ווי ער האָט זיך אַמאָל באַרימט, זאָל קומען, זען און באַזיגט ווערן, — די דאָזיקע באַרבאַראַ איז נאָך אַ „מואווי סטאַר“, אַן אַקטריסע, וואָס שפּילט פאַר דעם קינעמאַטאָגראַף, דעם איינציקן סאָרט גראַף, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דערווייל נאָך ניט אָפּ־געשאָפּט... „דעם איינציקן“ זאָג איך? פאַרדראָן רבותי! איך האָב פאַרגעסן דעם אַלטן ט ע ל ע ג ר אַ ף און די אַנדערע גראַפן פון פאָנאָ, ליטאָ, אַרטאָ, פּאַרנאָ, ביאָ, אויטאָ, פּאַראַ, שיזמאַ און מימעאָ, חוץ אַנדערע וואָס פאַלן מיר גראָד ניט איין. „וויטאָגראַף“ לאָז איך בכיון אויס, ער איז דעם קינעמאַטאָגראַפ׳ס אַ לייבלאַכער ברודער.

בקיצור, די שיינע באַרבאַראַ, די באַרימטע שוישפּילערין, וואָס קומט אויס אַן אַ לשון און אַן עברי („פּראָזע“ רופן זיי דאָס אויף אונזער אידישער בינע) און קען שפּילן פאַר די פעלקער פון אַלערליי לשונות, האָט זיך ברייטלאַך באַזעצט אין מיין האַרצן, אַזוי ברייטלאַך, אַז אַנשטאָט צו שרייבן דעם אַרטיקל, וואָס זאָל באַווייזן אַז מיר פעלט אַ צוקונפט, שרייב איך, רייד איך, טראַכט איך וועגן איר, אויסשליסלאַך וועגן איר, וועגן מיין טייערער, געליבטער באַרבאַראַ, אָדער „באָביע“, ווי איך רוף איר...

www.libtool.com.cn



אַן אָפּשטעל בעט זיך דאָ.

דער נאָמען "באַרבאַראַ" געפעלט מיר ניט. ער קלינגט באַר-באַריש און איז. פאַר וועלכע זינד ווערן אומשולדיקע מענטשן, אין זייער קינדהייט, ווען זיי קענען דאָגעגן ניט פּראָטעסטירן, באַלעסטיקט מיט אַזעלכע נעמען, וואָס זיינען פאַר זיי אַן אומ-באַקוועמלאַכקייט דורכ'ן גאַנצן לעבן? נאָך אַ גליק וואָס אין אַמעריקע האָבן מענטשן צונעמען (צונעמענעס זאָגט מען ביי אונז) חוץ זייערע נעמען, און באַרבאַראַ איז פאַר מיר און פאַר דעם ענגערן קרייז פון אירע באַוואונדערער איינפאַך באָביע, הגם אויף דער בינע הייסט זי באַרבאַראַ — באַרבאַראַ סייבין. וואָס איז שייך צו דער בינע, בין איך מיר משער, אַז דער נאָמען באָביע איז פאַרבראַקירט געוואָרן, מחמת דער העלד אין די פּיעסן, אין וועלכע זי שפּילט, הייסט אויך באָביע, וואָס דאָס איז ראָבערט אין מיניאַטור... ראָבערטל, ווי מיר וואָלטן זאָגן ווען אַ ליב-לאַכן, אָדער אַ קליינינקן, אָדער אַ הייליקן.

מיין טראָבל מיט דער נייער געליבטער מיינער קומט אפשר ניט אַזוי שטאַרק דערפון, וואָס אַ גט אין מיין עלטער איז ניט קיין פּאַסיקע זאַך, נאָר וואָס צווישן מיר און דער באַרימטער שוי-שפּילערין איז דאָ אַן אונטערשייד (און ניט קיין קליינער) אין יאָרן. איך בין, ליידער, מיט 57 יאָר עלטער פאַר איר: מיר האָבן מיט צוויי וואָכן צוריק געפייערט איר פערטן געבורטס-טאָג.

באַקאַנט געוואָרן בין איך מיט איר ווען זי האָט נאָך ניט געקענט שאַרף ריידן, און טאַקע דאָ אויפ'ן לאַנד, וואו איך געפין זיך איצט. אונזער ליבע איז פון דעם סאָרט, וואָס קומט „אויפ'ן ערשטן בליק", אפשר די איינציק־אמת'ע, ראָמאַנטישע ליבע ביי מענטשן.

איך וועל זיך נאָך צוריקקערן צו דער פערזענלאַכקייט פון מיין געליבטער. דאָ איז מיר וויכטיק אַרויסצוזאָגן אייניקע גע-דאַנקען, אויף וועלכע דאָס קינד האָט מיר אַרויפגעבראַכט.

www.libtool.com.cn



קליין ווי זי, ליבט זי מעשיות לײדנשאַפטלאַך ווי אַלע נערװעזע קינדער, הגם עטלאַכע יאָר עלטער פאַר איר. איך דערצייל זיי איר און זי ווערט אַפּט זייער נתפעל פון זיי. ווען די מעשה געפעלט איר עקסטראַ שטאַרק, קריג איך אַן עקסטראַ שטאַרקן קוש פון איר, „הונדערט פּראָצענט" ליבע. אונזער לשון איז, פאַרשטייט זיך, ענגליש, און כמעט יעדעס מאָל ווען איך ענדיק מיט דעם געוויינלאַכן נוסח: און זיי האָבן געלעבט גליק-לאַך „עוועראַפטערוואָרדס", ווערט מיר זויער אויפ'ן האַרצן.

אַט איז אַ קינד, דיינק איך, אַ קינד ווי דער קליינער מאַלווין, וועלכער ליבט מיר אויך, ווי זיין עלטערער ברודער, ווי שאַרלאָטע, מיט איר קליין שוועסטערל עדנאַ און אַנדערע קינדער, וואָס איך האָב דאָ אויפ'ן לאַנד געטראָפן אין די לעצטע עטלאַכע וואָכן. מיין האַרץ גייט אויס צו זיי, און ווען איך און זיי וואָלטן געווען איין פאָלק, פון איין דור, מיט איין לשון, מיט איין פאַרגאַנגענ-הייט און מיט דער זעלבער צוקונפט, וואָלטן די מעשיות, וואָס איך דערצייל זיי, געווען מיינע און זייערע, דאָס הייסט אונזערע אויף אייביק, מאַכט דער טייטש: אויף שיינע עטלאַכע יאָר. אָבער איך קען שרייבן, אפילו אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס כאַפּט ביי מיר טאַלאַנט, בלויז איז מיין מאַמע-לשון. מיינע אייגענע, מער אָדער ווייניקער אייגענע, אינדיווידועלע געדאַנקען און געפילן קענען נאָר קריגן זייער ריכטיקן, זייער פולן אויסדרוק אין אידיש, דעם לשון וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך מיט דער מוטער-מילך. און דער לשון איז ניט זייערער.

איך וועל די קינדער, מיט זייער ליבע ניט פאַרלירן. האָב זיי ביז איצט ניט פאַרלאָרן, הלואי ווייטער, און וועגן דעם האָב איך קיין זאָרג ניט. אין דעם פּרט האָב איך איבריקענס שוין גערעדט מיט אייך אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. וואָס מיר דרייט דאָ אַ מוח איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך.

ווען איך באַטראַכט מיין באָביע און די אַנדערע איינוואוינער פון מיין האַרצן, ווערט מיר קלאָר, אַז מיין גאַנצע שרייבעריי,

www.libtool.com.cn



און נאָך מער די ארבעט פון די אידישע בעלעטריסטן, האָט פאַר זיך קיין צוקונפט ניט.

אַ פובליציסטישער ארטיקל האָט נאָך אַ שאַנס אַמאָל איבער־געזעצט צו ווערן, דאָס הייסט, אריבערצו'גנב'ענען דעם גרענעץ פון אַ פרעמדע ליטעראטור און אָננעמענדיק די קליידונג און דעם הילוך פון יענער, דאָרטן אפשר צו לעבן אלס אסימילירטער אימי־גראַנט. אָבער אפילו אַזאַ ארטיקל וואָס האָט, ווי די אסימיליאַנטן וועלן זאָגן, זוכה געווען ארויסצוקלייבן זיך פון דער אידישער גאָס אין אַ „רעספּעקטאַבלער" וועלט אריין, וועט דאָס רוב זיין פון דעם געמיינערן סאָרט. אַ כלל זאָלט איר האָבן: דאָס, וואָס קען ווערן לייכט איבערגעזעצט, פאַרדינט ניט אימער איבער־געזעצט צו ווערן. דער גרונט דערפון איז איינפאַך דער דאָזיקער: דאָס, וואָס לעזט זיך גוט און פאַרשטענדלאַך אין, לאָמיר זאָגן, ענגליש, איז אין דעם אידישן ארטיקל דירעקט אָדער אומדירעקט פון ענגליש גענומען געוואָרן, און אויב ניט פון ענגליש, דאַן פון אַן אנדער לשון נאָענט צו ענגליש, יעדנפאַלס פון אַ מאָדערנער אייראָפּייאישער שפּראַך.

איבערזעצן קענט איר ווערטער, אָבער נאָר אַזעלכע וואָס האָבן אין אַלע לשונות די זעלבע באַדייטונג. איר קענט ניט אריבערטראָגן דעם כאַראַקטער, די אַטמאָספערע, די אייגנטימלאַכ־קייטן, די היסטאָרישע טראַדיציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם וואָרט.

גייט דערקלערט אַ גוי, וואָס איר מיינט מיט דעם וואָרט „כל נדרי", וואָס איר פילט דערביי אפילו אין דריטן גלגול פון אסימילאַציע. מאַכט אַן ענגלענדער פאַרשטיין גאָגאָל'ס „רעווי־זאָר", אָדער יהודה שטיינבערג'ס „ספורי חסידים"; פּרובירט דורך אַן איבערזעצונג ארויסברייינגען פאַר אַ דייטש דעם גאַנצן „פּיק־וויק" פון דיקענס, און אַזוי ווייטער. איר וועט דאָס ניט קענען. אָבער דאָס אַלץ איז אַלט און איז שוין טויזנט מאָל געזאָגט געוואָרן און ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס מיר ווילט זיך, אַז

www.libtool.com.cn



דער עולם זאָל פּארשטיין איז פאָלגנדעס:

אויב דאָס בעסטע, און דוקא דאָס בעסטע, פון אונזער ליטע־ראַרישן אוצר זאָל אין קיין פרעמדע שפּראַך ניט קענען איבער־געזעצט ווערן; אויב, חוץ דעם, מיט דעם ענד פון גלות אין רוסלאַנד, אין גאַליציע, אין רומעניע זאָל זיך ענדיקן די ממשלה פון אידיש אויף דער אידישער גאַס, א שטייגער ווי דאָס „אידיש־דייטש", מיט וועלכן מענדעלזאָהן איז איינגעוויגט געוואָרן און וועלכן בערנע האָט געערדט אין זיינע קינדער־יאָרן, בעת ער האָט „געמוישלט", ווי מען האָט זיך וועגן דעם לשון דאַמאָלסט אויס־געדריקט, האָט זיך געענדיקט מיט הונדערט יאָר צוריק אין דייטש־לאַנד; אויב דערצו נאָך, זאָלן די דריי מיליאָן אידן אין אמעריקע אין א משך פון דרייסיק, פערציק, פופציק יאָר צייט אויפהערן צו פארשטיין דעם לשון פון זייערע עלטערן, — אויב, זאָג איך, דאָס זאָל געשען, טו וואו איז אונזער צוקונפט, וואו איז מיינע פּאר וועמען ארבעט איך? למי אני עמל?

און טאָמער האָט א ממשות די „גאולה", וואָס באַלפור האָט צוגעזאָגט, דאַן האָט אפשר העברייאיש א שאַנס צו לעבן, אָבער ניט אידיש...*)

* * *

קום איך אמאָל צו זיך אליין מיט אזא מין טרייסט:
נישקשה! מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן מיר אויך געמיינט, אז אָט־אָט איז אידיש שוין אוים, עבר ובטל, א שטייגער, מן

---

* ווינטשעווסקי'ס רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד האָט אים איי־בערצייגט, אז מיט דעם ענד פון „גלות" ענדיקט זיך ניט די ממשלה פון אידיש אויף דער אידישער גאַס. אדרבה, זי קריגט דעמאָלט די מעגלאַכקייט צו וואַקסן און בליען ווי אלע אַנדערע הערשנדיקע שפּראַכן. און איך דער צייט, וואָס העברייאיש, אלס אומגאַנג־שפּראַך, איז באַ־שריינקט בלויז אין די גרעניצן פון דעם אידישן ישוב אין פּאלעס־טינא, בלייבט אידיש אַ שפּראַך פון מיליאָנען, געערדט אן אלע טיילן וועלט.

www.libtool.com.cn



העולם, און קוק נאָר וואָס טוט זיך היינט! 400 טויזנט לעזער פאַר אידישע צייטונגען פון ניו יאָרק אַליין; אַן אומגעהויערע מאַסע ביכער, אָריגינעלע און איבערזעצונגען, אין אונזערע ביבליאָטעקן; זשורנאַלן, וואָכנשריפטן, פאַמפלעטס, קאָמעדיעס, אָפּערעטקעס אָן אַ שיעור! און וואָס ניט!

נישקשה! מיר וואַקסן, מיר געדייען, מיר האָדעווען זיך, מיט און אָן צער, און מיר ווערן וואָס אַ טאָג גרעסער, רייכער, פעטער און געזינטער. אייביק וועט אפשר קיין שום שפּראַך ניט לעבן... ווער ווייס? אפשר ריידן מיר עספּעראַנטאָ... מאַלע וואָס... ווען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט וועט קומען...

וואָלט איך מיר שוין אפשר קענען איינריידן, אַז דאָס אַלץ איז אַזוי, איז אָבער די צרה, וואָס די ליטעראַטן אונזערע אַליין באַווייזן מיט זייער גלייכגילטיקייט צו דער שפּראַך, ווי מיר וועלן באַלד זען, ווי ווייניק זיי גלויבן, אין דער טיפעניש פון זייער הארצן, אַז זיי בויען אַן אייביקן בנין פאַר קינדער און קינדס-קינדער און פאַר די קומענדיקע דורות נאָך זיי, און ניט בלויז באַנגאַלאָס פון האַסטיק צונויפגעשלאָגענע ברעטער, מיט „פיק־טשורס" פון די „קאַצניאַמער קידס" און „באָסטער בראַון" אויף די ווענט, ווייל די „שענטים„ באַדאַרף מען נאָר איבער זומער, נאָר כל זמן מען וואוינט ניט אין „רעגעלע" הייזער.

און די גלייכגילטיקייט, יאָ, די פאַראַכטונג צו דער שפּראַך ציינט זיך אין דעם, וואָס קיינעם אַרט ניט ווי אידיש לייגט זיך אויס, צי מען ג ע ה ט אָדער ג י י ט, צי מען דאַרף געוויסע אַלף'ן אָדער ניט, צי ביי די', וואָס האָבן ניט אַזאַ גלייכגילטיקייט צו זייער לשון, פּלאַצט דערפון ד י הארץ אָדער ד אָ ס הארץ!

פשוט, קינדער, מיר גלויבן טאַקע אַליין ניט אין אונזער לשונ'ס אומשטערבלאַכקייט און אַמווייניקסטנס גלויבן אין דעם אונזערע אידישיסטן, זאָלן לעבן.

און דאָ זיצט לעבן מיר מיין געליבטע באָביע, מיין פריינט

www.libtool.com.cn



מאַלווין און אויגוסט און צוויי שאַרלאָטעס, און איך דערציייל זיי מעשיות, אין... ניט אין דער שפּראַך, אין וועלכער איך שרייב וועגן זיי. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז קיינס פון די קינדער וועט קיינמאָל ניט דאַרפן אונזער אידישע ליטעראַטור און וועט אפשר אַפילו ניט וויסן, אַז עפּעס אַזוינס איז ערגעץ־וואו פאַראַן.

קומען גוטע מענטשן און ווייזן מיר אָן אויף די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואו אידיש ווערט געלערנט. געוויס, געוויס! האָב איך ניט אויף מיין גרויסן טור איבער דער מדינה געהערט ווי עופ'עלאַך האָבן דעקלאַמירט אידישע לידער און פּאָרגעלעזן פון פּרץ און רייזען און אַנדערע שרייבער? געוויס האָב איך געהערט. אָבער וויפיל וועט זיך פון דער גאַנצער השלמה אָפּשטעלן? וויפיל איז איבערגעבליבן ביי אונזערע קינדער פון 6 ביז 8 יאָר שווער פאַרהאָרעוועטע פראַנצויזישע און דייטשע לימודים אין דער שול? אין היי סקול, א. אז. וו.?

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן האָבן זיכער א געוויסן ווערט, אָבער פון זיי צו דערוואַרטן, אַז זיי וועלן אויפהאַלטן אויף לאַנג די אידישע ליטעראַטור, אויב דאָס לעבן און די צייטן זיינען געגן איר, איז אַזוי קינדעריש, אַז די שילער אין די שולן וועלן זיין די ערשטע צו דעמאָנסטרירן די נאַאיוויטעט פון אַזא גלויבן*)

יעדער ענגלישער, רוסישער, פראַנצויזישער, דייטשער שרייי־

---

* זינט פעברואַר, 1918, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די אידישע שול־באַוועגונג אין אַמעריקע. אַנשטאַט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל איז זי איצט צום גרעסטן טייל אַן אַרבעטער־שול און ווערט אויסגעהאַלטן הויפּטזעכלאַך פון באַוואוסטזיניקן אַרבעטער קלאַס. איר איינפלוס־קרייז ווערט כסדר גרעסער און מיר האָבן שוין ניט בלויז הויי־סקול קינדער, נאָר אויך קאָלעדזש־סטודענטן־געבאָרענע אין אַמעריקע, וואָס קאָנען ריידן, לייענען און שרייבן אידיש אויב באָביע'ס עלטערן זיינען ניט געווען קיין פּרינציפּיעלע אַסימיליאַטאָרן, אָדער מגושמדיקע „אַלרייטניקעס“, וואָס האַלטן פונ'ם כלל „נאָר ניט אידיש“, וועט באָביע נאָך אפשר איצט לייענען וואָס דער אין איר קינדהייט פאַרליבטער זיידע האָט וועגן איר געשריבן.

www.libtool.com.cn



בערל, וואָס קען ניט דערגרייכן די קנעבלאַך פון אונזערע באַ־דייטנדע שרייבער, האָלט אַ פען אין האַנט, וואָס וואָלט קענען עפּעס אויפטאָן פאַר דער צוקונפט ווען ער וואָלט געהאַט גענוג גייסט און פייאיקייט. ביי אונז קען געמאָלט זיין, אַז מענדעלע מוכר ספרים זאָל אויף זיין טויטן־בעט בשעת יציאת הנפש פילן, אַז זיין ווערק וועט אים ניט לאַנג איבערלעבן, הגם זיין לעבנס־אַרבעט ווערט שוין באַזונגען אין הונדערטער באַגייסטערטע לויב־געזאַנגען זינט זיין זיבעציק־יאָריקן יובילייאום.

און ער, און פרוג, און פּרץ, און שלום עליכם, און אַש און אַנדערע גראַד רוסיש־אידישע שרייבער האָבן זיך געזוכט צו פאַר־זיכערן געגן אונטערגאַנג דורך העברייאישע איבערזעצונגען, דער־מיט באַווייזנדיק, אַז וואָס איז שייך צו דער צוקונפט האָבן זיי מער אמונה אין דער „טויטער" שפּראַך העברייאיש, ווי אין דעם לעבעדיקן לשון פון די זעקס מיליאָן רוסישע, פּוילישע און ליט־ווישע אידן. צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט און פאַר וועלכע זיי האָבן געשריבן. אברהם רייזען איז, דאַכט זיך, ביז איצט געווען אַ יוצא מן הכלל; ער אָבער איז אַ פאַנאַטישער אידישיסט, וואָס וויל פון קיין זאַך ניט הערן, וואָס קען שטערן זיין אמונה — און זיין לשון, און וואָס האַסט באמת ובלב תמים אַלץ, וואָס איז אַ שטער צו דעם לשון אָדער צו דער אמונה אין דעם לשון. ער איז דער אויסנאַם וואָס באַווייזט דעם כלל.

אוי, ווי זויער עס ווערט אויפ'ן האַרצן שרייבנדיק אַזעלכע ווערטער!

האָב איך צום גליק די עופ'עלאַך אַרום זיך. וואָס, צוריק ריידנדיק, מאַכט עס אויס, צי אונזער ליטעראַטור האָט אַ צו־קונפט אָדער ניט, כל זמן עס זיינען דאָ אַזעלכע קינדערלאַך, ווי די וואָס געפינען זיך אין דער בילדער גאַלעריע, וואָס איך טראָג אַרום אין מיין האַרצן.

אָט איז זי, באַביע! זי איז ניט בלויז שיין און חנ'עוודיק, נאָר אויך אַ זעלבשטענדיקער פעסטער כאַראַקטער אין אַ פיר־

www.libtool.com.cn



יאַריקער פּרויענצימער מיט אַן אכט-יאָריקן שכל. וואָס איז שייך צו דער קינסטלערישער זייט פון איר פערזענלאַכקייט, האָב איך שטאַרק מורא, אַז זי ווייס דערפון ניט פיל. פּאַזירנדיק פאַר די פילם־בילדער, ווייס זי מיינסטנס ניט, אַז זי פּאַזירט. אין איין פאַל איז פאָרגעקומען מיט איר אַן אויסערגעוויינלאַכע זאַך, וואָס איך קען מיך ניט איינהאַלטן צו דערציילן:

אין איינער פון אירע פּיעסן איז איר ראָלע אַזעלכע, אַז זי דאַרף עסן „אייז-קרים" אויף דער בינע, דאָס הייסט, אויף דער „פּיקטשור". עסט זי. קיין נאַטירלאַכערע זאַך ביי אַן אמעריקאַנער קינד קען מען זיך ניט פאָרשטעלן.

דערווייל ווערט אַ מהומה אין סטודיע. באַביע, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס קומט פאַר אַרום איר, ווערט אויף אַן אויגנבליק צעטומלט און וואַרפט אַרויס פון האַנט די אייז־קרים. כדרך הטבע, ווייַנט זי זיך פאַנאַנדער.

דער „אָפּערייטאָר" לויפט צו צום מענעדזשער אין גרויס אויפרעגונג.

„וואָס איז דער מער?" פרעגט דער דאַזיקער, וואַרשיינלאַך קאַלטבלוטיק, קייענדיק אַ שטיקל „גאָם", אָדער אפשר נאָך „טשו־טאַבעקאָ".

„באַביע האָט איבערגעפּירט די פּיקטשור!" רופט דער אָפּערייטאָר אויס, ווייזנדיק דעם מענעדזשער די אייז־קרים אויף דער ערד און דאָס קינד אין טרערן.

„אומזין!" — זאָגט דער באָס. — „איבערגעפּירט? — ניט אַ ברעקל! זי האָט ערשט נעמאַכט דאָס בילד פאַר אַ בילד, מיין פריינט!"

דאָס איז איינער פון פיל אינצידענטן אין דעם לעבן פון דער גרויסער קינסטלערין, אין וועלכער איך בין פאַרליבט.

און דאָס איז מיין טרייסט.

www.libtool.com.cn



עס זיינען, פון דעסטוועגן, אָפט דאָ מאָמענטן, ווען מיר דאַכט זיך, אַז מיר אַלע, וואָס אַרבעטן אויפצובויען אַ אידישע ליטעראַטור, בויען אויף זאַמד, און וואָס גרעסער אונזער בנין איז, אַלץ מער האָט ער אַ שאַנס איינצופאַלן אָדער זיך אַראָפּצוגליטשן אין דעם תהום אַרונטער.

24סטן פעברואר, 1918

www.libtool.com.cn

# מיין נאַציאָנאַלער אני-מאמין*)

## 1

דאָס, וואָס מען וועט דאָ לייענען איז אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן בנוגע צו דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע.

איך האַלט, אַז היינט קען קיין אידישער שריפטשטעלער, וואָס נעמט זיך אַליין (און זיין פאָלק'ס לאַגע) ערנסט, ניט לאָזן אין צווייפל זיין שטעלונג צו דער דאָזיקער פראַגע. ער מוז, אַזוי אָדער אַנדערש, „בעקענען פאַרבע", ווי די טייטשן זאָגן.

ווי אָבער רעדט מען, ווען מען קומט שוין צום רעדן? דאָס היינגט אָפּ דערפון, צי מען וויל די נאַציאָנאַלע אויפפאַסונג באַגרינדן וויסנשאַפטלאַך, אָדער מען קומט נאָר אויסדריקן דאָס, וואָס מען פ י ל ט און גלויבט.

דער לעצטער פאַל איז מיינער.

איך האָב ניט קיין שום פרעטענזיעס צו דערלאַנגען דעם עולם אַ וויסנשאַפטלאַכע אָפּהאַנדלונג. פאַרקערט, איך גיב דאָ איבער נאָר מיין ג ל ו י ב ן, נאָר מיין ג ע פ י ל אין דער דאָזיקער פראַגע, און גיב עס איבער אין דער געשטאַלט, וועלכע דער גלויבן און דער געפיל האָבן ביי מיר אָנגענומען נאָך עטלאַכע יאָר פאַרטיפונג אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער איצט-צייט פון דעם אידישן פאָלק, זיך ביסלאַכוויז קלערנדיק און קריטאַליזירנדיק.

אַ נאַש דאָ און דאָרטן אין ביכער, אַביסעלע באַאָבאַכטונג פון דעם אַרומיקן לעבן, און דעם אידישן לעבן אין דער וועלט

---

*) „דאָס נייע לעבן", ניו יאָרק, 1911. (זע אויך ווינטשעווסקי'ס סאָציאַלן „אני מאמין" אין באַנד 6).

www.libtool.com.cn



בכלל, דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס באַזירט זיך מיין אני־מאמין, אָבער געפיל־זאַך בלייבט עס.

אַז אויספירלאַכע דערקלערונג וועט באַלד קומען. דערווייל וועט גענוג זיין דאָס, וואָס פאָלגט.

איצט, אַ שטייגער, די משנה, שפּעטער די גמרא.

## נייע דרייצן עיקרים

### א.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז די צייט וועט קומען, ווען אַלע פעלקער און ראַסן וועלן צווישן זיך זיין פאַרברידערט, אַלע צוזאַמען פאָרשטעלנדיק איין איינציקע גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע מענטשנפאַמיליע.

### ב.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז דער רעזולטאַט דערפון וועט פונדעסטוועגן זיין ניט אַ פאַרמישונג און פאַרשמעלצונג פון ראַסן, קולטורן און שפּראַכן, נאָר, פאַרקערט, אַ העכערע גרעסערע און אויסגעפּרעגטערע אויסבילדונג פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטן, אַזוי ווייט ווי זיי האָבן אַ קלאָרע היסטאָרישע פיזיאָנאָמיע.

### ג.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז בל־זמן ווי עס וועט, אויף דעם אופן, זיין ערגעץ אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס איר קלאָר אויס־געפּרעגטער פּרצוף־פּנים, איר נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט וועט ניט לאָזן איר פאַרשווינדן אינ'ם אינטערנאַציאָנאַלן „שמעלץ־טאָפּ", אַזוי לאַנג וועט האָבן אַ קיום אויך די אידישע נאַציע.

### ד.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז דער שמעלץ־טאָפּ (אַסימילאַ־

www.libtool.com.cn



ציע, בלע"ז) איז פאַר אידן ניט מער ווינשענסווערט, ווי פאַר ענגלענדער, פראַנצויזן אָדער דייטשן.

**ה.**

אני מאמין באמונה שלמה, אז די נאַציאָנאַליטעט איז ניט נאָר ניט געגן אינטערנאַציאָנאַליטעט, נאָר די דאָזיקע איז אָפּ־הייננגיק פון יענער. די נאַציעס זיינען אינם אינטערנאַציאָנאַל וואָס די פינגער, למשל, זיינען אין דער האַנט.

**ו.**

אני מאמין באמונה שלמה, אז אפילו ווען די פאַרשמעלצונג צווישן אַנדערע ראַסן וואָלט געווען ווינשענסווערט, וואָלט ביי אונז אַזאַ נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד געווען איינפאַך אוממעגלאַך. די אידישע ראַסע איז פשוט שטאַרקער פאַר פיל אַנדערע, און אין דער פאַרמישונג וואָלט מייסטענס אונטערגיין דער אַנדערער צד, ניט דער איד.

**ז.**

אני מאמין אמונה שלמה, אז פונם שטאַנדפּונקט פון רעכט מעג דער איד האָבן זיין לשון, זיין לאַנד און זיין גלויבן. ער איז דערצו, הייסט עס, אַזוי בארעכטיקט ווי יעדע אַנדער נאַציע.

**ח.**

אני מאמין באמונה שלמה, אז דער קיום פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט איז פונדעסטוועגן ניט אָפּהייננגיק ניט פון דער שפּראַך, ניט פון טעריטאָריע און ניט פון אמונה. דאָס הייסט, אז אפילו ווען מיר, די לאַנג-לאַנג עקספּאַטריאירטע, וועלכע האָבן טיילוויַיז שוין פאַרלוירן דעם גלויבן, זאָלן מיט דער צייט אויך פאַרלירן סיי די שבת'דיקע, סיי די וואָכעדיקע שפּראַך אונזערע, וועט אַלץ ניט קענען פאַרשווינדן אונזער נאַציאָנאַליטעט און אונ־זער קולטורעלער אוצר. אפילו ווען נאָר איינער אין אַ שטאַט

www.libtool.com.cn



וועט פאַרשטיין דעם לשון, אין וועלכן מיר רעדן היינט און שרייבן, וועט דאָס בעסטע און אָריגינעלסטע קאָנסערווירט ווערן אין אַנ־דערע שפּראַכן און דאָס, ווידער, וועט שטענדיק צוריק ברייננגען טויזנטער אידן צום מקור: צו העברעאיש אָדער אידיש.

## ט.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז דאָרטן, וואו דער יונגער דור פון איינוואַנדערער, וועלנדיק זיך צופּאַסן צו דער הערשנדיקער נאַציאָנאַליטעט, טוט אויס, וואו ער קען, זיין צורת־איד, וואַרפט אַוועק זיין מוטער־שפּראַך און נעמט אָן די זיטן, אפילו די טראַ־דיציעס, די געשיכטע פון די איינגעבוירענע, קומט ענטוועדער דער דאָזיקער יונגער דור, ווען ער ווערט עלטער, אָדער דער צווייי־טער דור, נאָך פילע טרויעריקע ערפאַרונגען, צוריק צו זיין נאַציאָ־נאַליטעט, הגם ניט צו איר לשון.

## י.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז וואָס לענגער אַלץ מער ווערן די נאַציעס, אפילו די אַלטע, איינגעפונדעוועטע, אָפּגעזונדערט פון די טעריטאָריעס, אויף וועלכע זיי זיינען אויפגעוואַקסן, שווין דורך דעם אַליין, וואָס די איינגעוואַנדערטע און פרעמדע ווערן אַלץ גרעסער אין צאָל מיט יעדן נייעם פאָרטשריט פון דער דאַמף־קראַפט און דער עלעקטריציטעט.

## יא.

אני מאמין באמונה שלמה, אַז פונקט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן היינט שוין נאַציאָנאַליטעטן מכל המינים, פון וועל־כע קיין איינציקע קען ניט אָנווייזן אויף ערגעץ אַ באַשטימטע שטיקל לאַנד צו זאָגן: כולה שלי, דאָס איז מיינס און נאָר מיינס, אַזוי וועט מיט דער צייט אויך אין דער אַלטער וועלט מער ניט זיין קיין טעריטאָריעלע נאַציע אין דעם פולן זין פונם וואָרט.

www.libtool.com.cn



### יב.

**אני מאמין באמונה שלמה,** אַז אויב אין אַ סאָציאַליזירטער און פאַרברידערטער מענטשהייט וועט פּאַרט זיין פּלאַץ פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון באַזונדערע נאַציעס, לויט זייער אייגנ־אַרט, זייערע געשיכטלאַכע טראַדיציעס און אַזוי ווייטער אויף באַשטימטע טעריטאָריעס, צווישן געוויסע גרעניצן, דאַן וועט דער איך אָן מי צוריק באַקומען זיינע אייגענע ד' אמות, זיין ווינקעלע אויף דער ערד, וואו ער וועט קענען פירן זיין אייגע־נעם נאַציאָנאַלן לעבן.

### יג.

**אני מאמין באמונה שלמה,** אַז דער ניט־טעריטאָריעלער נאַ־ציאָנאַליזם, וואָס גייט ניט אונטער ניט מיט דעם לשון, ניט מיט דער אמונה, איז ביי אונז דער איינציקער, וואָס וועט האָבן אַ קיום.

### 2

כדי צו מאַכן מיין פּירוש אויף דעם אני־מאמין קלאָרער און פאַרשטענדלאַכער, צעטייל איך די דרייצן עיקרים אויף דריי גרופּן: א—ד, ה—ח און ט—יג. איך הויב אָן מיט דער ערשטער גרופּע (א—ד):

מיר דוכט, איך זע די צוקונפט אַזוי קלאָר, ווי איך וואָלט שוין געלעבט אין איר.

איך זע, פאַרשטייט זיך, ניט קלאָרער אַדיין אין די איינצל־הייטן פון דעם קינפטיקן מענטשלאַכן לעבן, ווי עס האָבן געזען די „זעער", די נביאים פון עטלאַכע דורות צוריק.

בדרך אגב וואָלט איך זאָגן, אַז נאָר דער, וואָס גלויבט, קען זיין אַ נביא, און נאָר דער נביא קען זיין אַ „חוזה", אַ זעער, און נאָר דער מענטש, וואָס האָט צום זען, חוץ אויגן, אויך אַ הארץ, קען האָבן די אמונה, וואָס גיט די נביאות, וואָס גיט די אספּקלריה המאירה, דעם זע־אַפּאַראַט, וואָס קען אַריינקוקן אין די קומענדי־קע דורות.

www.libtool.com.cn


און א הארץ האָט יעדער, און דערפאר דארף מען ניט זיין קיין ישעיה אריינצובליקן אין דער קינפטיקער וועלט. ישעיה'ס צונג, ישעיה'ס פייאיקייט צו זאָגן דאָס, וואָס ער זעט, ישעיה'ס קונסט עס אזוי צו זאָגן, אז אַלע זאָלן מיט אים זען און גלויבן— ניט גלויבן און זען! — דאָס האָבן נאָר געציילטע מענטשנ־קינדער. אָבער אַ הארץ האָט יעדער און חוץ, ווען דאָס הארץ איז ענטווועדער פארלאָפן מיט פעטס, אָדער צעבראָכן פון יסורים, אָדער איינגעשרונקען דורך קעלט, אָדער פארקלעמט דורך ביטע־רער נויט, קען יעדעס הארץ העלפן די אויגן זען — זען ווייט און טיף און הויך — און דער „כל עם ה' נביאים" דארף גאָר ניט בלייבן א פוסטע פראַזע, א „פרומער ווּאונש".

יעדער פראָסטער בשר־ודם קען אַלזאָ זען און פראָפעצייען. מיט א געוויינטלאכן באגריף פון דער פארגאנגענהייט, אפילו ווען מען איז ניט קלאָר אין דעם סדר־הדורות, מיט א געוויינטלאכער פארשטענדעניש פון דער צייט, אין וועלכער מען לעבט, קען מען זען, ווי געזאָגט, די צייט, וואָס דארף קומען.

אָבער מיט איין באשרענקונג.

מען קען נאָר זען די אַלגעמיינע שטריכן, „דעם קאָנטור פון דער צוקונפט" — וואָלט איך געזאָגט, ווען דאָס וואָלט ניט גע־קלונגען א האָרעלע דעקאַדענטיש. מער האָט קיין שום נביא ניט געזען און דאָס שוין דערפאר אליין ניט, ווייל אַלץ אין דער וועלט האָלט זיך אין איין אומאויפהאַלטזאַמען, טעגלאכן אַנט־וויקלען־זיך און קיין אספקלריה המאירה איז דערצו ניט שארף גענוג.

אָבער, צוגעבנדיק די דאָזיקע באשרענקונג, דוכט מיר, אז איך זע וואָס עס וועט זיין „באחרית הימים" זייער קלאָר.

קיין פאָלק וועט ניט זיין א געפאר פאר זיין שכן, צי זיי וועלן זיין אין איין לאנד, אויף איין טעריטאָריע, אָדער אָפגע־טיילט, אויף באזונדערע שטיקלאך לאנד. ניט א מלחמה פון איין זייט גרעניץ איבער דער אנדערער און ניט א פאָגראָם אין דער מדינה גופא פון איין טייל פון דער באפעלקערונג געגן א

www.libtool.com.cn



צווייטן — וועט ניט זיין מעגלאָך.

אפשר וועט זיך נאָך אַלץ כוואַטעווען אַ נאַציע געגן אַ נאַ־ציע; אפשר וועט נאָך אַלץ די ליבע בריינגען מיט זיך די אייפער־זוכט, ווי דאָס ליכט ברענגט דעם שאָטן; אפשר וועט נאָך אַלץ אַ גרעסערער טאַלאַנט דערוועקן קנאה ביי אַ קלענערן; אפשר וועט נאָך אַלץ זיין אומצופרידנהייט, אַ שטרעבן צו אַ בעסערער, נאָך בעסערער, נאָך פרייערער, נאָך גליקלאַכערער, נאָך ערלאַכערער וועלט; אפשר וועט נאָך דאַן אויך זיין שטרייט אין דעם דאָזיקן שטרעבן.

אפשר יאָ. אָבער אַזוי ווייט ווי מיין אויג קען זען, איז דער שטרייט פון יענע צייטן אַ שטרייט צווישן ליבנדיקע ברידער ביי א י י ן פולן טיש, וואו מען קען זיך מתוכח זיין מיט פו־לע מאָגנעם און ריינע הערצער.

און דער שטרעבן צו עטוואָס, וואָס איז נאָך בעסער, פרייער, ערלאַכער, גליקלאַכער פאַר אַלעמען — דער דאָזיקער שטרעבן וועט ניט פירן צו מחלוקת און שנאת־חנם צווישן די, וואָס דענקען ניט גלייך מכח די וועגן און מיטלען, מכח דעם „וואוהין“ און דעם „ווי אַזוי“, כדי דעם צוועק צו דערגרייכן.

און די קנאה פון דעם טאַלאַנטלאָזן, אָדער פון דעם קליינעם טאַלאַנט צום גרויסן אָדער גרעסערן וועט זיך אויסדריקן אויף אַ פיינערן און איידעלערן, אַ מענטשלאַכערן אופן, ווי היינט.

און די אייפערזוכט, באַגלייטנדיק די ליבע, וועט ניט פאַר־גיפטן דעם אייגענעם גוף אין דעם אַנדערן צד'ס אומדערוועקטע ליבע, און מאָרד צוליב אַ פרוי אַ געליבטער ביי מענער, אָדער צוליב אַ מאַן ביי פרויען וועט געוויס זיין אַזוי זעלטן, ווי היינט אַזאַ מאָרד צווישן געלערנטע איבער אַן אַנטדעקונג אָדער אַ נייער לערע.

דאָס זע איך קלאָר, און אַזוי זע איך אויך קלאָר, אַז דער וועט־אייפער, די התחרות צווישן פעלקער, וועלכע וועט אפשר ניט זיין קלענער און זעלטענער ווי איצט, וועט זיך אויסדריקן אויף אַזאַ אופן, אַז די אַנטשיידונג וועט שוין קיינמאָל מער ניט

www.libtool.com.cn


געבן דער שווערד אַלס ריכטער און קרופּ'ס כלי־זיין אַלס אַ דזשור־רי. דער וועט־קאַמף צווישן די פעלקער וועט זיין אַזוי פריי פון בלוטפלעקן און פון בלוטנדיקע וואונדן, ווי עס איז היינט דער וועט־קאַמף צווישן פערד אין אַ רייס, אָדער זייערע בעלי־בתים.

און קלאָר שטייט פאַר מיינע אויגן אַ פאַרברידערטע, אינ־טערנאַציאָנאַלע מענטשהייט, אין וועלכער יעדעס פאָלק האָט זיין פּלאַץ, יעדע נאַציאָנאַליטעט די מעגלאַכקייט זיך ווייטער צו אַנטוויקלען לויט נאָך איר אייגנאַרט, לויט נאָך איר געשיכטע און אירע קולטורעלע באַשטרעבונגען.

און דוקא אין דער דאָזיקער ברידערלאַכקייט זע איך די נאַ־ציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, זע איך דעם גרעסטן אויסדרוק פון דעם, וואָס איז אייגנטימלאַך ביי יעדן איינציקן, אַזוי ווי מען קען זען די פולקאָמענסטע רויז און די פולקאָמענסטע ליליע דוקא דאָרטן, וואו פאַר אַלע וואָרצלען איז דאָ גלייך גוטע און זאַפטיקע דערנערונג אין דעם שויס פון דער אַלגעמיינער מוטער־ערד.

ניט איין איינציקע גאַטונג וועט ווערן פון אַלע בלומען, נאָר פיינערע בלומען, למיניהם, דאָרטן, וואו עס איז ענדלאַך דאָ פאַר אַלעמען פרייהייט צום וואַקסן און גלייכהייט צום דערנערן זיך ביים אויפבליען און אויסוואַקסן.

---

געוויס, עס איז שווער צו זאָגן, ווי אין די קומענדיקע צייטן וועלן לעבן צווישן זיך, למשל, די בולגאַרן, סערבן און מאָנטאָנגע־גערן אין דרום־אייראָפּע, אָדער די דענען, שוועדן און נאָרוועגער אין צפון־אייראָפּע: צי זיי וועלן זיך פאַרשמעלצן אָדער ניט.

אָבער ווען עס קען נאָך זיין אַ שטיקל ספק וועגן דעם צווישן אַזעלכע ווי זיי, איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז דייטשן, סלאַוון און אידן אפילו, ווען זיי זאָלן תמיד בלייבן אין די זעלביקע שטעט אין איין און דער זעלביקער מדינה, וועלן זיך וואָס אַ יאָר לענגער אַלץ ווייניקער פאַרשמעלצן.

מיט דעם פאָרטשריט פון דער צייט ווערט אפילו ביי יענע

www.libtool.com.cn



קליינע נאַציעס טאַקע אין סקאַנדינאַוויען אַלץ מער בולט די אייגנאַרט, וועלכע דריקט זיך אויס אין אַ בראַנדעס אין דענמאַרק, אַ איבסען אין נאָרוועגיע און אַ סטרינדבערג אין שוועדן (דאָס וואָס בראַנדעס איז מזרע היהודים אינטערעסירט אונז אין דעם דאָזיקן אויגנבליק ניט) — אַ מין אייגנאַרט, וואָס פירט אַלץ מער און מער צו אַ בולט'ערער, צוגעשפּיצטערער, קלאָרער אויסגע־פּרעגטער נאַציאָנאַלער פּערזענלאַכקייט.

אפילו דאָ, אין אַמעריקע, אָדער אין דרום־אייראָפּע, אָדער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן קעניגרייך המכונה עסטרייך, ווערט די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אַלץ שאַרפער און גרעסער, וואָס מער מענטשן עס קענען לייענען די פאַרשידענע ליטעראַ־טורן און וואָס מער מענטשן עס קענען אַזעלכע ליטעראַטורן באַ־שאַפן, אָדער זיי העלפן אויסברייטערן און אויפהויבן. און אַזוי ווי עס וואַקסט כסדר די צאָל פון נייע לעזער און מיט זיי די צאָל פון נייע שרייבער, איז יעדער נייער איבסען, יעדער נייער טורגעניעוו, יעדער נייער מאַפּאַסאַן אַ פּאַרפעסטיקער פון זיין נאַציאָנאַליטעט, אַ נייער שטערן אויף דעם נאַציאָנאַלן פירמאַ־מענט.

און ניט נאָר עס בילדעט זיך אַזוי אויס די אייגנאַרט באַ יעדער נאַציאָנאַליטעט אין איר ליטעראַטור, נאָר וואָס ווייטער אַלץ מער אַנטוויקלט זיך אַ נאַציאָנאַלע דראַמע, אַ נאַציאָנאַלע אָפּערא, אַ נאַציאָנאַלע מאַלעריי, אַ נאַציאָנאַלע פאַרטיפונג פון יעדן פאַלק אין זיין פאַרגאַנגענהייט, אין זיין געשיכטע, אין זיין מקור.

און אויב דאָס איז קלאָר דער פאַל ביי אַזעלכע נאַציעס, וואָס קומען נאָך אַלעמען פון איין ראַסע; אויב עס שפּיצן זיך צו און נייען פאַנאַנדער, יעדער נאָך זיין מין נאָך, די פעלקער פון די זעלביקע סלאַווישע, לאַטיינישע, גערמאַנישע אָדער קעלטישע ראַסן; אויב דער אויסוואַקסן פון דער נאַציאָנאַל־ליטעראַטור, פון דער נאַציאָנאַל־מוזיק, פון דער נאַציאָנאַל־געשיכטע, בקיצור, פון דער נאַציאָנאַל־קולטור בילדעט אויס אַלץ קלאָרער און דייטלאַכער

www.libtool.com.cn


דעם נאַציאָנאַל-כאַראַקטער און די דאָזיקע נאַציאָנאַליטעטן, על אחת כמה וכמה די אידישע.

לעבנדיק צוזאַמען, אויף איין שטח, אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, אפשר מיט קינדער, וואָס לערנען אין די זעלביקע שולן, קענען איטאַליענער, שפּאַניער און פראַנצויזן — אַלע פון איין מקור, פון דער זעלביקער ראַסע — קענען זיי זיך צו אַ געוויסן גראַד פאַרמישן, פאַרשמעלצן, בטל ווערן איינע צווישן די אַנדערע.

דאָס קען אפילו פּאַסירן מיט אונז, אידן, צעשפּרייט צווישן די פעלקער, הגם מיר זיינען פיל ווייטער פון זיי ווי די מייסטע צווישן זיי איינער פון דעם אַנדערן, הגם מיר זיינען פון אַן אַנדער ראַסע.

דאָס קען פּאַסירן. דאָס האָט פּאַסירט אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וועט זיכער פּאַסירן אין דער צוקונפט.

אָבער ניט געמישטע זיווגים, ניט מאַסן־שמד און ניט אויסראָטונג, ווי זי קומט אַמאָל פאָר לגבי אונז, קענען ניט אונטערברענגען מער ווי אַ טייל פונם פאָלק.

עס קען זיין, אַז ווען ניט דער שמד און די פאַרמישונג צווישן די פעלקער אָן שמד, וואָלטן היינט געווען ניט 12 מיליאָן, נאָר 60, אָדער מער. עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז פון די היינטיקע 12 מיליאָן וועט מיט דער הילף פון פאַרמישונג — מיט אָדער אָן שמד — בלייבן 6 מיליאָן. דאָס אַלץ לייגט זיך אויפן שכל, אָבער בשום אופן איז ניט מעגלאַך, אַז דאָס פאָלק זאָל נאָר אינגאַנצן פאַרשווינדן.

---

בלייבט די פראַגע: איז עס ווינשענסווערט, אַז עס זאָל אין דער וועלט זיין אַ פאָלק, ווי דאָס אידישע?

אויף דעם איז ניט נויטיק צו זאָגן מער ווי די דאָזיקע פאָר ווערטער:

וואָלט פאַר דער מענטשהייט געשטאַנען אַזאַ צוקונפט — און אַמאָל האָט זיך אין אונזערע קרייזן אַזוי געחלומ׳ט — פון אַן אַלגעמיינער פאַרשמעלצונג, פון אַ מענטשהייט מיט א י י ן

www.libtool.com.cn



לשון, א י י ן מדינה און א י י ן ראסע, דאן וואָלט אפשר געווען א יושר, אז מיר, אידן, וועלכע האָבן כמעט תמיד גע־מאכט דעם אָנהויב, זאָלן דאָס טאָן אין דעם פּרט אויך. דאן וואָלט אפשר געווען ווינשענסווערט, אז מיר זאָלן די ערשטע לעבעדיקערהייט אריינשפּרינגען אינם שמעלץ-טאָפּ.

אויב אָבער, ווי איך האָב דאָ געוויזן, דער פּראָצעס פון דער מענטשהייט'ס אנטוויקלונג איז אין דער אנטגעגנגעזעצטער ריכ־טונג און זשאָרעס'עס אייניקלאך וועלן זיין ניט ווייניקער, נאָר גראָד מער פראנצויזן; אויב בעבעל'ס קינדסקינדער וועלן זיין ניט ווייניקער, נאָר מער דייטשען; אויב טוראַטי'ס קומענדיקע דורות וועלן זיין איטאליענישער און פּלעכאנאָוו'ס פּיל, פּיל רו־סישער, דאן איז, דאכט זיך, ניט מער ווי ריכטיק, אז אונזערע זאָלן לעת־עתה בלייבן אידן.

3

איצט לאָמיר באטראכטן די צווייטע גרופּע (ה—ח):

נאָר צו דארפן זאָגן דאָס, וואָס איך זאָג אין דעם פינפטן פּאראגראף (אָדער עיקר), איז דער טראגי־קאָמיזם פון אונזער לאגע אלס אידן.

שטעלט זיך פאר א פראנצויזישן אָדער א רוסישן, אָדער א שרייבער פון ערגעץ אן אנדער נאציאָנאליטעט, וואָס דארף ערשט אויסטייטשן, אז זיין פראנצויזישקייט, רוסישקייט אָדער ערגעץ אן אנדער „קייט" איז ניט קיין שטער צו דער אינטערנאציאָנאלי־טעט פון זיין סאָציאליזם!

אין מיין ערפארונג פון געהערטע און געלייענטע רעדעס פון סאָציאליסטישע ארבעטער־פירער און טעאָרעטיקער געדענק איך נאָר איין פאל, וואו אזא דערקלערונג איז אימיצן אויסגעקומען צו מאכן. דאָס איז געווען אין בעבעל'ס א רעדע פאר בערלינער

www.libtool.com.cn



סטודענטן, אָבער אפילו יענע דערקלערונג איז ניט דאָס זעלביקע ווי דאָס, וואָס מען האָט אויבן געלייענט. *)

ניט אַז די נאַציאָנאַליטעט איז ניט געגן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם איז אויסגעקומען בעבעל'ן צו דערקלערן, נאָר, פאַרקערט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט געגן נאַציאָנאַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער: אַז דייטשן מעגן זיין דייטשן איז אָפּגערעדט, —בהאָ כולי עלמא לאָ פּליגי, — מחמת זיי זיינען עס; וואָס מען דאַרף מאַכן קלאָר איז, אַז קיין אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם קען בשום אופן ניט האָבן עפּעס דאַגעגן.

מען זאָגט, אַז דער ווילנער ליץ „שייקע" פייפער — איך האָב נאָך געהאַט די זכיה אים צו קענען פּערזענלאַך, לכל־הפּחות אים צו זען — פלעגט האָבן די בריה'שקייט צו ווײַנען מיט איין אויג און צו לאַכן מיט דעם אַנדערן. איך וועל ניט קאַווירן פאַר דעם אמת פון דער דאָזיקער לעגענדע, אָבער אויב אַזאַ קונץ־שטיק איז ניט למעלה מן הטבע, וואָלט אַ מענטש מיט דער פּייאיקייט נאָכצוטאָן ר' ישעיה דעם סאָפּראַנאָ־זינגער פון ווילנער שול — און נאָר ער אליין — געקענט אויסדריקן וואָס איך האָב געפילט, שרייבנדיק יענעם פּאַראַגראַף.

מען דאַרף פשוט קענען וויינען און לאַכן בנשימה אחת, כדי צו זאָגן, אַז אַ איד מעג זיין אַ איד, און צו פילן, אַז דאָס איז ניט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלאַך, ווי עס וואָלט זיין, למשל אין אונזערע צייטן צו זאָגן, אַז די זון און די לבנה זיינען ניט קיין לאַמפּען, וואָס הענגען אין הימל, און אַז זיי האָבן קיין שום שייכות ניט מיט דער סטענדערד אויל קאָמפּאַני.

לאָמיך זיך דאָ, פונדעסטוועגן, אויף אַ ווײַלינקע אָפּשטעלן.

אונזער צרה איז אין דעם דאָזיקן פּרט, וואָס אַ איד קען ניט אויפהערן צו זיין אַ איד, בלייבנדיק אַ איד. קיין פּאַראַדאָקס און קיין דרוק־פעלער. אָט הערט:

---

*) זע וועגן דעם אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל: „איז דער אינטערנאַציאָנאַל קעגן נאַציאָנאַליטעט?"

www.libtool.com.cn



א איד הייסט איינער, וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, צום אידישן צווייג פון דער סעמיטישער ראַסע, אָבער דאָס הייסט אויך איינער, וואָס האַלט פונם אידישן גלויבן, אַזוי ווי א דייטש איז איינער, וואָס געהערט צום דייטשן פאָלק און איז — לאָמיר זאָגן — א קריסט לויט נאָך זיין אמונה.

אין דער צייט, וואָס דער דייטש קען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול־תורה, די רעליגיע, אפילו דעם עול־מלכות—ווען ער ווערט, א שטייגער, אַן אַמעריקאַנישער בירגער — מוז ער אָבער בלייבן, צי ער וויל צי ניט, א דייטש, א מיטגליד פון זיין פאָלק און ראַסע; ווערט דער איד אינגאַנצן אויס איד, און ער מיינט, אַז ער איז מיט זיין אויפהערן צו גלויבן געוואָרן ניט נאָר אויס מאמין אין אידישקייט, נאָר אויך אויס איד אַלס צוגעהעריקער ... זיין נאַציע.

און דאָס איז ניט אַליין די מיינונג פון דעם „כופר בעיקר", דאָס איז אויך וואָס זיין גלויביקער נעגנער האַלט פון אים. טוסטו אויס דעם ארבע־כנפות, קריכסטו אַרויס פון כנסת־ישראל; נעמסטו אַראָפּ די באָרד, פאַרלירסטו אויך דעם צלם־אלהים; פאַר־זינדיקסט זיך די נשמה געגן דער רעליגיע, ווערט זי ניט נאָר גע־שטראָפט, זי ווערט א פ ג ע ש נ י ט ן און ניט נאָר פון דער גלויבנס־גענאָסנשאַפט, נאָר אויך פונם פאָלק: ונכרתה הנפש ההיא מ ע מ י ה — זאָגט דער פסוק.

דער גרויסער עולם נעמט דאָס וואָרט „מעמיה" (פון איר פאָלק) בוכשטעבלאַך.

* * *

און ביי א פאָלק, ווי דאָס אידישע, איז דאָס ביז צו א גע־וויסן גראַד מער אָדער ווייניקער נאַטירלאַך. די „אַפּטריניקעס" ביי אונז זיינען זעלטן ווען אין די אַלטע צייטן, און אפילו ביז דאָ ניט לאַנג, געווען פריידענקער. די שפּינאָזאַס און די אַקאָסטאַס זיינען געווען זייער זעלטענע דערשיינונגען. די מייסטע, וואָס זיינען אַרויס פון דער אידישער סינאַגאָגן־געמיינדע, זיינען גע־ווען משומדים, מענטשן וואָס האָבן זייער אמונה ניט אַוועקגע־

www.libtool.com.cn



וואַרפֿן, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן, נאָר ווייל זיי האָט זיך געלוינט די אמונה איבערצובייטן אויף אַן אַנדערער. זיי זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן צוליב באַקוועמלאַכקייט, צוליב זיכערקייט, צוליב אַן אָרט ביים פֿלייש-טאָפּ פֿון מצרים, זעלטן ווען צוליב אַ פּרויעקציעמער, וועלכע האָט פאַרנומען זייער האַרץ און פאַר'כשופ'ט זייער נשמה (וואָס דאָס איז אין די אויגן פֿון ניט זייער שטרענגע באַאורטיילער אַ שטיקל אַנטשולדיקונג), פאַר־לאָזן צוזאַמען מיט דער אמונה טאַקע זייער פֿאָלק.

די דאָזיקע מענטשן, די משומדים, זיינען טאַקע געווען און זיינען נאָך היינטיקן טאָג, פאַררעטער צו זייער ראַסע. זיי זיינען די „ראַצן וואָס פאַרלאָזן די זינקענדיקע שיף", — די שיף, איבּ־ריקנס, וואָס האַלט אין איין זינקען און ווערט קיינמאָל ניט פאַר־זונקען; וואָס איז ביז איצט אַלץ פּייאיק געווען צו לאַכן פֿון דעם גרעסטן, בייזעסטן, ווימענדסטען שטורם אפילו, ווען ער האָט אוועקגעריסן גאַנצע ברעטער און האָט געמאַכט גרויסע לעכער, אויסצאַפּנדיק בלוט און אריינגיסנדיק וואַסער; אפילו ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זעגל איז צעבראָכן, דער מאַסט איז צעריסן און דער אַנקער איז פאַרשוואונדן; מיט אַנדערע ווער־טער, אַז עס איז מער ניטאָ ניט קיין מעגלאַכקייט ווייטער צו שיפֿן זיך צווישן די ווילד געוואָרענע כוואַליעס, אָדער צו ווערן זיך געגן דעם שטורם, וואָס וויל פאַרטראָגן אין האָצע־פּלאָצע, אָדער זיך אויפצוהאַלטן ביים ברעג, ווען עס איז נויטיק אָפּצו־וואַרטן עד יעבר זעם, ביז דער שטורם וועט איבערגיין.

דריי קלאַסן מענטשן האָב איך מיין גאַנצן לעבן לאַנג גע־האַסט: משומדים, מוסרים און פּראָצענטניקעס, אַלס פאָלקס־פאַררעטער, אַלס עוכרי־ישראל — יעדן אין זיין פאַך און זיין מדרגה.

קיינער וועט קיינמאָל ניט וויסן, וויפֿיל יסורים מיר האָט געמאַכט אין מיינע יונגע יאָרן בערנע'ס שמד אַליין, שוין ניט רעדנדיק פֿון היינע, דער מענדעלסזאָהן-פאַמיליע און די משומדים פֿון בערלין, וועלכע איך האָב דערמאָנט אין דעם פֿאָריקן קאַפּיטל.

www.libtool.com.cn



מיין בערנע! דער פרייהייטס־אַפּאָסטאָל, דער מאַן, וואָס זיין התלהבות פאַר פרייהייט און רעכט און זיין גליענדיקע מענטשנליבע האָבן מיר שטענדיק געבראַכט פאַר די אויגן דעם סנה, וואָס משה האָט געזען, וואָס ברענט און ווערט קיינמאָל ניט פאַרברענט! דער דאָזיקער אומשטערבלאַכער פאַקל־טרעגער אין דעם פינסטערן מדבר פון דער פּרייסיש־עסטרייכישער רעאַקציע; דער דאָזיקער קלאַסיקער־אַגיטאַטאָר, דער מאַן, וועלכער האָט זיין פעלד־געשריי, זיין וועקער־רוף געמאַכט פאַר אַ שטיק פּאָעזיע און זיינע שטראָף־רעדעס פאַר קאַפּיטלאַך פון די אַלטע פּראָפעטן, דורכגעווירצט מיט וואָלטער'ס וויץ, מיט זשאַן פּאָל'ס מליצה, מיט אַלע שיינקייטן פון אַלטע און נייע שפּראַכן — דער דאָזיקער בערנע, מיין בערנע, מיין לייט־שטערן, מיין וועקער, מיין פירער, מיין לערער — אַ מ ש ו מ ד!

אָ, וויפיל איך האָב דערפון געליטן אין מיינע יונגע יאָרן,
אין דער ערשטער צייט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט!

און אפילו איצט, ווען איך ווייס שוין כמעט די גאַנצע נאַטור-געשיכטע פון דעם אידישן פּראָצענטניק און איך קען אויף אים שוין מלמד־זכות זיין; איצט, ווען איך וואָלט אפילו דעם מסור קענען ווען ניט אַנטשולדיקן, לכל־הפּחות שילטן אָן טויט־קללות; איצט, ווען איך קען דעם אָגולנעם שמד פאַרדאַמען, און ניט וויניקער פאַרדאַמען ווי אַמאָל, אָבער שוין אָן אַ דרייפאַכער תוכחה — אפילו איצט זיינען פאַר מיר די דאָזיקע דריי קלאַסן אידן פאַררעטער געגן זייער נאַציע, און אין אַ פיל העכערן גראַד ווי די אַנדערע ביידע—דער משומד.

עס איז פאַר מיר דעריבער לייכט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ביי אונז, אידן, האָט זיך אויפגעלעגט דער באַגריף וועגן דעם אויס־איד, וועלכער וואָלט זיין אומפאַרשטענדלאַך, ווען דאָס וואָלט געוואָרן אָנגעווענדט אויף אַן אַנדער פאָלק און אַן אַנדער אמונה.

* * *

מיין באַהויפּטונג (אין פּאַראַגראַף 6), אַז די אידישע ראַסע

www.libtool.com.cn



איז שטאַרקער פאַר פיל אַנדערע, וואָס דערפאַר וואָלט אין פאַל פון פאַרמישונג אונטערגיין דער אַנדערער צד, ניט דער איד, שטיצט זיך אויף מער ווי פערזענלאַכע באַאָבאַכטונג. עטוואָס וועגן דעם האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אין פרידריך קאָלב'ס קולטור־געשיכטע מיט אַ יאָר 30 צוריק און זינט דעם אַנדערש־וואו.

* * *

אויבן איז דאָ ביי מיר געברויכט געוואָרן דער אויסדרוק „אוועקגעוואָרפן די אמונה". דאָס ווערט אָנגערופן גערעדט (ווי די תורה רעדט, לויט ווי די גמרא וויל האָבן) בלשון בני אדם, אין דער שפּראַך פון דעם מענטשן פון דער גאַס.

אין אמת'ן קען מען קיין אמונה ניט אוועקוואַרפן, אַ שטיי־נער, ווי מען וואַרפט אַוועק אַן אויסגעטראָגענעם בגד, אָדער אפילו אַ בגד, וואָס איז נאָך גאַנץ און נוצלאַך, נאָר ער איז אויף אייך קליין געוואָרן, ווייל איר זענט אויסגעוואַקסן.

איר קענט אויפהערן צו גלויבן אין די נסים ונפלאות, וועל־כע זיינען אַ טייל פון אייער אמונה; איר קענט אויפהערן צו פאָלגן די געבאָטן אין דעם פּרט פון מעגן און ניט־טאָרן, וואָס שטאַמען פון דעם דאָזיקן גלויבן; איר קענט אַ קער טאָן דעם רוקן צו די מנהגים, וואָס זיינען מיט דער אמונה פאַרבונדן; איר מעגט אפילו אויפהערן צו גלויבן אין דעם סאַמע גאָט, פון וועלכן עס שטאַמט און צוליב וועלכן עס עקזיסטירן די דערציילונגען פון די נסים, די מצוות עשה און מצוות לא־תעשה, די רעליגיעזע מנהגים און אַלץ, וואָס האָט דערמיט אַ שייכות.

איר קענט דאָס אַלעס טאָן, אָבער דערמיט באַפרייט איר זיך נאָך ניט פון אייער אמונה: איר קענט זי ניט אוועקוואַרפן. אפילו ווען איר אַליין האָט קיינמאָל קיין אמונה — ווי איר מיינט — ניט געהאַט, בלייבט זי, אָדער לכל־הפּחות אַ גרויסער חלק פון איר, אין אייך, אין אייער לשון, אין אייערע געוואוינ־הייטן אין אייער הלוך, אין אייער באַנעמען זיך צו מענטשן, אין אייער באַשעפטיקונג — ווען די פראַגע איז וואָס אייך ווילט

www.libtool.com.cn



זיך טאָן און וואָס ניט, — אין אייער קליבן פון אכילות און נעטראַנק א. א. וו.

דער אדוואָקאט קופּערניק האָט געזאָגט מיט יאָרן נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געהאַט גע'שמד'ט, אַז עס גייט אים אַלץ נאָך אוים דאָס האַרץ נאָך אַ שטיקל געפילטע פיש ערב שבת און עס דרעמעלט אים זיך נאָך אַלץ שבת בייטאָג.

אין דעם דאָזיקן שפּאַס איז דאָ אַ גרויסער ערנסט. אפילו דער זון און דער אייניקל פון אַ געטויפטן אידן האָט נאָך אין זיך די אידישקייט, וואָס דורות און דורות פון עלטערן און אור־עלטערן פאַר אים האָבן געהאַט אין זייער בלוט און אין זייער מאַרך פון דער וויגל ביז'ן קבר.

עס וואָלט זיך ווען לענגער אויף דעם אָפּשטעלן, נאָר דאָ איז דאָס ניט נויטיק און איז ניט צו דער זאַך. אָנגעפירט האָב איך דעם גאַנצן געשפּרעך, נאָר כדי ארויסצוברענגען דעם פאָלגנ־דיקן געדאַנק:

צו שטעלן די פראַגע „האָט אַ איד אַ רעכט צו זיין גלויבן?— איז אַן אבסורדיטעט, צי דער איד שלעפּט אויף זיך דעם עול־תורה אָדער ניט. מען וואָלט גראַד אַזוי גוט קענען פרעגן — אין דעם פאַל, מיין איך, פון אַ פריידענקער — צי האָט אַ מענטש אַ רעכט צו זיין קינדהייט, צו זיין טאַטן און מאַמען, אָדער ניט.

און דאָס זעלביקע איז ריכטיק פון דער נאַציע, פון דעם כלל־ישראל. אָבער בעת־די אמונה פון דעם יחיד ווערט דורך שמד סוף־כל־סוף פאַרט פאַרשוואונדן, אפילו ווען דאָס זאָל נע־מען צען, פופצן אָדער צוואַנציק דורות, וועט דער גלויבן שטענדיק בלייבן ניכר ביי אַ נאַציע און וועט שטענדיק כאַראַקטעריזירן די נאַציע, אפילו כולנו „חכמים“, כולנו „נבונים“, כולנו ע מ י ־ א ר צ י ם אין דער תורה.

דאָס וואָלט איך ווען, מען זאָל געדענקען, ווען מען רעדט דערפון, אַז אידן קענען בלייבן אַ נאַציע, אָדער נאַציאָנאַליטעט אפילו דאַן, ווען זיי פאַרלירן זייער אמונה.

מיט דעם נאַר־וואָס געגעבענעם פירוש הייסט דאָס: ווען זיי

www.libtool.com.cn



הערן אויף צו גלויבן און אָפּצוהיטן די צערעמאָניעס פון זייער אַמאָליקער אמונה.

* * *

טאָמער נויטיקט זיך אימיצער אין אַ באַווייז, אַז רעליגיע, ווי מיר, פּוילישע אידן, פאַרשטייען דאָס וואָרט, איז ניט אַב־סאָלוט נויטיק, כּדי אויפצוהאַלטן די אידישע נאַציאָנאַליטעט און דאָס אידישע נאַציאָנאַלע געפיל, איז גענוג זיך אַרומצוקוקן אין מערב־אייראָפּע.

נאָר לאָמיר דאָס נעמען צוזאַמען מיט דעם פּרט פון שפּראַך.

ווער עס האָט געלעבט אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד און ספּעציעל אין דייטשלאַנד, וועט האָבן באַמערקט, אַז די אידן אין יענע לענדער זיינען אויף קיין פאַל ניט ווייניקער אידן, דאָס הייסט, זיי האָבן ניט ווייניקער ראַסן־באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַל־געפיל, ווי די רוסיש־פּוילישע אידן. אין יענע לענדער ווייסט דער דורכשניטלאַכער איד אַזוי גוט ווי גאָרנים פון דעם, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו רופן אידישקייט. פרעגט אים בחרם, וואָס תפלין זיינען—אינעווייניק—אפילו וואָס דער אונטערשייד איז צווישן מצה שמורה און פלאַכע פּאַמפּושקעס. אויב ער האָט אין זיינע יונגע, זייער יונגע, יאָרן אַריינגעקוקט אין אַ סידור, האָט ער צו דרייסיק יאָר לאַנג שוין פאַרגעסן ווי עס זעט אויס אַ קרומער „כּף“, אָדער אַ לאַנגער „נון“, און וואָס איז, למשל, שייך צו אַזאַ זאַך, ווי אַ לאַנגן „והוא רחום“, איז דאָס פאַר אים אַ גרעסערע מיסטעריע, ווי עס איז גרין-דאָנערש־טאָג פאַר אַ ליטווישן חדר־אינגל.

און דאָך איז ביי אים דער איד אין הארצן לעבעדיקער, ווי ביים רוסישן אָדער פּוילישן אידן.

נאָך מער.

דער פרומער, אידישער איד פון אונזערע מקומות, וואָס האָט אין זיך אָן אַ שיעור קאַפּיטלאַך תהלים, פּרקים משניות, בלאַט גמרא, חוץ „שנים מקרא ואחד תרגום“ אַלע וואָך, און יוצרות, און פּיוטים, און וואָס ניט; דער דאָזיקער איד, וואָס האָט צוויי

www.libtool.com.cn



אידישע לשונות (פאַר „דברי חול“ און „דברי קודש“) און א אידי־
שע יאַרמאַלקע אויפן קאָפּ מיט אידישע בגדים אויפן לייב, —
דער דאָזיקער גוטער, פרומער איד האָט כמעט קיין באַגריף ניט
פון אידישער געשיכטע, אָדער פון דער געאָגראַפיע פונם הייליקן
לאַנד. ער ווייסט דערפון אפילו ניט אויף אזוי ווייט, ווי מען קען
דאָס וויסן פון תנ"ך, ווייל ער לערנט עס ניט, ווי ער וואָלט דאָס
נעדאַרפט לערנען. טאָמער האָט ער געקענט פון ספר יהושע קריגן
א באַגריף דערפון, ווי אזוי ארץ־ישראל איז געווען אמאָל פאַר־
טיילט צווישן די צוועלף שבטים, היפּט ער איבער די דאָזיקע קאַ־
פּיטלאַך. דער לעגענדאַרישער טייל פון תרגום שני איז אים
קלאָרער, ווי דאָס, וואָס קען האָבן א היסטאָרישן ווערט אין
מגילת אסתר א. א. וו.

דער „טייטש מיטן שפּאַלט“, פאַר וועלכן דער דאָזיקער פרוּ־
מאַק האָט אזא טיפע פאַראַכטונג, האָט געוויס פונם תרגום שני
קיינמאָל ניט געהערט, אָבער ער קען אייך אָנווייזן אויף דער
לאַנדקאַרטע, וואו די שבטים האָבן אמאָל געוואוינט, און ער האָט
א שטיקעלע (אמאָל א שטיק) ידיעה ניט נאָר פון דער אידישער
געשיכטע אין דער ביבל, נאָר אפילו אין צונג און גרעץ און דעם
אלטן „יאָזעפוס“.

בקיצור, דער איד כמעט אָן אמונה און זיכער אָן א אי־
דישן לשון איז אין תוך מער איד, ווי דער, וואָס האָט די גאַנצע
אַלטע אמונה מיט אַלע קליפּערלאַך און פאַרמאָגט חוץ דעם אידיש
און לשון קודש, דאָס הייסט, צוויי לשונות.

א רעכט צו אָן אמונה, א רעכט צו א לשון — געוויס, גע־
וויס! די פראַגע איז אָבער, צי העננט ווירקלאַך דעם אידנ'ס
אידישקייט אָפּ פונם לשון, אָדער פון דער אמונה.

איך וועל מיר דאָ דערלויבן ווידער אמאָל א קירעווע צו טאָן
אָן א זייט.

* * *

עס איז ביי מיר קיין ספק ניטאָ, אז די אידישע שפּראַך, אין
וועלכער דריי־פערטל פון אַלע אידן היינטיקן טאָג רעדן און

www.libtool.com.cn



שרייבן, איז די שפּראַך, וואָס וועט פאַר אַ לאַנגער צייט בלייבן די פאָלקס־שפּראַך, די „אומגאַנגס־שפּראַך“, און, ניט אַכטנדיק אויף אַלע באַמיאונגען פון די העברעאיסטן, וועט העברעאיש נאָך לאַנג מוזן וואַרטן, ביז עס וועט פאַרנעמען דעם אָרט פון אידיש.

דאָס איז אמת. אָבער „לאַנג“ און „לאַנגע צייט“ איז ניט „תמיד“ און „אייביק“.

שטעלט זיך פאָר, אַז רוסלאַנד ווערט פרייער און אידן הויבן אָן זיך צו רוסיפיצירן און גייען אַזוי ווייטער, ביז זיי קומען אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי די פראַנצויזישע און ענגלישע אידן. ווי לאַנג דער פּראָצעס וועט דויערן, איז דאָ פאַר אונז קיין נפקא־מינה ניט.

איז דאָס אָבער געשען, און האָבן זיך דערווייל די גאַליציאַנער און רומענישע אידן אויך אַסימילירט אין דער לאַנדס־שפּראַך — הגם זייער נאַציאָנאַליטעט־געפיל איז, פאַרקערט, גע־וואַקסן — דאַן האָבן מיר אין אייראָפּע און אַמעריקע אַזאַ מין לאַגע:

זעקס מיליאָן אידן, וואָס רעדן רוסיש אין רוסלאַנד, דריי מיליאָן (אַזוי פיל וועלן דאַן שוין זיכער זיין) אין אַמעריקע, וואָס רעדן ענגליש, און דריי מיליאָן אין אַנדערע לענדער, וואָס רעדן אַלערליי אַנדערע שפּראַכן — די אַלע, זיך פילנדיק אַלס אידן, דאַרפן צווישן זיך האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, כדי זיך צו קענען צונויפרעדן בנוגע צו זייערע אַלגעמיין־אידישע ענינים. וועלכע שפּראַך וועט דאָס זיין?

פאַרגעסט ניט, אַז אידיש, אַ נויטווענדיקייט, למשל, ביי די איינגעוואַנדערטע אַנדערהאַלבן מיליאָן אידן אין אַמעריקע און ביי דער גרויסער מאַסע ר ו ס י ש ע אידן, איז איצט — איך רעד פון דער קומענדיקער צייט אין אונזער פאָרשטעלונג — שוין

www.libtool.com.cn



קיין נויטווענדיקייט ניט מער, ניט פיל מער ווי לשון קודש היינט. *)

איז, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, ניט איינפאַך לאָגיש און נאַטירלאַך, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך זאָל זיין יענע, אין וועלכער דאָס אידישע פאָלק איז געבוירין געוואָרן, איז געוואַקסן און האָט זיך געהאָדעוועט אַ קימאַ־לן פון דריי־טויזנט יאָר? ווארום זאָל אַ רוסיפיצירטער, אַנגליזירטער, גערמאַניזיר־טער א. אַ. וו. איד רעדן מיט אידן פון אַנדערע לענדער אַ אידיש־דייטשן דיאַלעקט?

ביז דאַן וועט זיין, פאַרשטייט זיך, אויסגעוואַקסן אַ גרויסע אידישע ליטעראַטור. אמת! אָבער, ערשטנס, וועט דאָס בעסטע, זייענדיק דאָס אידישסטע, אין דער דאָזיקער ליטעראַטור לייכט איבערזעצט ווערן אין העברעאיש, ווי דאָס ווערט שוין געטאָן היינטיקן טאָג (דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט העברעאיזירן, איז סיי־ווי־סיי ניט אמת אידיש, נאָר דייטש, רוסיש, ענגליש אָדער ערגעץ אַן אַנדער שפּראַך שלעכט אָדער גוט געאידישט).

און, צווייטנס, וועט איר, למשל, דאָ אין אַמעריקע קינסטלאַך ניט מאַכן דעם קומענדיקן דור לייענען און שרייבן אידיש, אין וועלכער ער וועט זיך ניט נויטיקן אַלס אַן אומגאַנגס־שפּראַך, הויל צוליב אידישקייט. צוליב דעם וועט יענער דור זיכער פאַר־ציען די העברעאישע שפּראַך, אין וועלכער ער קען לייענען סיי „אַז ישיר" און „למה רגשו גויים", סיי ר' יהודה הלוי און שלמה בן גבירול, סיי מענדעלע מוכר ספרים'ס „סוסתי" (געוועזענע „קליאַטשע") און פּרצ'עס „כתבים", איידער די שפּראַך, אין וועלכער אים וועט פעלן זיין גאַנצע נאַציאָנאַלע פאַרגאַנגענהייט.

*) מאָרים ווינטשעווסקי דערקלערט, אַז זיין רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אים איבערצייגט, אַז אידיש האָט אַלע מעגלאַכקייטן צו בלייבן די שפּראַך פונם אידישן פאָלק אויך אין דער „קומענדיקער צייט". (זע אויך אויבן די באַמערקונג צו זייט 214).

www.libtool.com.cn


דוקא דאָס, וואָס זונדערט אים אָפּ פון אַנדערע נאַציעס און גיט צו זיין אייגנאַרט די עקזיסטענץ־בארעכטיקונג.

פארשטייט מיך ריכטיק. איך רעד דאָ ניט וועגן דעם, וואָס איז ווינשענסווערט. איך רעד נ אָ ר דערפון, ווי מיר דוכט זיך, אַז עס וועט מיט דער צייט קומען. דאָ מאַך איך ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אָדער יענער שפּראַך, דאָ דריק איך נאָר אויס מיין אמונה, אָדער בעסער געזאָגט, די צוקונפט, אין וועל־כער איך גלויב, בנוגע צום אידישן פאָלק.

אין דער דאָזיקער — ניט זייער ווייטער — צוקונפט זע איך אידן אין פארשידענע לענדער, רעדנדיק די לאַנדס־שפּראַכן, ווייל זיי מוזן עס, און האָבנדיק ד י ד אָ ז י ק ע ש פּ ר אַ כ ן פאַרן גאַנצן פאָלק אין יעדער מדינה און אין העברעאיש פאַר יחידי־סגולה, אָדער לאָמיר זאָגן, פאַר דער אידישער אינטעליגענץ, זייער נאַציאָנאַלע קולטור און קולטורעלע אוצרות,—די לעצטע אין לשון קודש.

דאָס וועט באַלד נאָך קלאָרער ווערן. דערוווייל דערלויבט מיר נאָך איין וואָרט און איך קער זיך אום צו מיין הויפּט־ענין.

איך שרייב איבער אַ דריטל יאָרהונדערט אידיש. בעת העברעאיש איז מיר כמעט שוין אַ פרעמדע שפּראַך. האָב איך אויף מיין געוויסן אַ שיין ביסל אַנגעשריבענע „אידישקייט". און איך בין ניט קיין שלעכטער טאַטע צו מיינע גייסט-קינדער. איך ליב זיי, זאָל מען ניט זינדיקן מיט די רייד, מיט אַלע זייערע פע־לערן. און דאָך — „דערציילט עס ניט אין גת!" — ווען איך בין מיט זיך אליין, טוליע איך צו מיין ערשטע ליבע צו מיין אַלט הארץ און קוש אין געדאַנק דאָס געדעכטעניש פון דער שפּראַך, מיט וועלכער מיין פעדער איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דעם יאָר 1886.

* * *

ווי געזאָגט, די פראַגע איז, צי העגנט ווירקלאַך אָפּ דעם אידנ'ס אידישקייט פונם לשון, אָדער פון דער אמונה.

נו, מכח דער אמונה איז, דאַכט זיך, ניט נויטיק זיך נאָך

www.libtool.com.cn



ווייטער צו פאַרנעמען מיט חקירות און ראיות. עס איז גענוג צו אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז דער שטודיום פון אידישקייט, דאָס הייסט פון אידישער וויסנשאַפט, אידישער קולטורגעשיכטע און אַלגעמיינער געשיכטע, הויבט זיך אין אמת'ן אָן דאָרטן, וואו די רעליגיע, ווי דאָס וואָרט ווערט געוויינטלאַך פאַרשטאַנען, ענדיקט זיך. דאָס ווייסט יעדער איינציקער.

וואָס אָבער איז שייך צו דער שפּראַך, גיי איך נאָך אַ שריט ווייטער.

איך גלויב, אַז ווען מיר זאָלן דאָ, אין אַמעריקע, למשל, וואַרטן מיט דער אידישקייט פון דעם יונגען דור ביז ער וועט זיך אויסלערנען צו לייענען העברעאיש אָדער אפילו אידיש, וועלן מיר אויספירן ווי יענער חכם, וואָס האָט ניט געוואָלט זיינע קינדער לאָזן גיין אין וואַסער אריין איידער זיי וועלן קענען שווימען. זעט וואָס עס טוט זיך היינט.

איידער עס איז נאָך געווען אַ זכר פון אידישער געשיכטע און אידישער וויסנשאַפט אין אידיש, אָדער אפילו אין העברעאיש, האָט דער, וואָס האָט געקענט לייענען אייראָפּעאישע שפּראַכען, געהאַט די מעגלאַכקייט צו ווערן אַ געבילדעטער איד, אַ איד, וואָס האָט אַ ידיעה פונם אידנטום.

גרעץ און יאָסט און גייגער און קאַרפּעלס זיינען געלייענט געוואָרן פון דעם אויבן דערמאָנטן „גוי", דעם „טייטש מיטן שפּאַלט", וואָס האָט אין זיין אידישן וואָרט־שאַץ ניט מער ווי „מכולה", „פּליטה", „רשע", „בחנם", „חוצפה", „חכם" און נאָך אַ פּאָר טוץ אַזעלכע ווערטער.

מיר, מיט גאַנץ ש"ס, פּוסקים און אַלע מדרשים אין אונז, האָבן ענטוועדער זיך געשטיקט מיט קלמן שולמנ'ס שטיקלאַך און ברעקלאַך, אָדער אַ־ניט האָבן מיר גייסטיק געהונגערט.

אָרשאַנסקי און לעוואַנדע און בכלל די אידישע רוסיש־שרייבער האָבן געעפנט טיר און טויער פאַר די רוסישע אידן, וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען לייענען רוסיש.

און אפילו היינט, מיט אונזער גאַנצער פיל געריממטער אי־

www.libtool.com.cn


דישער ליטעראַטור, קענען מיר מער אמת'ע אידישקייט דערגיין אפילו דורך דער פראַנצויזישער שפּראַך און זיכער דורך דער רוסישער ווי דורך אונזער אייגענעם לשון.

מיר האָבן נאָך ניט קאָדיפיצירט די כללים פון אונזער שפּראַכנעבראַוך, מיר האָבן זיך אפילו נאָך ניט געאייניקט אויף אַן אוניפאָרמער אַרט פון אויסלעגן ווערטער בעת אונזערע פּלע־מעניקעם אין רוסלאַנד האָבן אַ אידישע ענציקלאָפּעדיע אין רו־סיש און אונזערע קינדער האָבן אַזאַ אידישע ענציקלאָפּעדיע אין ענגליש.

אויב, אַלזאָ, וויכטיק איז ניט אַזוי דער „קנקן" ווי דער „מה שיש בו", ניט אַזוי דער לשון ווי דאָס וואָס קען דורך דעם לשון דערגרייכט ווערן, דאַן איז קיין צווייפל ניטאָ, אַז אידיש און העברעאיש—ביידע—זיינען ניט נאָר ניט אַבסאָלוט נויטיק צו דער אידישער נאַציאָנאַליטעט־אַנטוויקלונג, נאָר זיינען דערצו ני־כער אַ שטער.

גרעץ און דובנאָוו *) קענען אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד טאָן זייער אַרבעט פאַרן אידישן פאָלק שוין איצט!

וועט מען זיי קענען האָבן אין אידיש און העברעאיש—טייל־ווייז האָט מען זיי שוין און איך נעם זיי נאָר פאַר אַ ביישפּיל—נעווים גוט.

אָבער די אידישע נאַציאָנאַליטעט קען וואַקסן און געדייען אין יעדן לאַנד אויך אין דער לאַנדס־שפּראַך.

4

צוּלעצט וועגן דער פערטער גרופּע (ט—יג):

פאַר דעם אויבערפלאַכלאַכן באַאָבאַכטער איז די אידישקייט, אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע, צום ביישפּיל, כמעט שוין אויסגע־שפּילט.

---

*) זע אויבן זייט 104.

www.libtool.com.cn



ווען ער זעט די טויזנטער אידישע קינדער אין די אמעריקאַ־נישע שולן, ווי זיי „זאַפּן זיך אָן" מיט דער נייער שפּראַך, מיט דער פּאָעזיע, מיט דער געשיכטע, וואָס איז אין איר געשריבן, מיט דער גאַנצער ליטעראַטור אירער, און ער זעט, חוץ דעם, אַז די דאָזיקע יונגוואַרג ווערט אַלץ מער און מער אויסגעטאָן פון דער אידישקייט, ווייניקסטענס פון דעם, וואָס זייַן טאַטע און מאַמע האָבן גערופן אידישקייט, קלערט ער, אַז עס איז אויס מיט אונ־זער „גאַנצערע הערלאַכקייט".

איז ער אַן אַסימיליאַטאָר, פרעט ער זיך; איז ער אַ נאַציאָ־נאַליסט, ווערט אים טרויעריק און אומעטיק אויפן האַרצן.

טרעפט זיך, אַז דער בעל־דבר איז ניט דאָס און ניט יענעס, נאָר דער סאָרט „איך-האָב-די-גאַנצע-וועלט-אין-דר'ערד"-ציניקער, וועלכן מען רופט היינט קיבעצער, און דאַן איז די אויסזיכט אויף אַ פאַרשוואונדענער אידישקייט אַ זאַך, איבער וועלכער מען מאַכט חוכי־וטלולי, שטשירנדיק די ציינער.

אָבער די שמחה פונם אַסימיליאַטאָר, דער עגמת־נפש פון דעם נאַציאָנאַליסט, אַזוי גוט ווי דער פרעכער ציניזם פונם קי־בעצער זיינען אומזיסטיקע.

עס איז אמת, דער יונגער דור, וואָס ווערט דערצויגן אין היגע שולן, אַמעריקאַניזירט זיך זייער שנעל. מיט דער טאַלע־ראַנץ, וועלכע הערשט דאָ אין לאַנד—פון אויסנאַמען רעדט מען ניט—ווערן די קינדער אַזוי באַהאַנדעלט, אַז זיי פילן זיך טאַקע אַלס אַמעריקאַנישע קינדער. חוץ דעם איז אַמעריקע אַ מדינה, וואו קיין נאַציאָנאַליטעט איז ניט איינגעפונדעוועט אויף דעם זעלביקן אופן ווי עס איז, למשל, די פראַנצויזישע אין פראַנק־רייך. אַלע זיינען דאָ איינגעוואַנדערטע, און די פראַגע איז נאָר ווער איז אַריינגעקומען פריער אין לאַנד און ווער שפּעטער; ווער מיט דער „מאַיפלאַוער" און ווער מיט דער „לוקעניאַ"; ווער דורך ענגלישער פאַרפאָלגונג אין דעם 17טן און ווער דורך רוסישער דיטאָ אין דעם 19טן יאָרהונדערט.

און איך קען אייך אפילו נאָך וואָס צוגעבן:

www.libtool.com.cn



דער איד אין אַמעריקע שטייט טאָקע ניט זייער הויך אויפן סאָציאַלן לייטער, ווייל מיט א שטאַפּל העכער פאַר אים שטייט דער דייטש, מיט צוויי שטאַפּלען העכער — דער איירישמען, מיט דריי העכער — האָלענדיש־ניו־יאָרקער, אָדער דער בריטיש־אַמע־ריקאַנער און ,לעילא ולעילא, איבער אַלעמען, דער „אמת׳ער יענקי", הוא היענקי, וואָס זיין עלטער־עלטער זיידע׳ס זיידע האָט געהאָלפן באַפרייען די מדינה פון ענגלאַנד׳ס הערשאַפט. דער איד, זאָג איך, שטייט טאָקע ניט זייער הויך, אָבער דערפאַר האָט ער אונטער זיך מיט א שטאַפּל נידעריקער דעם איטאַליענער און דעם גריך, מיט צוויי שטאַפּל נידעריקער דעם נעגער און מיט דריי אָדער פיר דעם מאַן מיטן צאָפּ.

עס איז דעריבער ניט מער ווי נאַטירלאַך, אַז אידישע קינדער אין אַמעריקע זאָלן זיך דאָ פילן אין דערהיים; אַז זיי זאָלן זיך צייטנווייז אַזוי ווייט פילן היימיש, אַז זיי זאָלן שפּעטער זיין צווישן די, וואָס ווילן אַהער ניט אַריינלאָזן אַנדערע אידן פון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע. אַזאַ אידיש קינד איז, לאָמיך בדרך אגב באַמערקן, מיסטער סעמיועל גאָמפּערס.

דאָס אַלעם צוגעגעבן, בלייבט פונדעסטוועגן דער פאָלגנדער פאַקט:

די שולן מאַכן די אידישע קינדער פאַר אַמעריקאַנער, דאָס לעבן אָבער מאַכט די דאָזיקע אַמעריקאַנער צוריק פאַר אידן.

ארוים פון שול, געפינט דאָס אידיש קינד, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. דאַכט זיך, דער „זשי־ווהיז!!" מיטן „דזשיזאַס!!!" מיט די אַלע סלענג־ווערטער, פריש פון „וואָדעוויל", זיינען עכט אַמע־ריקאַניש. דאַכט זיך, מיר רעדן שוין פון „בייז־באָל" ווי אמת׳ע יענקים, און קענען שוין ביים נאָמען און פריזווישקע יעדן „פּרייז־פייטער", און ווייסן שוין וואָס א „סאלאר פּלעקסאָס" און וואָס א „נאָק־אוט" איז, און פאַראַכטן שוין ערנסטע ביכער, און גאָלן שוין די וואָנציעס ווי אַקטיאָרן אין דערהיים, און פאַרקרימען שוין דעם נאָז, רעדנדיק פון דער „אָלד קאַנטרי" מיט די היימישע גרינהאָרנס, — דאַכט זיך, מיר זיינען שוין אַזוי ווייט און דאָך...

www.libtool.com.cn



און דאָך ניט מען אונז אומעטום—און אָפטער ווי אונז וואָלט ליב זיין—צו פארשטיין, אז מיר זיינען אידן, אמאָל אפילו, אז מיר זיינען „שיני'ס“.

עס העלפט ניט דער רייכטום. עס העלפט ניט דער פאר־געסן יעדן ברעקל אידישקייט. איר מעגט ערלאך און געוויסנ־האפט קעננען זיין אזוי עמאנסיפירט פון אלע „אָלד פעשאָנד“־דיגע זאכן און ניט צו וויסן די נפקא-מינה צווישן א מזוזה און א דודקע, אָבער דאָס העלפט אייך ניט. איר קענט ווערן אין אידישקייט א גוי, אָבער איר בלייבט דאָך אין אייער גוי'אישקייט א איד, טוט וואָס איר ווילט.

אפילו דער שמד העלפט ניט. טאָמער פארגעסט איר, פאר־געסט די וועלט ניט — אייער וועלט ניט, די וועלט ארום אייך ניט — אז איר, אויגוסט בעלמאָנט, למשל, האָט אמאָל געהייסן אבא אָדער אהרן שיינבערג (בעל—שיין, מאָנט—בארג) און אז איר, אָדער אייער טאַטע, קומט מזרע היהודים.

עס העלפט ניט דער שמד. עס העלפט ניט אפילו דער גע־בוירן ווערן פון געטויפטע עלטערן. חוץ אלעמען האָט דער אידי־שער נאָז א טבע צו מאכן זיך עקסטרא פראָמינענט אויפן פנים, און דער שפּאָס (ביים בעל־דבר—דער טראגיזם) פון דער זאך איז, אז א טאַטע־מאַמע פון סובאלק, אָדער יעליסאַוועטגראַד, מיט א קליינעם, אָפט כמעט גריכישן נאָז, האָבן דאָ אין אמע־ריקע, אין ענגלאנד, אין דייטשלאנד און אנדערש־וואו — איך האָב דאָס באָאָבאכטעט אין א האלב טוץ מדינות — קינדער מיט אמת־אידישע, לאנגע, קריוטשקאָוואַטע נעזער. עפּעס אזוי ווי אויף להכעיס קומט דער נאָז דוקא דאן, ווען עס ווילט זיך אים אם מייסטן האָבן וואָס ווייניקער „הערפאָרראגענד“.

אָבער אייער אידישקייט ווערט פארראַטן ניט דורכן שמעק־אָרגאַן אליין. ווי לאַנג איר זאָלט ניט זיין ארויס פון כנסת ישראל, דערקענט מען אייך תמיד, אז איר זייט א איד, און מען דערקענט אייך אלץ גיכער און מען פאראכטעט אייך דערפאר אלץ מער, וואָס שווערער איר ארבעט זיך צו פארשטעלן.

www.libtool.com.cn



און דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז איר זאָגט צו זיך אַליין פריער אָדער שפּעטער: וואָס העלפט עס?! אומזיסט געאָפּערט, מען קען ווערן אַ גוי ווי אין פּסוק שטייט, אָבער אויס־איד קען מען ניט ווערן. מען קען אויסלערנען דעם מאָגן צו פאַרדייען טרפות, אָבער מען ניט אויסלערנען די ליפּן צו באַהאַלטן דעם שפּור פון אַמאָליקער כשרות. מען קען אַמעריקאַניזירן די היטל, אָבער ניט די שוואַרצע האָר; מען קען אויסטאָן דעם עול־תורה, אָבער דער „צלם־אלהים" בלייבט, אפילו ווען עס זעט זיך דער צלם אויף דער ברוסט.

און אָן אייער אידישקייט דערמאָנט מען אייך ניט דווקא דורך צאַרישער אכזריות. אַמעריקאַנישע אידנליבע שטעכט נאָך מער אין הארצן. „זשיד פּראָקליאַטי!" איז אַ באַליידיקונג, וועל־כע איר קענט פאַראַכטן. דער היגער: „איר זייט עפּעס גאָר ניט קיין איד, ליבער קאָהען!" איז אַ גיפטיקער קאָמפּלימענט, וואָס נעמט אייך דורך און דורך. יענער באַליידיקט אייער פּערזאָן, אייך אַליין, היינט, אין אַ געוויסן לאַנד; דער דאָזיקער באַליי־דיקט אייער פאָלק, אייער היינט און אייער אַמאָל, דאָ און אומע־טום, דעם גאַנצן שלשלת־היוחסין אייערן ביז אברהם אבינו.

און שטופנווייז, אַליין דאָס ניט מערקענדיק, קומט איר צו־ריק צו דעם מקור, פון וואַנען איר האָט זיך גענומען: ווערט איר אַ איד.

איר הויבט אָן זיך צו אינטערעסיר'ן מיט דער פאַרגאַנגענ־הייט פון אייער פאָלק. איר הויבט אָן צו זוכן פאַר זיך ביי זיך דעם יחוס, וואָס איר קענט געפינען ביי אַנדערע. איר הויבט אָן צו קלערן, אַז אויב איר שטייט ניט העכער פון אַנדערע, שטייט איר דאָך בשום ענין אופן ניט נידעריקער פאַר זיי. איר פאַנגט אָן צו שטאָלצירן מיט דעם פאַקט, וואָס אייער נאַציאָנאַליטעט איז געבליבן אַ קלאָר-אויסגעפּרעגטער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער טייל פון דער מענטשהייט, בעת די באַזיגער פון אייער פאָלק זיינען כמעט אַלע אוועק מיטן רויך אין אַזאַ פּאָליטישן וואולקאַן־אויסברוך, ווי דער, וועלכער האָט פאַרניכטעט אייער נאַציאָנאַל־

www.libtool.com.cn



טעריטאָריאַלע עקזיסטענץ.

און איר, וועלכער האָט אַלס קינד אין אַן אַמעריקאַנישער שול, אין אַן אַמעריקאַנישער האַי־סקול, אין אַן אַמעריקאַנישן קאָלעדזש שוין אָנגעפּאַנגען זיך צו האַלטן פאַר אַזאַ פולקומענעם גוי ווי, כאַפּט אייך אָן, ריטשאַרד מוירפי אַליין, קומט ביסלאַכ־ווייז צוריק צו זיך. איר קומט צוריק, און ווען איר זייט אויג־אויף־אויג מיט אייער געוויסן, הערט איר ווי דער געוויסן אייע־רער בורבעלט בקול דממה דקה: „אַסימיליאַציע וואָלט שוין אפשר זיין אַ גוטע זאַך, נאָר דער אַנדערער צד וויל זיך ניט אַסימילירן... אַלכּסנדר׳קע האָט אויך אַ דעה“.

דאָן פּאַסירט אויך, דעם אידישן יענקי, הײַנט דאָס זעלביקע, וואָס האָט פּאַסירט מיט הונדערט יאָר צוריק דעם אידישן דייטש.

דער דור נאָך דער דייטש־טימעליי, נאָך דעם מאַסנשמד, נאָך דעם שפּרינגען פון דער אידישער הויט מיט אַלע כּוחות, מיט אַלער געוואַלט, — דער דאָזיקער דור קומט צוריק מיט דער דייטשער שפּראַך, מיט דער דייטשער אויסערלאַכער בילדונג צום אידנטום, און עס ווערט ביסלאַכווייז אַ נייער איד.

„איך בין אַ יודע אוים איבערצייגונג“, האָט אויף זיך גע־זאָגט יאָהאַן יאַקאָבי, דער גרויסער פּרייסישער איד, וועלכער האָט געהאַט דעם דאָפּעלטן מוט: צו פּערציק יאָר צו זאָגן אין פּנים דעם אמת אַ פּרייסישן מאָנאַרך און צוזושטיין צו דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי צו זיבעציק, אין אַ צייט, ווען ביידע שריטן זיינען געווען פאַר זיך געפערלאַך.

„אַ איד פון איבערצייגונג!“ ניט אַ איד אַלס אַ מאמין; ניט אַ איד בעל־כרחו, ווייל ער איז אַזוי געבוירן געוואָרן, נאָר אַ איד, ווייל ער איז איבערצייגט, אַז פאַר אים איז די אידישקייט זיין „איך“, זיין וועזן, זיין עקזיסטענץ־בארעכטיקונג; אַז ער קען נאָר אַלס איד זיין אַ מענטש, כּדי צו זיין אַלס מענטש אַ קעמפער פאַר די אידעאַלן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

* * *

www.libtool.com.cn



איז עס נויטיק אַריינצוגיין אין פיל איינצעלהייטן, כדי צו מאַכן קלאָרער מיין עלפטן אני־מאמין?

דאַכט זיך, עטלאַכע ווערטער דאַרפן זיין גענוג.

דער פאָרטשריט אין דער אָנווענדונג פון דאַמף און עלעקטריציטעט צום איבערוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד פירט דערצו, אַז די פרעמדע אין יעדן לאַנד פאַרמערן זיך אין צאָל. זינט דער בעל־עגלה האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון אַ „לוזיטאַניאַ" אויפן ים און פון אַ „ניו יאָרק סענטראַל" אויף דער יבשה, איז די באַפעלקערונג פון יעדער מדינה אַלץ מער דורכגעמישט געוואָרן מיט פרעמדע. אין פראַנקרייך, צום ביישפּיל, זיינען היינט דאָ פיל דייטשן, ניט אַכטענדיק דערויף, וואָס דער דייטשן־האָס איז נאָך עד־היום ניט פאַרשוואונדן. פראַנצויזן אין דייטשלאַנד פאַרמערן זיך אויך און ווער רעדט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין די דאָזיקע און אַנדערע לענדער?

דער אויבנדערמאָנטער אַלטער יאַקאָבי האָט, אויב איך האָב ניט קיין טעות, דער ערשטער געחלומ'ט וועגן אַ פאַרברידערטער אַלטער וועלט, וועלכע זאָל אָננעמען די געשטאַלט פון „פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע".

דער דאָזיקער חלום קען אפשר אַמאָל פאַרווירקלאַכט ווערן— מעגלאַך איז אַלץ. וואָס מיר זעען אָבער שוין איז, אַז וואָס אַ יאָר לענגער פאַרלירן די גרעניצן אַלץ מער זייער אַמאָליקן ווערט און די נאַציעס ווערן אָן, ביז צו אַ געוויסן גראַד, נאַטירלאַך, דעם באָדן אונטער די פיס. און דער דאָזיקער פּראָצעס מוז, וואָס ווייטער אַלץ מער, פאַרשטאַרקט ווערן ביז אין יעדער אַלטער מדינה וועלן די נאַציאָנאַליטעטן זיין אַזוי שטאַרק דורכגעמישט ווי היינט אין אַמעריקע. דער רעזולטאַט דערפון מוז זיין — דייטשן און פראַנצויזן און ענגלענדער צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ווען ניט אין דעם זעלביקן גראַד און אַזוי שטאַרק ווי היינט די אידן, יעדנפאַלס אויף דעם זעלביקן אופן. דאָס, ווידער, האָט צו באַטייטן, אַז די טעריטאָריאַליטעט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, וועט ווערן שוואַכער און שוואַ־

www.libtool.com.cn



בער אַלס אַן עלעמענט אין דער פעלקער־אַנטוויקלונג.

געווים, די שוואַכערע ראַסן, די וואָס האָבן ניט קיין שטרענג־אייגנטימלאַכן, קלאָר־אויסגעפּרעגטן כּאַראַקטער, וועלן זיך פאַר־מישן און פאַרלירן צווישן די שטאַרקערע, ווי איינצלנע מענ־טשען אָן אַ אייגענעם כּאַראַקטער, אָן אַן אינדיווידואַליטעט, אָן עפּעס אַזוינס, בקיצור, וואָס ווייזט, אַז זיי צייכענען זיך אויס און אונטערשיידן זיך פון אַנדערע, וועלן בטל און אַסימילירט צווישן די אַרומיקע שטאַרקערע מענטשן.

דאָס איז אַזוי, און ניט ווייניקער זיכער איז, אַז עס וועט נאָך לאַנג דויערן ביז אַלטע, טעריטאָריעל־איינגעפונדעוועטע נאַ־ציעס וועלן דערגרייכן אונזער היגע מדרגה, דאָס הייסט, ביז זיי וועלן זיין ווי מיר, נאַציעס אָן אַ לאַנד; אָבער, ווי לאַנג דאָס זאָל ניט דויערן, דערצו גייט עס, דאָס שיינט צו זיין די טענדענץ פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג.

יעדנפאַלס גלויב איך, אַז איידער מיר אידן וועלן ווערן אַ טעריטאָריאַלע נאַציע, וועלן אַנדערע היינטיקע טעריטאָריאַלע נאַ־ציעס קומען אויף דער מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך היינט די אַזוי־גערופענע „אַמעריקאַנער נאַציע“ אויף דער טעריי־טאָריע, אויף וועלכער מיר לעבן.

אָבער דאָס וועט נאָך דויערן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט? קיין צווייפל ניט. אָבער די פראַגע פון צייט איז וויכטיק פאַר פּראַק־טישער, פּאָליטישער טעטיקייט, ניט אין זאַכן פון אמונה. איך שרייב ניט קיין פּראָגראַם מיט פּאַדערונגען, איך שרייב וועגן מיין גלויבן בנוגע צו דער צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק. איך רעד וועגן „מאָרגן“, באַטראַכטענדיק דעם „היינט“ דורך דער ערפאַ־רונג פון „נעכטן“. דאָס איז אַלעס.

אַז אידן האָבן אַ רעכט צו האָבן אַ היים ווי אַלע אַנדערע נאַציעס, דאַרף איך ניט ווידערהוילן. אונזער שטאָלץ איז אָבער דווקא דאָס, וואָס מיר זיינען געבליבן אַ פאָלק, ניט אַכטענדיק דערויף, וואָס מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג קיין היים ניט גע־האַט.

www.libtool.com.cn



דאָס זעלביקע בנוגע צו אמונה און שפּראַך. מיר האָבן זי־כער אַ ר ע כ ט צו אַ רעליגיע, אפילו ווען די דאָזיקע רעליגיע זאָל זיין אַזוי ווייניק אין איינקלאַנג מיט דער מאָדערנער מענטש־לאַכער וויסנשאַפט, ווי אונזערע זיידעס' אמונה איז היינט. מיר האָבן אויך אַ ר ע כ ט צו אונזער אייגענער שפּראַך, ווי שטאַרק דאָס לעבן אין גלות, צווישן פעלקער מיט אַנדערע לשונות, זאָל ניט זיין דאַגעגן. אָבער אונזער שטאָלץ באַשטייט אין דעם, וואָס מיר זענען און קענען בלייבן אידן, אפילו רעדנדיק פרעמדע שפּראַכן און לעבנדיק ווי דענקענדע מענטשן דאַרפן לעבן.

* * *

אויב דער עלפטער פּאַראַגראַף פון מיין „קרעדאָ“ האָט פאַר־לאַנגט ווייניק־וואָס אַ פּירוש, רעדט שוין דער צוועלפטער אינ־גאַנצן פאַר זיך אַליין. דאָס זעלביקע דער דרייצנטער.

דאָ וואָלט איך געקענט אַוועקלייגן די פעדער, אָבער איך פיל, אַז איך קען ניט ענדיקן אָן די פאָלגנדיקע עטלאַכע ווערטער: מיין לעזער האָט אַ רעכט צו וועלן וויסן, ווי אַזוי ביי מיר קומט אויס, אַז די קומענדיקע דורות, טאַקע דאָ אין אַמעריקע, וועלן קענען אויפהאַלטן ביי זיך און אין זיך דער אידישן כאַראַק־טער און די אידישע נאַציאָנאַליטעט אָן אַ רעליגיע, אָן אַן איי־גענעם לשון און אָן אַ טעריטאָריע. דאָס הייסט, וואָס זאָלן מ י ר טאָן, כדי אַז אונזערע קינדער זאָלן אונטער אַזעלכע אומשטענדן בלייבן אידן, ו ו ע ל נ ד י ק דאָס בלייבן, ניט מ ו ז נ ד י ק, צוליב דעם, וואָס קיינער וויל זיי ניט אַסימילירן?

אויף דעם זיך צו פאַרברייטן איז דאָ ניט דער אָרט, ווייל, ווי געזאָגט, דאָ ווערט קיין פּראָגראַם ניט פאָרגעשלאָגן.

אין צוויי ווערטער וואָלט איך, פונדעסטוועגן, ענטפערן, אַז מיר דאַרפן נאָר ווייטער גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען די מערב־אייראָפּעאישע אידן פאַר די לעצטע הונדערט יאָר.

מען דאַרף אין אונזער אייגענער שפּראַך, אַזוי ווייט ווי דאָס לאָזט זיך, אָבער מער אין די לשונות, וועלכע מיר רעדן אין די

www.libtool.com.cn



פאַרשידענע לענדער, פאַרטזועצן די אויפקלערונג פון אידישע קינ־דער אין אַלץ, וואָס איז נוגע צו דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט פון אידישן פאָלק.

מען דאַרף אין אונזערע סאָציאַליסטישע קרייזן זיך איינ־געוואוינען צו פאַרבינדן די פּראָפּאַגאַנדאַ פונם סאָציאַליזם, דאָס פּרעדיגן פון דעם גרויסן אידעאַל פאַר דער מענטשהייט מיט אַלץ, וואָס האָט אַ דירעקטע אָדער אינדירעקטע שייכות דערצו אין אונזער אייגענער געשיכטע און אין אונזערע אייגענע טראַדיציעס.

ווי דער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט ניט די פאַרניכטונג פון דעם דייטשטום אָדער דעם פראַנצויזנטום אַף זיין, דעם סאָציאַליזמ'ס, מזבח, אַזוי קען ער דאָס ניט פאַרלאַנגען פונם אידנטום, און ער פאַרלאַנגט עס אויך ניט.

„לכשירחיב", אויף אַן אַנדער אָרט וועלן מיר וועגן דעם רעדן אויספירלאַכער.

דערווייל, נאָך איין וואָרט:

די ציוניסטן און אַנדערע נאַציאָנאַליסטן האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז די, וואָס שטרעבן ניט צו זייער אידעאַל, זיינען אַלע מענטשן, וואָס פילן זיך גוט ביים סיר הבשר פון די גלות־לענדער און האָבן קיין שום געפיל ניט פאַר זייער אייגענער אומ־נאַטירלאַכער, אַבנאָרמאַלער לאַגע אין דער געזעלשאַפט, אָדער פאַר די ליידן פון זייער פאָלק.

דאָס איז זיכער אַ טעות. די אַסימילאַטאָרישע נייגונג, וואָס מען האָט אין די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר געטראָפן ביי די סאָציאַליסטן — אַנדערע ניט-נאַציאָנאַליסטן אינטערעסירן מיך ניט אין דעם דאָזיקן אויגנבליק — איז געווען דער רעזולטאַט ניט פון זייער אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָר פון דער אַלגעמיין־אי־דישער שטרעבונג נושא־חן צו זיין ביי די גויים און זיך צו דער־ווערבן גלייכבאַרעכטיקונג דורך דעם, וואָס זיי וועלן וואָס ווײַ־ניקער אויסזען (און דערפאַר וואָס ווייניקער זיין) אידן. די אַסימילאַציע איז געקומען צום אידישן סאָציאַליזם דורך דער

www.libtool.com.cn


השכלה, וויניקסטענס אין רוסלאַנד און ביי רוסיש־אידישע סאָ־ציאַליסטן.

מיר ווילט זיך דאָ ניט ווערן סענטימענטאַל, אָבער איך וואָלט פון מיין אייגענער ערפאַרונג געקענט דערציילן אינטערעסאַנטע „ערלעבניסע". ניין, מען דאַרף ניט זיין אַ ציוניסט, כדי צו פילן די טרויעריקע לעבערלאַכקייט פון רעדן אַלע לשונות און ניט האָבן קיין אייגענע שפּראַך, פון באַוואוינען די גאַנצע וועלט און ניט קענען אָנרופן אין ערגעץ אַ קוואַדראַטנעם ד' אמות, וואָס זאָל זיין „אונזערס".

אָבער, ווי געזאָגט, גראַד דאָס וואָס מיר בלייבן אַ פאָלק, ניט אַכטענדיק דערויף וואָס אונז פעלט אַלץ וואָס מען האַלט געוויינטלאַך פאַר די אַטריבוטן פון אַ פאָלק, איז אונזער שטאַלץ.

וואָלטן מיינע חברים מיך געפאָלגט, וואָלטן זיי דעם 9טן טאָג אין אָב 1914 (תרע"ד) געפייערט אַלס אַ גרויסן יום־טוב, ניט אַלס אַ טרויער־טאָג.

זאָל זאָגן קינות ווער עס וויל. מיר, מיט אַ זיכערערן אויס־קוק אויף גליקלאַכערע צייטן, קענען העכסטענס באַוואונדערן יהודה הלוי'ס „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך" און נאָך מער ירמיה הנביא'ס „איכה", אַלס אמת'ע פּאָעזיע, געשאַפן פון אַ זיווג פון אמת'ע זשעניען מיט דעם אמת'ן, טיפן נאַציאָנאַל־שמערץ. אָבער וויינען איז ניט נויטיק.

פאַרקערט, מיר קענען מיט גרויס שטאָלץ פייערן יענעם טאָג אין דעם יאָר 1914, ווען עס וועט ווערן 2500 יאָר נאָך דעם ערשטן חורבן, און דער יאָרצייט וועט אונז געפינען ניט נאָר אַלץ נאָך אַ פאָלק, נאָר אַ פאָלק, וואָס איז דער אוואַנגאַרד פון די פעל־קער, אויף זייער אַלגעמיינעם פּראָגרעס־מאַרש.

www.libtool.com.cn

## איז דער אינטערנאַציאָנאַל קעגן נאַציאָנאַליטעט? *)

דעם 14טן דעצעמבער 1897, האָט אויגוסט בעבעל גע-האַלטן א רעדע פאַר בערלינער סטודענטן. די רעדע איז שפּע-טער ארויסגעגעבן געוואָרן אלס א בראָשורע אונטער דעם נאָ-מען „אַקאַדעמיקער און סאָציאַליזמוס".

איך שטעל מיר פאָר, אז צווישן די סטודענטן זיינען גע-ווען א סך אידישע, ווייל בעבעל באַשעפּטיקט זיך זייער שטאַרק מיט דער פראַגע פון נאַציאָנאַליטעט און אינטערנאַציאָנאַליטעט, און די ווערטער, וועלכע איך וועל דאָ באַלד ציטירן קלינגען, אַזוי ווי ער וואָלט קעגן אימיצן פּאָלעמיזירן, און פּאָלעמיזירן האָט ער בלויז געקאָנט קעגן אידישע אַנטי-אידן.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, אָט איז וואָס ער זאָגט:

„מיר ווילן אָבער די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַליטעט נאָך פיל ווייטער אַנטוויקלען. מיר האָבן קיין חשק ניט צולאָזן צו ווערן איז א מין צונויפגוס... פּאַרוואָס זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונזער פאָלקס-טום (נאַציאָנאַליטעט)? פּאַרוואָס אויפגעבן אונזער שפּראַך, אונזערע געוואוינהייטן? וואָס אָדער ווער צווינגט אונז דערצו? קיינער ניט. וואָס מיר ווילן יאָ אויפגעבן איז אַנאַנדער זאַך; דאָס איז די נאַ-ציאָנאַלע באַשרענקטקייט, דער שאָוויניזם".

און דאָס איז, דאַכט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלאַך פון א סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט.

וועט מען אָבער זאָגן, אז בעבעל איז אפשר בכלל געווען צו נאַציאָנאַל. פון אים איז אָפּט ציטירט געוואָרן דאָס ווערטל, אז ווען אימיצער וועט אַנגרייפן דייטשלאַנד, וועט ער, בעבעל, נעמען זיין ביקס און גיין פּאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד. די צרה מיט אָט די ווי מיט אַנדערע אַזעלכע פראַזן איז, וואָס זיי קאָנען פאַרטייטשט ווערן אויף פאַרשידענע אופנים, ספּעציעל

---

*) „פאָרווערטס", מערץ, 1918.

www.libtool.com.cn



לויט נאָך דעם באַגריף נאָך וואָס מען מאַכט זיך פון דעם וואָרט פאַרטיידיקונג, ווייל עס איז היינטיקע צייטן כמעט אי-מער שווער צו זאָגן, ווער עס האָט אָנגעהויבן די מחלוקה און ווער דער צד איז, וואָס ווערט זיך קעגן אַן אָנגרייפער. דער-פאַר קאָן בעבעל'ס ווערטל זיין מער נאַציאָנאַליסטיש, אָדער ווייניקער.

אָבער לאָמיר זאָגן, אַז מער. אפשר וועט מען אויך גע-פינען אַן אָפּשוואַכונג פאַר בעבעל'ס אויבן-ציטירטע ווערטער צו די בערלינער סטודענטן אין דעם, וואָס דער פּאַרטראָג איז געהאַלטן געוואָרן צום סוף יאָר 1897, ווען נאַציאָנאַלע שטרע-מונגען און באַשטרעבונגען האָבן זיך שוין געמאַכט באַמערק-באַר אפילו צווישן די סאָציאַליסטן; ווען אפילו אין רוס-לאַנד (ריכטיקער: אין פּוילן, ליטאַ און רוסלאַנד) איז שוין געווען אַן אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער-בונד, געגרינדעט מער אָדער ווייניקער אויף נאַציאָנאַלע יסודות. מען וועט, זאָג איך, דערפון וועלן דרינגען, אַז אין אַנדערע צייטן, אונטער געוויינלאַכע אומשטענדן, וואָלט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ-ציאַל-דעמאָקראַט אויגוסט בעבעל אפשר אַנדערש גערעדט.

לאָמיר גיין אַ שריט ווייטער און פּסל'ען גאָר אינגאַנצן בעבעל אַלס אַן עדות פאַר נאַציאָנאַליזם. ווער ווייס? אפשר איז ער פאַר אונזער דור בכלל ניט געווען גענוג טעאָרעטיקער. גוט, וועלן מיר פאַרהערן אַנאַנדער עדות.

לאָמיר הערן, וואָס בעבעל'ס חבר ליבקנעכט, דער אַלטער ליבקנעכט, האָט וועגן דעם צו זאָגן און טאַקע אויך מיט 14—15 יאָר פריער, — אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע אויף דער טאַגעס-אָרדנונג.

גערעדט האָט דער אַלטער „רעוואָלוציאָנס-סאָלדאַט“ אין דעם דייטשן רייכסטאַג, נעמענדיק דאָס וואָרט אין אַ דעבאַטע וועגן סאָציאַליסטן און זייערע קעגנער, וועגן דעם סאָציאַליזם און וואָס ער וויל, דעם 11טן יאַנואַר, 1883.

www.libtool.com.cn



ליבקנעכט ווענדעט זיך צו די קעגנער און ער זאָגט:

„איר זאָגט אונז, אז מיר פארטרייבן פון זיך די סימ־פאטיען פון אלע אנדערע בירגער, וואָס וואָלטן אונז גערן אונטערשטיצן, דורך אונזער אינטערנאַציאָנאלן שטאנדפונקט, דורך דעם וואָס מיר ערקענען בלומרשט ניט אָן דאָס רעכט פון נאַציאָנאליטעטן. מיינע הערן! ווער האָט דאָס אייך געזאָגט? ווען איך רוף זיך אינטערנאַציאָנאל, הייסט דאָס בשום אופן ניט, אז איך בין קעגן נאַציאָנאליטעט. די נאַ־ציאָנאלע גרופן זיינען נויטיק, צי זיי בילדן זיך לויט דער שפּראַך, אָדער ערגעץ אויף אַנאַנדער אופן".

קלאָרער קאָן מען ניט רעדן. ספּעציעל אויפמערקזאָם מאַך איך די לעזער אויף דעם לעצטן זאַץ. ליבקנעכט רעדט ניט וועגן נאַציאָנען נאָר וועגן נאַציאָנאלע „גרופּן". דאָס וואָרט נאַציאָן ווערט געוויינלאַך פארבונדן מיט טעריטאָריע, בעת נאַ־ציאָנאלע גרופּן קאָנען לכל הפּחות זיין אפילו פעלקער און פעל־קערשאַפטן אין אנדערע מדינות ווי, למשל, אידן איבער דער גאנצער וועלט.

אָבער דער טאָן פון זיינע רייד באווייזט, חוץ דעם, אז אפילו אין די אכטציקער יאָרן פון דעם פארגאנגענעם יאָר־הונדערט, איז געווען שטאַרק פארשפּרייט די מיינונג צווישן די קעגנער פון די סאָציאליסטן, אַז זיי זיינען קעגן נאַציאָנאליזם דורך דעם אליין, וואָס זיי זיינען אינטערנאַציאָנאל. מיט אנדערע ווערטער, אז מיר זיינען קעגן אינדיווידועלע פינגער, מחמת מיר רעדן כסדר וועגן אַ גאנצע האנט, ווי עס איז שוין אנדערשוואו געזאָגט געוואָרן.

שטעל איך מיר, פונדעסטוועגן, פאָר, אז אונזערע עקס־טרעמע אינטערנאַציאָנאליסטן, אונזערע מהדרין מן המהדרין וועלן אפשר ליבקנעכטס אויטאָריטעט אויך ניט אנערקענען. מען וויים, אז ליבקנעכט האָט זיך ניט לייכט פאנאנדערגעקליבן אין דעם ווינשאפטלאכן סאָציאליזם און עס איז דאָ אַ

www.libtool.com.cn



סברא, אז דער דאָזיקער מאַן, א חבר פון ענגעלס און א תלמיד פון מארקס איז געשטאָרבן (אין 1900) ניט פארשטייענדיק דעם מארקסיזם, וויניקסטנס, די מאטעריאַליסטישע אויסטייט־שונג פון דער געשיכטע.

וועט מען אפשר ליבקנעכט'ס עדות אויך פּסל'ען, הגם וואָס ער האָט געזאָגט האָבן געהערט זיינע חברים אין דער רייכס־טאג־פראקציע און קיינער איז ניט ארויסגעטרעטן קעגן אים.

וועלן מיר גיין צום מקור אליין, צו דעם לעבעדיקן קוואַל פון אלע אונזערע מאָדערנע טעאָריעס און באגריפן, צו קארל מארקס.

ער, דאָס איז אמת, האָט פון אונזער אידישן נאציאָנא־ליזם און פון אידן בכלל וויניק וואָס געהאַלטן. דאָ איז אָבער פאר אונז ניט וויכטיק (וויניקסטנס ניט אין דעם דאָזיקן אויגנבליק): מיר וועלן זיך דערצו נאָך צוריקקערן) וואָס מארקס האָט פון אידישקייט און אידישע נאציאָנאַליטעט. וואָס אונז באַשעפטיקט לעת־עתה איז די פראגע מכח די שייכות צווישן נאציאָנאַליזם און אינטערנאציאָנאַליזם בכלל, לאָזנדיק אונזער אידישקייט אַן א זייט.

און דאָ ווייסן מיר שוין לאַנג, אז מארקס האָט זיך באַ־צויגן זייער ערנסט און זייער סימפּאַטיש צו נאציאָנאַלע פראגן פון אונטערדרדריקטע אנדערע פעלקער, ספּעציעל די פּאָליאַקן און די אירלענדער.

זיין קוק אָבער אויף די דאָזיקע פראגן איז אלגעמיין באַ־קאַנט געוואָרן נאָכדעם, ווי פראַנץ מערינג האָט ארויסגעגעבן די איבערגעלאָזענע שריפטען פון מארקס, ענגעלס און לאַסאַל; נאָכדם ווי דער אלטער זארגע האָט פאר זיין טויט אָפּגעדרוקט זיין בריוו־וועקסל מיט מארקס און אנדערע; נאָכדעם ווי בע־בעל און בערנשטיין האָבן ארויסגעגעבן די לאַנג־יאָריקע קאָ־רעספּאָנדענץ צווישן מארקס און ענגעלס.

און דאָ וועל איך ציטירן א זייער כאראקטעריסטישע שטע־

www.libtool.com.cn



לע פון מארקס'ם א בריוו צו זיין פריינט ענגעלס, געשריבן דעם 21טן יוני, 1866.

דער ערשטער אינטערנאציאנאל איז דאן געווען קנאפע צוויי יאָר אלט. דער „גענעראל־ראט" (דזשענעראל קאונסיל) האט זיך איינגעפונען אין לאָנדאָן. מארקס קומט פון א זיצונג פונ'ם גענעראל ראט און שרייבט צו ענגעלס א „רעפּאָרט" וועגן די פארהאנדלונגען פון דער דאָזיקער זיצונג. אין דעם „רעפּאָרט" זיינעם באשעפטיקט זיך מארקס מיט די פארשידענע שאטירונגען און שטרעבונגען אין דעם אינטערנאציאָנאל, ווי זיי האבן זיך שפּעטער קלאָרער און שארפער אויסגעדריקט אין דער שיידונג צווישן סאָציאל־דעמאָקראטן און אנארכיסטן.

כדי דער לעזער, דער היינטיקער לעזער זאָל בעסער פארשטיין די קומענדע ציטאטע פון מארקס'ם בריוו וועל איך דאָ גלייך זאָגן, אז די פראנצויזישע „סעקציאָן" איז דאן נאך געווען שטארק אונטער דעם איינפלוס פון דעם (פראנצויזישן) אנארכיסט פּרודאָן, פון וועלכן עס שטאמט דער ווערטל: איי־גענטום איז גנבה, פארטייטשט אויף דייטש: א י י ג ע נ־ט ו ם איז פ ר ע מ ד ט ו ם. שטירנער, ווידער, איז דער מער אָדער ווייניקער אנארכיסטישער טייטש, דער מחבר פון דעם בארימטן ווערק „דער איינציקער און זיין אייגענ־טום". מארקס האָט ניט שטארק געהאלטן פון שטירנער'ס אידייען און האָט ביטער באקעמפט פּרודאָנ'ען.

איצט קומען מיר צו דער ציטאטע גופא. מארקס שרייבט: „איבריגענס האָבן די (ניט־ארבעטער) רעפּרעזענטאנטן פונ'ם „יונגן פראנקרייך" ארויסגעפּלאצט דערמיט, אז נאַ־ציאָנאליטעט און נאציאָנען אליין זיינען איבערגעלעבטע פאָר־אורטיילע (דהעי אַר פאָר גרופּס עטצ.) — פּרודאָניזירטער שטירנעריזמוס! — די ענגלענדער האבן זייער געלאכט, ווען איך האָב מיין ספּיטש אָנגעהויבן מיט דער באמערקונג, אז

www.libtool.com.cn


אונזער יונגער פריינט לאפארג, וועלכער האט אפגעשאפט די נאציאנאליטעטן, האט צו אונז גערעדט אין פראנצויזיש, דאס הייסט, אין א שפראך, וועלכע ניין־צעהנטל פון די פארזאמלטע האבן ניט פארשטאנען.— איך האב אויך אנגעוויזן אויף דעם פאקט, אז לאפארג, אליין דאס ניט איינזעענדיק, פארשטייט אונטער „אפשאפונג פון נאציעס“ פשוט, אז די מוסטער נאציע פראנצויזן זאל אין זיך פארשלינגען אלע אנדערע פעלקער.“

די ענגלישע ווערטער וועגן דעם, אז „יונג פראנקרייך“ איז פאר גרופן און דאס ווארט „ספיטש“ זיינען אזוי געברויכט געווארן אין מארקס'ס ארגינאל. לאמיר, פארבייגייענדיק, באמערקן, אז סיי מארקס, סיי ענגעלס און לאסאל האבן כסדר באנוצט ווערטער פון ענגליש, פראנצויזיש און אנדערע שפראכן, וואו זיי האבן געקאנט געברויכן דייטש. דער „יונגער לאפארג“ איז דערזעלביקער וואס איז שפעטער געווארן מארקס'עס אן איידעם און איינער פון די פראנצויזישע מארקסיסטן.

נאך א וויילינקע ווילט זיך דא אפשטעלן כדי צו זאגן די פאר ווערטער, וועלכע איך האב דעם לעזער פריהער צוגעזאגט בנוגע צו מארקס'עס באציהונג צו אידן און אידישקייט.

ווען מארקס איז מיט הונדערט יאר צוריק ארייננעקומען אין אונזער וועלט האט אין דייטשלאנד געבושעוועט דער השכלה־שמד. קארל מארקס'עס פאטער, ווי אין ענגלאנד, בנימין דיזראעלי'ס, האט אפגע'שמד'ט זיין פאמיליע ניט מחמת ער האט געפונען, אז תורת משה מוז איבערגעביטן ווערן אויף תורת פאול, ווייל די איז כלומרשט אמת'ער ווי יענע, נאר ווייל שמד'ן זיך האט געהאט צו באטייטן ווערן א דייטש אין דייטשלאנד, אן ענגלענדער אין ענגלאנד. אין אזא אטמאספערע איז אויסגעוואקסן דער קינפטיקער באגרינדער פון דעם מאדערנעם סאציאליזם, און אין זיין האלטונג צום „אידענטום“ מערקט זיך, ערשטנס, די אויפפאסונג, אז אידענטום שטעלט בלויז פאר א רעליגיע און, צווייטנס, אז דער איד, פארדארבן אין

www.libtool.com.cn



גלות און דורכ'ן גלות, מוז פאַרשווינדן, ווערנדיג פאַרשמאָלצן צווישן די פעלקער און צענויפגעגאָסן מיט זיי, וואָס פריער אַלץ בעסער.

דאָס איז די אַסימילאַטאָרישע שמד־פּסיכאָלאָגיע, און אַזוי פריי האָט זיך מאַרקס געמוזט פילן פון אידישקייט, אַז אין די בריף צו אים רעדט ענגעלס אַמאָל וועגן אידן מיט פאַראַכטלאָכ־קייט צו אידן, וואָס גוים דערלויבן זיך צווישן זיך.

איצט קענען מיר זיך אומקערן צו אונזער ענין, און טאַקע מסיים זיין.

ווי מען האָט געזען פון די ציטירטע ווערטער פון בעבעל, ליב־קנעכט און מאַרקס, איז דער באַגריף, אַז נאַציאָנאַליזם און אינ־טערנאַציאָנאַליזם זיינען ניט קיין פּאָר, אַ לעבערלאָכער. וואָלטן אַזעלכע ווערטער געשריבן געוואָרן פאַר ענגלענדער, אָדער גוי'שע דייטשן, וואָלט מען דעם שרייבער געזאָגט, אַז ער האָט איינגע־בראָכן אַן אָפענע טיר. צווישן אונז אָבער, און אַפילו צווישן אידישע דייטשן אין דער סאָציאַליסטישער געמיינדע, זיינען זיי אויף קיין פאַל ניט אומנויטיק. מען וועט נאָך דאַרפן האַקן און האַקן אין די מוחות אַריין, ביז אַלע אונזערע אַסימילאַנטן וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער לעבערלאָכער פּאָזיציע אין דעם פּרט פון אידישער נאַציאָנאַליטעט.

www.libtool.com.cn

## אונזער צוקונפט אין רוסלאַנד*)

די רוסישע רעוואָלוציע שיינט צו זיין זיגרייך, און זיכער צו לעבן און צו גערייען ביז יעדער שפור פון דעם צאַריזם וועט זיין פאַרשוואונדן, ביז די רוסישע רעפּובליק וועט ווערן אַן עטאַב־לירטער פאַקט.

איך זאָג: „שיינט צו זיין", ווייל די רעאַקציע קען נאָך ניט זיין גאָר אין גאַנצן טויט, און די רעוואָלוציע קען, ווער וויים, זיך חלילה פאַרקירעווען אַן אַ זייט, דאָס הייסט, אַראָפּגיין פון וועג. מאַלע, וואָס קען פּאַסירן! די געשיכטע פון פריערדיקע רעוואָלוציעס אין אַלט־אייראָפּע האָט פאַר אונז מער ווי איין קאַפּיטל, וואָס קען אונז מאַכן דיינקען, אַז עס איז גלייכער צו זאָגן גוטע נביאות אביסעלע איינגעהאַלטן, און אַז שלמה'ס „אשרי אדם מפחד תמיד" (וואויל איז דעם, וואָס האָט שטענדיק מורא) איז אַ פּסוק, וואָס האָט נאָך דערווייל ניט פאַרלאָרן זיין בירגער־רעכט אין אונזער פּאָליטישער וועלט.

אָבער מיר אַלע האָפן, און אפשר צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק אין רוסלאַנד, האָבן מיר דאָס רעכט צו האָפן, אַז די אַלטע צייטן וועלן זיך שוין ניט צוריקקערן, אַז לכל הפחות פאַר'ן געזעץ וועלן מיר איצט שוין זיין גלייכבארעכ־טיקטע בירגער, אַז דער אַמאָליקער כלל: פאַר אַלעמען זאָקאָנעם „וואָס מען טאָר ניט", פאַר אידן זאַקאָנעם „וואָס מען מעג", איז ענדלאָך בטל ומבוטל כעפרא דארעא.

מיר האָבן אַ רעכט צו האָפן, אַז די באַשריינקונגען אין דעם פּרט פון וואוינען דאָ אָדער דאָרטן וועלן איצט זיין אַ געוועזענע זאַך, און די „פּראָצענטן" אין שולן און גימנאַזיעם — אַ טראַ־גישע לעבערלאַכקייט, וואָס קומענדיקע דורות וועלן דערפון נאָר

*) „פאָרווערטס", 13טן מאַי, 1917.

www.libtool.com.cn



וויסן פון שלום־עליכם׳ס שריפטן.

דאָס אַלץ קען מען דערוואַרטן לויט ווי דער גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע זעט אויס היינטיקן טאָג. מיט אַנדערע ווערטער: די געזעצלאָכע גלייכבארעכטיקונג פון אידן אין רוס־לאַנד קען ווערן אַ פאַקט. אויב רוסלאַנד זאָל בלייבן אַ פרייע מדינה, ווי מיר אַלע ווינטשן און האָפן.

שטעלן זיך אָבער אַזעלכע פראַגן:

קען מען דערוואַרטן אויך אַ געזעלשאַפטלאָכע גלייכבארעכטי־גונג? קען מען דערוואַרטן, אַז די קנאה־שנאה צום אידן וועט נעמען אַ סוף? וועט זיך פיליכט ניט פאַרוואַנדלען דער אַמאָלי־קער, גראָבער אידן־האַס אין אַ ציוויליזירטן אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר האָבן אים געזען אין „פרייע מדינות“ אין די לעצטע עטלאָכע צענדליקע יאָר? און טאָמער יאָ — וואָס האָבן מיר צו טאָן? און אויב טאָקע יאָ, טאָ ווער זאָל דאָס זיין דער טוער, פון וועמען דאַרף אַרויסגיין די איניציאַטיווע, און וואָס פאַר אַ חלק אין אַט־דער טאַט אָדער טאַטן האָבן מיר דאָ צו נעמען, מיר אידישע סאָציאַליסטן פון דער זייט אַטלאַנטיק?

צו פאַרשטיין דעם מאָרגנדיקן טאָג דאַרף מען צוריקבליקן אויף דעם נעכטיקן. לאָמיר דאָס פּרובירן טאָן אַזוי ווייט ווי דאָס וועט זיך לאָזן אין דער ראַמקע פון אַ צייטונגס־אַרטיקל, זיך אָפּשטעלנדיק אויף איינעם אָדער צוויי ביישפּילן:

אין דייטשלאַנד זיינען די אידן „עמאַנציפּירט“ געוואָרן אין דעם רעוואָלוציע־יאָר 1848, אין דעם „פעלקער־פרילינג“ וואָס האָט אַריינגעבראַכט לופט און ליכט און לעבן צווישן די מערסטע נאַציאָנען פון דער אַלטער אייראָפּע.

דער 18־ער מערץ איז געווען דער גרויסער טאָג. דער פּרייסישער קרוינפּרינץ איז אַנטלאָפן געוואָרן פון בערלין און, זיך באַהאַלטנדיק אונטער דעם נאָמען „לעהמאַן“, האָט ער געלעבט ווייט פון דעם פאָלק׳ס צאָרן אַ קורצע צייט... ביז די רעאַקציע האָט אים צוריקגעבראַכט... צו זיין נעסט „אונטער די לינדען“.

www.libtool.com.cn



די פּרייסישע רעוואָלוציע האָט ניט געקאָסט זייער פיל קרבנות. 230 מענטשן זיינען סך הכל געפאַלן אין די גאַסן פון בערלין, און ווען מען האָט זיך גענומען זיי מקבר זיין, האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז כמעט אַ צענט־חלק (20) פון זיי זיינען געווען אידן.

דער אידיש־דייטשער היסטאָריקער לעאָפּאָלד צונץ האָט אויפ׳ן בית עולם, ביים געמיינשאַפטלאַכן קבר פון אַלע געפאַלענע, געהאַלטן אַזאַ ריירנדע רעדע, אַז מיט אַ יאָר 30 צוריק האָט איר נאָך געקענט טרעפן דייטשע אידן, וואָס האָבן געוואוסט שטעלן פון דער רעדע אויסווייניק.

און די אידן, זיך באַטייליקנדיק אין די מערץ־קאַמפן נים אין דער־ערד מער ווי לויט זייער פּראָפּאָרציע אין דער באַפעל־קערונג, קריגן בירגער־רעכט.

ברוך שהחינו, וקימנו והגיענו לזמן הזה!...

איצט קומט, נאָך דער לייכטער רעוואָלוציע, אַ שווערע רע־אַקציע. עס פּאַסירט אין פּרייסן אין 1849 כמעט דאָסזעלבע וואָס שפּעטער אין רוסלאַנד אין 1906. דער אַנטלאָפענער „לעה־מאַן" ווערט מיט דער צייט אַלס קעניג פון פּרייסן, קייזער ווילהעלם דער ערשטער, — ער, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אַלס קאַרטעטשן־פּרינץ, ווייל ער האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל „נידער־צוקאַרטעטשן" דאָס רעוואָלוציאָנערע פאָלק אין די מערץ־טעג פון 1848. ווען ער איז נאָך געווען בלויז אַ פּרינץ, אָבער שוין אַ שאַרפער שיסער — מיט פרעמדע ביקסן — און אַ בעל־דעה.

אָבער די פּרייסישע רעאַקציע האָט קנאַפּ־וואָס באַרירט די לאַגע פון די אידן אין פּרייסן.

די אוניווערזיטעטן זיינען נאָך אַלץ אָפן פאַר אידן און מען דאַרף זיך שוין מער ניט שמד׳ן כדי צו קריגן אַ דיפּלאָם, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין בערנע׳ס צייטן. אמת, אַ מאַן, ווי לאַסאַל, „דער רעוואָלוציאָנערער יודע", טאָר ניט וואוינען אין בערלין, אָבער דאָס איז ניט ווייל ער איז אַ „יודע", נאָר ווייל

www.libtool.com.cn



ער איז אַ „רעוואָלוציאָנער“.

און אין רייכסטאַג גפינען זיך שוין אידן. זאָנעמאַן, לאַסקער, באַמבערגער שפּילן אַ ראָלע אין די ליבעראַלע פּאַרטייען (אין די זיבעציקער יאָרן און שפּעטער). ביי די סאָציאַליסטן קומען אויף זינגער, שטאַדטהאַגען, האַאַזע, און שפּעטער דר. קאָהן, וואורם, דר. פראַנק, בערנשטיין, הגם שטאַדטהאַגען און בערנשטיין רופן זיך „קאָנפעסיאָנסלאָז“ (אָן אַ אמונה) און אַזוי אייניקע אַנדערע.

אין דעם פּרייסישן לאַנדטאַג יאָווען זיך אויך אידן, און דאָס־זעלבע איז דער פאַל ביי אַנדערע פּאַרלאַמענטן אין דער דייטשער אימפּעריע.

מיט איין וואָרט, דורך די צוויי דורות, וואָס פאַרגייען זינט דעם רעאַקציע־יאָר 1849, ווערט געזעצלאַך די לאַגע פון די אידן ניט ערגער. די „עמאַנציפּאַציע“ בלייבט אומבארירט.

פּאַסירט אָבער אַט וואָס:

וואָס מער דער איד איז עולה לגדולה, אַלץ מער שטייגט אויף דער נייער אידן־האַס.

דאָס איז שוין ניט מער די שנאה, וואָס באַשולדיקט דעם אידן אין קרייציקן דעם קריסטוס, אין פאַרגיפטן קוואַלן, אין געברויכן קריסטלאַכע בלוט אויף פּסח, און אַנדערע אַזעלכע זאַכן.

אויך איז דאָס ניט פון דעם סאָרט שנאה, וואָס האָט געפירט צו דער אינקוויזיציע, די גזירת ת״ח, צו די רוסישע פּאָגראָמען.

בקיצור, דאָס איז ניט די שנאה צום אידן, וואָס איז גע־בויט אויף רעליגיע־דיפערענצן, אויף פאַראַכטונג צו אים, ווי צו אַ נידעריקע באַשעפעניש, אַשטייגער ווי דער האַס פון דעם דרום־אַמעריקאַנער צום נעגער.

דאָס איז שוין יענער ראַסן־האַס, וואָס שטאַמט פון קנאה צו אַ העכערן, אַ פּייאיקערן, אַ אינטעליגענטערן — הגם דאָס ווערט ניט אָפן צוגעגעבן, — פאַר וועלכן מען האָט מורא, מיט וועלכן מען וויל קאָנקורירן און מיין קען ניט.

www.libtool.com.cn



און אָט דער נייער ראַסן־האַס איז שוין געצילט געגן דעם אידישן פאָלק, ניט געגן דער אידישער אמונה.

ער רופט זיך טאַקע אַנטיסעמיטיש, ער שטייגט שוין טאַקע אַריבער דעם גרעניץ פון אידישע קינדער און נעמט שוין אַרײַן די בני שם בכלל, סעמיטן אַפילו אַזוינע ווי בערנשטיין און שטאַדטהאַגען (און ווי פריער לאַסאַל, שוין ניט ריידנדיק וועגן מאַרקס). וואָס פאַרלייקענען זייער אמונה אַפילו לויט זייער אָפּ־שטאַמונג.

און וואָס מער טאַלאַנטפול. עס ווערט געשריבן זאָנעמאַן'ס „פראַנקפורטער צייטונג" און דאַס אידישע „בערלינער טאַגע־בלאַט": וואָס מער עס ווערן באַרימט די זאַנענטהאַל'ס, די פריד־ריך האַאַזע'ס, די לודוויג באַרניי'ס, די שילדקרויט'ס אויף דער בינע: וואָס מער עס קומען אויף אידישע באַרימטהייטן צווישן דאָקטוירים און כירורגן. וואָס גרעסער עס איז די פּאָפּולאַריטעט פון די אויערבאַך'ס, די שניצלער'ס, די בראַנדעס'עס אין דער ליטעראַטור, — אַלץ גרעסער. אַלץ טיפער ווערט אייגעוואָרצלט דער אַנטיסעמיטיזם אין דער דייטשער בורזשואַזנער ברוסט.

ניט ווייל דער איד זאָגט „אתה בחרתנו" האַסט מען אים, נאָר ווייל ער א י ז דאָס טאַקע אין די אויגן פון זיין האַסער: אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ העכערע ראַסע, אַ געפערלאַכער קאָנ־קורענט.

אין מענדעלסאָנ'ס צייט האָט מען אידן פשוט פאַראַכטעט. „העפּ־העפּ!" האָט מען צו אים געשריען, און פון דעם טראָטואַר אין גאַס האָט מען אים פאַרטריבן מיט אַ פשוט'ן „מאַך מאָרעס, יוד!", מיט אַ בריק און אַ שטויס און פאַרטיק. דאַן האָט מען דעם אידן געהאַלטן פאַרשפאַרט אין דער געטאָ, און דעם דעסויער פילאָזאָף גופא האָט מען ניט אַריינגעלאָזן אין בערלין ביז ער האָט ניט באַצאָלט אַ קאָפּ־שטייער פון 400, איך געדענק שוין ניט וועלכע זילבערנע מטבעות.

היינט האָט מען פאַר די מענדעלסזאָנס מורא און מען האַסט

www.libtool.com.cn



די גע׳שמד׳טע קינדער פון לעסינג׳ס פריינט, זיינע קינדס־קינדער, און קינדס־קינדס־קינדער, „על שלשים ועל רבעים“, ווי דער פסוק זאָגט, מאַכט דער טייטש: אינ׳ם דריטן און פערטן דור.

און אַזוי ווי מען קען זיי ניט בייקומען אויף דער בערזע, אין דער פּרעסע, אין דער יוריספּרודענץ, אין דער כעמישער לאַבאָ־ראַטאָריע, אין דער מעדיצין און אין אַנדערע אַזוינע צווייגן פון מענטשלאַכער טעטיקייט, שליסט מען זיי אויס פון די העכערע ראַנגן אין דער אַרמיי, אין דער פלאָטע, אין דער דיפּלאָמאַטיע, אין דער רעגירונג, אַזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך. אַמאָל גנב׳עט זיך אַריין אין אויבן־אָן אַ דערנבערג, אָבער ניט אָפט און זעלטן־וואו.

אפילו אינ׳ם רייכסטאַג זיינען שוין מער ניטאָ קיין יאַקאָבי׳ס, קיין באַמבערגער׳ס, קיין לאַסקער׳ס, קיין זאָנעמאַנ׳ס; קיין פּאַר־טיי, חוץ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער, דערוויילט זיי ניט מער. ביי די וואַלן פון 1912 זיינען געוויילט געוואָרן זיבן אידן, אַלע סאָציאַליסטן, חוץ „קאָנפעסיאָנסלאָזע“ אידן, וועלכע, אַזוי ווייט ווי מיר איז באַקאַנט, זיינען אויך ניט געקומען פון אַנדערע פּאַרטייען.

איך וואָלט געקענט אָנווייזן אויף דעם פראַנצויזישן אַנטי־סעמיטיזם, מיט דעם דרייפוס־פּראָצעס, וואָס איז געווען ניט מער ווי אַן אויפגעריסענער העסלאַכער געשוויר אויף דעם בלוט־פּאַרגיפטעטן קערפּער פון דעם דאַרטיקן אידן־האַס. עס איז ניט שווער צו באַווייזן, אַז אין פראַנקרייך איז דער גרונט פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם געווען דערזעלביקער. עס וואָלט אפשר געלוינט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די ענגלישע אַנטיסעמיטן פון די אַכציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָבער עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ.

אומעטום איז פאַראַן די זעלבע דערשיינונג, קלאָר ווי דער טאָג: קוים הויבט דער איד אויף אַ קאָפּ, רייצט ער נעגן זיך אויף די שונאים. קוים ווערט ער דערהויבן, הויבט מען אָן אים

www.libtool.com.cn


צו באווארפן מיט שטיינער.

אומעטום עמאנציפירט דעם אידן דאס רעוואלוציאנערע פאלק. א יאזעף דער צווייטער (פון עסטרייך) ווארפט אמאל דעם אידן צו א ביינדל, א „טאלעראנץ־עדיקט": א נאפאלעאן דער ערשטער, געצוואונגען דורך די פארהעלטנישן פון זיין צייט, רופט אמאל צונויף א „סנהדרין", כדי אויסצוגעפינען ווי ווייט מען מעג אידן טרויען און וואס זיי „פארדינען" אין דעם פרט פון „פרייהייטן". — ניט פרייהייט, מערקט אייך, פרייהייטן; און אפילו דאן איז די איניציאטיווע ניט זייערע, ניט מאנארכנ'ס.

עמאנציפירט, מער אדער ווייניקער גרינטלאך, ווערט דער איד דורך דער ענגלישער רעוואלוציע אין דעם 17טן יארהונדערט, דורך דער פראנצויזישער אין דעם 18טן, דורך דער דייטשער אינ'ם 19טן, און איצט דורך דער רוסישער אין דעם 20טן יארהונדערט.

אבער די ארבעט פון דער ענגלישער רעוואלוציע איז ערשט געענדיקט געווארן מיט א יאר 60 צוריק, און וועגן די דייטשן האבן מיר שוין גערעדט. פראנקרייך האט ווייניק אידן.

אומעטום, אבער, איז דער רעזולטאט פון דער עמאנציפאציע, איבערהויפט אויב זי איז אן אמת'ע, די אנטיסעמיטישע באוועגונג. דער באפרייטער איד קומט אין קאנפליקט ענטוועדער מיט א ניט־אידישן מיטל־קלאס, וואס עקזיסטירט שוין, אדער וואס איז ערשט אויפגעקומען.

איז די פראגע, ווי זי איז שוין געשטעלט געווארן, ווידער אמאל:

קען מען דערווארטן, אז אין רוסלאנד וועט דאס זיין אנדערש? וועט דארטן די פאליטישע גלייכבארעכטיקונג מיט זיך ברענגען אויך סאציאלע, געזעלשאפטלאכע גלייכע רעכט, אדער וועט דאס מיט זיך ברענגען א געזעלשאפטליך־עקאנאמישן אנטיסעמיטיזם?

איך האב שטארק מורא, אז דאס וועט זיין ווי אומעטום, ביז איצט.

דער עמאנציפירטער איד, באפרייט פון דער פארפלוכטער

www.libtool.com.cn



„טשערטאַ"; באַפרייט פון די „צייטווייליקע געזעצן", וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן כלומר'שט אויף אַ ווײַלע און האָבן אָנגעהאַלטן 35 יאָר; באַפרייט פון באַשרענקונגען אין דעם פּרט פון לערנען אין הויכשולן און גימנאַזיעס; באַפרייט פון דער אידיאָטישער ווילקיר, פון דעם „פּראָאיזוואָל" פון שכור'ע טשינאָווניקעס, — אָט דער עמאַנציפּירטער איד וועט זיך אַ לאָז טאָן איבער דער מדינה...

ער וועט אַריינגעמען אין זיינע הענט די אָדער יענע אינדוסטריע, וועט אפשר מאָנאָפּאָליזירן טיילווייז, אָדער אין גאַנצן די בינע, די פּרעסע, דעם אָדער יענעם פאַך...

ער וועט דאָס טאָן פּשוט, ווייל ער איז באַוועגלאַכער, געניטער, אַ האָרעלע אינטעליגענטער פאַר דעם ניט־אידישן שכן זיינעם; ער וועט, וואו ער וועט דאָס אַליין ניט קענען טאָן, זיין דער סרסר צווישן דעם רוסישן סוחר און פאַבריקאַנט פון איין זייט און דעם אַמעריקאַנער, דעם ענגלענדער, דעם פראַנצויז פון דער אַנדערער זייט.

ער וועט דאָס טאָן דעמאָנסטראַטיוו, מיט חוצפּה, מיט דעם איבערמוט, וואָס איז נאַטירלאַך פאַר אַ באַפרייטן שקלאַף, פאַר אַן אונטערדריקטן, וואָס איז דערהויבן געוואָרן, פאַר אַן אָרעמער דינסט־מיידל, וואָס איז איצט אַ באַלעבאָסטע...

און אין אָנהויב וועט מען דאָס אפשר אַראָפּשלינגען, ווייל מען וועט זיך אין אים נויטיקן, אָבער אין דער פרייהייט וועט דאָס רוסישע פאָלק שנעל וואַקסן, און עס וועלן קומען צייטן... יאָ, עס וועלן קומען צייטן, ווען דער ניט־אידישער קאַפּיטאַל וועט געפינען דעם אידישן צופיל אין וועג... דער גוי דעם אידן צופיל אין דער זון.

אָבער ביז דאַן, זאָגט איר, ליבע גענאָסן, וועלן מיר האַלטן ביים סאָציאַליזם.

אָבער ביז דאַן, זאָגט איר, ליבע ציוניסטן, וועלן אידן שוין האָבן אַן אייגענע היים אין ארץ ישראל.

www.libtool.com.cn


אָבער ביז דאַן, זאָגט איר, ליבע אַסימילאַנטן, לאָזן זיך אַנ־דערע דרייען זייערע מוחות, מיר וועלן געניסן די פרוכט פון דער געשענקטער פרייהייט, זיך רוסיפיצירנדיק און אַמעריקאַניזירנדיק דאָרט און דאַ.

אפשר זייט איר אַלע גערעכט.

ליידער איז די רוסיפיקאַציע, איז די אַמעריקאַניזאַציע אַן אויסוויינסקסטע אומוואַנדלונג: אין דער „פּאָדיאַוועקע", אָדער אין דער „זשופּיצע", רעדנדיק רוסיש אָדער אידיש אין רוסלאַנד; אויסזעענדיק אַזוי אָדער אַנדערש אין אַמעריקע, שלינגענדיק די ווערטער מעשה ענגלענדער, אָדער זיי אויסזינגענדיק מעשה אָרעם־בחור, — אַ איד בלייבט אַ איד און די אַסימילאַציע העלפט ניט אין שווערע צייטן.

ליידער וועט זיך די לאַגע פון די זעקס מיליאָן אידן אין רוסלאַנד ניט פיל ענדערן אפילו ווען ארץ ישראל איז שוין צוריק אונזער מדינה און אַ האַלבער מיליאָן רוסישע אידן האָבן זיך דאָרטן שוין באַזעצט.

ליידער דערוואַרטן מיר שוין ניט מער קיין סאָציאַלע איבער־קערעניש, וואָס זאָל איבער נאַכט מאַכן מלאכים פון שדים און פון גיהנם אַ גן־עדן.

דער סאָציאַליזם דאַרף ניט ערשט, ווען־עס־איז, קומען. ער קומט. ער איז צו אַ געוויסן גראַד שוין דאָ. ער איז שוין ניט מער אַ האָפנונג. ער איז אַ פאַקט, — אַ פאַקט וואָס וואַקסט, וואָס ווערט.

אָבער דווקא דערפאַר בלייבט נאָך פאַר אַ צייט די אידן־פראַגע וואו זי איז, ווייל זי מוז וואַרטן ביז דער נייער גואל, דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטער־קלאַס, וועט אויסוואַקסן.

די אָרגאַניזירונג פון דעם אידישן אַרבעטער קעגן דעם אי־דישן (און ניט־אידישן) אַרבעטגעבער, וועט זיין דער בליץ־אָפּ־לייטער אויף דעם גאַנצן בנין פון „בית ישראל". וואָס שטאַרקער די אָרגאַניזאַציע פון אידישע האָריפּאַשניקעס, אַלץ שוואַכער וועלן

www.libtool.com.cn



קאָנען זיין די שטימען פון די צוררי היהודים. וואָס מעכטיקער דער פאראייניקטער אידישער פּראָלעטאריאַט אין די ערטער, אַלץ ווייניקער וועלן זיך הערן די אַלעט ריידערייען וועגן אידישע „פיאַווקעס“, אידישע האבונעס, פאַראַזיטן און אַזוי ווייטער.

די טעטיגקייט פון דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער וועט אויך דערציען דעם אידישן עולם צו קעמפן פאַר דאָס, וואָס אים פעלט, צו באַשיצן דאָס, וואָס ער האָט.

נאָר דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאריאַט קאָן באַקעמפן אַנטיסעמיטן און פאַרטיידיקן דערוואָרבענעם נאַציאָנאַלן רעכט. דאָס קאָן ער טאָן ניט פאַרביינגדיק דעם קלאַסנקאַמף.

www.libtool.com.cn

## דער וואַל־קאַמף אַמאָל און היינט *)

איצט, ווען אונז איז שוין א סך פריילאכער אויפ'ן הארצן: ווען מיר גייען שוין צום וואַל־קאַמף מיט א קאַנגרעססמאַן אין מאַנ־העטן, מיט אן אסעמבלימען אין בראַנזוויל און נאָך איינעם אין אן אנדער טייל שטאָט פון יענער זייט טייך, — איצט, זאָג איך. מעגן מיר, רעדנדיק צווישן זיך, שוין מודה זיין, אז מיט יאָרן צוריק איז, במחילת כבודכם, טאקע געווען פאַסקודנע, „זייער פע!" ווי יענער האַלב־אויסגעניכטערטער שיכור האָט געזאָגט.

שרעקלאָך טרויעריק, הגם צו דער זעלבער צייט, וואונדער־באַר אָנציענד איז געווען יעדער וואַל־קאַמף אונזערער.

מיר פלעגן זיך טומלען ווי ברוד אויפ'ן יריד (אימיצער איז דער ליטע — פרעגט מיך ניט ווער ער איז געווען; ער איז שוין לאַנג ארויסגעפאַלן פון דער „סקאַזקע"); מיר פלעגן באַראַבאַנעווען אין אלע פויקן, ליאַרמען אין יעדן ווינקעלע פון דעם אידישן קוואַרטאַל אין ניו יאָרק און אומגעגנד, דאָס הייסט, אין ניו יאָרק, נואַרק, פילאַדעלפיע און אַנדערע „פאַרשטעט", אין א מהלך פון עטלאַכע הונדערט מייל פון העסטער סטריטס'ס געזייערטע אַר־גערקעם און געפעפערטע רעדעם — געגן אלע „בודלער" פון ביידע פאַרטייען — פון ראַטגערס סקווער.

און מאָל פאַר מאָל איז דער רעזולטאַט געווען א נעכטיקער טאָג, אָדער ריכטיקער, א פאַר־א־יאָריקער יאָר, א שטייגער ווי אונזער אידישער „לשנה הבאה בני חורין" איז א פוסטער, קאַל־טער, האַלב־האַרציגער טרייסט פאַר'ן הייגטיקן „השתא עבדי". וועלכער איז א פאַקט, בעת די קומענדיגע פרייהייט איז נאָך אין דער ווייטער, נעבלהאַפטער דונקלקייט.

יע, לשנה הבאה. איבער א יאָר. ווען מיר וועלן פון דאָס ניי

*) „פאָרווערטס", 19טן אויגוסט, 1917.

www.libtool.com.cn



אָנגורטן די לענדן, און אָנקלייבן פרישע כחות, און אָנציען אונזער בויגן, און ארויסברייננגען אַלע שאַרפע פיילן, און זיך שטעלן — קליין ווי מיר זיינען — נעגן דעם מעכטיקן שונא; איבער א יאָר, הייסט עס, וועלן מיר זיין פריי, וועלן מיר זיין בני חורין, א קליין דוד'ל, וואָס האָט באזיגט דעם מאָנסטער גלית הפלשתי פון דעם פיינדלאָכן קאפיטאליסטישן לאַגער.

דערווייל אָבער... נו, דערווייל האָבן מיר געעפנט די טיר און אָנגעגרייט דעם כוס פאַר אים, און אונזער אליהו הנביא איז ניט געקומען. און געטאָן האָבן מיר אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט. גוט, דאכט זיך, זיך צוגעגרייט צום סדר, גענוג געאַרבעט ביים רייניקן, שייערן און כשר'ן די כלים; ביים בודק־חמץ זיין אין אונזער פּלאַטפאָרם און קאָנסטיטוציע, שטריינג אויפּפּאַסנדיק אז קיין שום שטיקל חמץ זאָל זיך ניט זען און ניט געפינען אין אונ־זער סביבה און אין אונזערע פּרינציפּן.

באוועגונג? א קלייניקייט אַביסעל! מיר האָבן זיך באוועגט כמעט ווי אין א קדחת, רחמנא ליצלן, פון די ערשטע געפּאַלענע נעלע בלעטער ביז דעם ערשטן געפאַלענעם ווייסן שניי; פון די ערשטע סליחות (מיט אונזער קאַנדידאַט ביים עמוד), ביז די ערשטע „ריטוירנס" אין דער נאַכט פון דעם ערשטן דינסטיק נאָך דעם ערשטן מאָנטיק אין נאָוועמבער.

יע, מיר האָבן זיך באוועגט.

מיר אַליין. חוץ אונז כמעט קיינער ניט, קיין שום זאַך ניט. אַנדערע מענטשן פון אַנדערע פּאַרטייען זיינען פון אונזער באַ־וועגונג ניט באַרירט געוואָרן. ווי פעסט און טיף איינגעוואָרצלטע בוימער, געוואוינט צו דער בלאָטע ארום זיך, געניסנדיק סיי דעם פלוד רעגן, סיי דעם זונענשטראַל, האָבן זיי אונזער שטורם ניט געפילט, און וויפיל מיר האָבן אין זיי ניט אריינגעבלאָזן אונזער ווינט, אָנשטריינגענדיק ביז צום פּלאַצן אונזערע לונגען, האָבן זיך העכסטענס אויף זיי א ריר געטאָן פון אויבן די בלעטער, האָבן זיי אַמאָל אפשר א צוק געטאָן מיט די אַקסלען — ד. ה.

www.libtool.com.cn


מיט די צווייגן — ווי איינער רעדט: „וואָס ווילן זיי? וואָס בלאָזן זיי? וואָס דראַפּן זיי זיך אויף די גלייכע, גלאַטע ווענט? וועד זיינען זיי „עניהאו" די סאָציאַליסטן?"

און ווען דער וואַל־קאַמף איז געווען צו ענד און מיר זיינען געקומען אהיים, צוריק פון די עלעקשאָן־ריטוירנס, מיט דעם סך־הכל פון דריי מאָל חוזק אין די הענט, מיט דעם חורבן פון שפּאַנישע לופט־שלעסער אין הארצן, מיט אַלע האָפנונגען צעגאַנגענע און פאַרשוואונדן ווי אַ געפּלאַצטער זייפנבלאָז, מיט אונזערע דורכגעפאַלענע קאַנדידאַטן צוריק פּראָסטע, געוויינלאַכע בשר־ודם'נע ברואים, פאַר וועלכע מען ליאַרמט ניט מער, און מען פאַרלאַנגט פון'ם עולם קיין היפּ־היפּ־הורא ניט מער, און מען שטייט ניט מער אויף די ציפּקעס, אַז אַ היטל פון יראת הכבוד וועגן, — ווען זאָג איך מען קומט פון דעם וואַל־קאַמף צוריק אהיים... דאַ בעט זיך אַ זיפץ און אַן אָפּשטעל...

פלעגט מען בכיון ניט אַנצינדן אין צימער קיין ליכט ניט צו זען אין דעם קאַלטן, אומפּאַרטייאיש, אומבאַרמהערציקן שפּיגל די בלייכקייט פון אונזער פּנים, די בלאַסקייט פון אונזער רויטקייט...

* * *

און דאַן פלעגן אַוועקגיין וואָכן און חדשים אַז אַ סימן פון לעבן אין אונזערע רייען. מעכאַניש פלעגט מען קומען צום מנין אַלע דינסטיק אָוונט, אויסקלייבן אַ טשערמאַן, אויסאַרבעטן אַ טאָג־אָרדנונג, ריידן אַלע צוזאַמען און יעדער איינציקווייז, מאַכן „פּאָינטס אָף אָרדערס", אַפּעלירן פון'ם „טשער", מאַכן שלום דער דעבאַטע, אויסהערן קאָמיטעס, צולאָזן קאָמיטעס, אויסקלייבן קאָמיטעס, פאַנאַנדערלאָזן קאָמיטעס, נעמען אויף'ן צימבל קאָמיטעס, און אַזוי ווייטער ביז דער עולם צעגייט זיך. ווער געגודיעט צו טויט, ווער צעהיצט און אויפגערעגט.

אין צייט פון נאָך עטלאַכע חדשים הויבט אַז דער ברענטש. אָדער לאָקאַל, אָדער ווי ער רופט זיך, צו צעקריכן פון אינערע

www.libtool.com.cn



פּוילעניש, ווייל קיין נשמה איז מער ניטאָ אין דער אָרגאַניזאַציע זינט דער וואָל־קאַמף האָט זיך געענדיקט. און אַ גוף אָן אַ נשמה קען ניט לאַנג בלייבן גאַנץ.

אין דער באַוועגונג בכלל, אין אונזער פּאַרטיי־אָרגאַניזם קלאַפּט ניט מער דער פּולס. אַמאָל, זייענדיק מיט זיך אַליין אונטער צוויי אויגן, פלעגן מיר דערגיין צו דער מדרגה פון יענעם צירולניק, וואָס האָט געזאָגט צום דאָקטאָר: „מיר, צווישן זיך, פּאַני דאָקטאָר. ווייסן דאָך טאַקע אַז עס איז גאָר קיין דופק ניטאָ!" ווייל מיט די געוואוינלאַכע מענטשלאַכע פינף חושים פלעגט מען דאָך דעם דופק טאַקע ניט פילן.

געוויס, מיר זיינען דאָך עפּעס מאַרקסיסטן. מיר ווייסן דאָך, אַז באַוועגונגען קאָנען „אָף באַשטעלונגען" ניט געמאַכט ווערן: אַז געמאַכטע, קינסטלאַך־געמאַכטע פּאַרטייען ווערן פאַרניכטעט אין דעם ערשטן שלעכטן וועטער, פּונקט אַזוי ווי פאַבריצירטע בלומען שטאַרבן און גייען אונטער אין דעם זעלביקן רעגן, וואָס גיט לעבן און לעבנסקראַפט די בלומען, וואָס שפּראָצן אַרויס אויף אַ נאַטירלאַכן וועג פון אַ גינסטיגן באָדן.

געוויס, מיר ווייסן, אַז דער אידישער כלל: „וואָס מ'נעמט ניט איבער גוואַלט האָט מען ניט", אויב ניט אַנדערשוואו און אומעטום שעדלאַך, איז יעדענפאַלס אַ שלעכטער כלל אין דער פּאָליטיק, שלעכט ספּעציעל בנוגע צו שטימען און שטים־קאַסטענס. מיר ווייסן אַז אויף נעמען איבער גוואַלט איז טעמעני האָל אַ גרעסערע בריה. אין איר לאַנגע פּראַקטיקע איז „נעמען" אַ שטימקאַסטן, באַהאַלטן אַ שטימקאַסטן, פאַרצייגן אייגענע אַ קליינינקייט, אַ זאַך, וואָס קומט מיט דער מוטערמילך, אַזוי נאַטירלאַך ווי דער וועלן־נאָך ביים מאַכן געלט.

הייסט עס, מיר ווייסן, אַז ס'איז ניט פרייילאַך. אמת טאַקע ניט פרייילאַך. אָבער אַז פאַרצווייפלען דאַרף מען ניט. איז ניט היינט, וועט זיין מאָרגן. עס וועט קומען אונזער טאָג אויך

www.libtool.com.cn



אמאָל. און די זון וועט ענדלאַך ארײַנשיינען אין אונזער פענ־סטערל...

מיר ווייסן, אודאי ווייסן מיר...

פונדעסטוועגן פלעגט זיך נאָך יעדן וואלקאמף ווידערהאָלן די זעלבע דעמאָראַליזאציע, דער זעלביקער קאַצניאַמער, דער זעלביקער אַפּפאַל פון די צוגעקומענע מיטגלידער פון די פאַר־גאַנגענע עטלאַכע וואָכן...

קריטיק? ווייניק וואָס. דאָ אין אַמעריקע האָט מען וועניק בושה פאַר פרעמדע קריטיק און וואָס זעלבסט־קריטיק איז ווייס קיינער לחלוטין ניט און וויל ניט ווײסן.

אַט פלעגט זיך אַמאָל לאָזן הערן אַ „וואָס נון?" אין אונ־זער דייטשער „פאָלקס צייטונג" נאָך יעדן קאַמפּיין. אמאָל פלעגט זיך לאָזן הערן אַ קול פון נאַכווייעניש ווי נאָך אַ טרױ־עריקן קינפּעט, וואו אויף דער וועלט איז געקומען אַ מפּיל־קינד, אַנשטאָט דעם געזונטן, לעבנס־פעהיגן ילד, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט.

: אַ שען ביסל אויף זיין געוויסן האָט אין דעם פּרט דער. וואָס שרייבט דעם דאָזיקן אַרטיקל.

ווילנדיק ניט ווילנדיק פלעג איך יעדעס יאָר זיך נעמען צום פּאַלמעסן דעם נאָר וואָס פון דער וועלט אוועקגעגאַנגענעם נפטר. אונטערזוכנדיק די אורזאַכן פון דעם נייעם מיסערפאָלג פון דער נייער טויט־געבורט. מיינע אַרטיקלען פלעגן איינברענגען עט־לאַכע דאָלאַר דעם זעצער, דעם בעל־מגיה, דעם דרוקער, דעם פּאַפּיר־פאַבריקאַנט און אַלע אַנדערע וואָס קומען אונטער דעם אַלגעמיינעם קעפּל: „עלאייד פּרינטינג טריידס". אָבער דער־מיט האָט זיך זייער נוצלאַכקייט געענדיקט. מיר אַליין פלעגן די דאָזיקע אַרטיקלען איינברענגען אַ שען ביסל האַס און האַלב־ארויסגעבראַכטע אידישע קללות מיט ענגליש־אַמעריקאַנישע „טרימינגס", חוץ דעם נאָמען „סרענק", יאָלד, חטאים־זוכער.

www.libtool.com.cn



גרינער, א. א. וו.

* * *

צו זיין, פון דעסטוועגן, גערעכט צו זיך אליין, מוז איך דא דערמאָנען, אז מיינע ארטיקלען, נאָך פילע אונזערע קאמ־פיינס, האָבן געהאַט דעם צוועק ארייגצוטראָגן אזוי פיל קלאָר־קייט ווי איך האָב געקאָנט אין די פאָלגנדע דריי ריכטונגען:

ערשטנס, צו באווייזן, אז די טענות, וואָס דער עולם, דער אידישער און ניט אידישער, האָט געהאַט צום אידישן קוואר־טאַל, איז געווען אומגערעכט.

צווייטנס, אז א וואָל־קאַמף מוז האָבן דעם ריכטיקן בא־נער־טרעגער, ווייל א פרינציפּ אליין, א היילע נשמה, נאָר אן א קערפּער, אדער אין א גוף, וואָס פּאַסט זיך ניט צו צו דער דאָזיקער נשמה, קאָן ניט געווינען קיין שלאַכט.

און, דריטנס, אז א וואָל־קאַמף מוז האָבן א לעבעדיקן כא־ראַקטער, מוז געפירט ווערן אויף א באַשטימטע אישו, מיט באַשטימטע פאָדערונגען צו דער איצטיקער געזעלשאַפט און ניט פאַר דעם סאָציאַליסטישן ענדציל און ווייטער גאָרנישט.

www.libtool.com.cn

## דער יענקי און זיינע ארבעטער *)

אין די גוטע אלטע צייטן, ווי איך האב זיי איבערפלעכלאך געשילדערט אין פריערדיקן קאפיטל, פלעגט מען נאך יעדן וואל־קאמף זיך בייזערן אויף דעם ארבעטער־קלאס. א סקאנדאל אביסל! מען גיט זיי א מעגלאכקייט צו ערוועלן אן אייגענעם מענטשן, אן אלטן ארבעטער־פריינט, ביין פון זייער פלייש, און זיי גייען און קלייבן אוים פאר א פארטרעטער ערגעץ א בודלער!! א סקאנדאל, בנאמנות!

פארגעסן האט מען זיך ארומצוקוקן און צו זען, וואו מע איז אין דער וועלט. זיך צו פרעגן: ווער זיינען די ארבעטער? האבן זיי שטימרעכט? וואס פאר א קאנדידאט האט זיי די פארטיי פארגעשטעלט? חוץ אנדערע קשיות, וועלכע מוזן דערווייל אפגעשטעלט ווערן אן א זייט. מיר וועלן צו זיי קומען שפעטער. די פראגע: „ווער זיינען די ארבעטער?" האט אט וואס צו באדייטן.

מיר לעבן אין א מדינה, וואס הייסט אפיציעל „די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע" און רופט זי זיך פשוט אמעריקע. אלע אנדערע זיינען, א שטיינער, קאנאדיער, מעקסיקאנער, פערואוויאנער, בראזיליאנער, ארגענטינער און א. ז. וו. בעת מיר זיינען אמעריקאנער, הגם זיי לעבן אויך אין אמעריקע, און האבן דאסזעלבע רעכט צום נאמען.

אין אונזער אמעריקע זיינען אפיציעל אלע איינוואוינער אמעריקאנער, אפילו די צוגעפארענע, ווייל מען נעמט אן, אז וואס זיי זיינען ניט שוין איצט, וועלן זיי, אם ירצה השם, ווערן מיט דער צייט. די מדינה רעדט ענגליש.

אזוי קלינגט דער פזמון אפיציעל. אין אמת'ן איז דאס

---

*) „פארווערטס", 26טן אויגוסט, 1917.

www.libtool.com.cn



אביסעלע אנדערש. די צוגעפּאַרענע וועלן אפשר אַמאָל טאַקע זיין אַמעריקאַניזירט, איבערהויפּט אויב זייערע קינדער וועלן זיך נעמען אין צייט צו זייער — די עלטערנס — ערציהונג, אָבער דערווייל זיינען זיי דאָ גרים, מיט אַ פרעמדלענדישע פאַר־גאַנגענהייט, פרעמדע טראַדיציעס, אידעען און שפּראַך.

וואָס טוען זיי דאָ? דריי־פערטל פון זיי זיינען דאָ די אַרבעטער, די פּראָדוצירער, די פּראָלעטאַריער.

אַ יענקי, וואָס האָט שוין דאָ אַ שלשלת היוחסין פון גאַנצע צוויי־דריי דורות, אַרבעט געוויינלאַך ניט. ער קאָן, הלואי וויי־טער, אויסקומען אָן אַרבעט.

ער לאָזט איבער דאָס ברויט באַקן, ביר ברויען פאַר די דייטשען: די הויז־אַרבעט פאַר איירישע, סלאַווישע, אונגאַ־רישע מיידלאַך, און נאָך בעסער פאַר נעגריטיאַנקעס. ביים בויען פון הייזער געברויכט ער דייטשן, סקאַנדינאַוויער, אידן און אַנדערע: אידן מאַכן דריי־פערטל פון זיינע קליידער, ביים פערטן פערטל זיינען באַשעפטיקט איטאַליענער מער ווי אַנדערע „פאַריינערס": דיזעלביקע אידן, צוזאַמען מיט גריכן און סלאַוון, מאַכן אים זיינע ציגאַרן, פּאַפּיראָסן און שמעק־טאַבאַק: דאַרף ער גראָבן טונעלן, מאַכן אַ פונדאַמענט פאַר אַ דור־הפלגה בנין, האָט ער איטאַליענער און אַנדערע: וועש וואַשט אים דער כי־נעזער: אויסלענדער מכל המינים ברוקירן זיינע גאַסן און ראַמען זיי: שוועדן און אַנדערע זיינען די פענסטער־פּוצער אין די הימל־קראַצער־בנינים: די שוועדן און די אידן זיינען מיי־סטענס אויך די פּרוכט־און־גרינס־פּאַרקויפער, וואָס דאָס איז אויך אַ שווערע אַרבעט, הגם ניט קיין פּראָדוצירנדע: דייטשן, אירלענדער און זאַגאַר אידן, באַאַרבעטן, צווישן אַנדערע אויס־לענדער, דאָס לאַנד פאַר דעם יענקי: אין די קוילנגרובן און אין אַנדערע „מאַינס" זוכט ער פּראָפיט און לאָזט איבער די אַרבעט און דעם נע'הרג'עט ווערן, ווען עס מאַכט זיך, פאַר פּאָ־ליאַקן, טשעכן, איטאַליענער און אַנדערע: אין די נאָרד־

www.libtool.com.cn



ועסטלאכע שטאטן גיט ער די פינגען און די שווערן א מעגלאכ־קייט פאר אים צו באזארגן געהילף, פון וועלכע די דייטשן און אנדערע אין אהייא סטייט מאכן מעבל; אין דעם וועסטן לאזט ער פרעמדע, אפילו אזיאטן — ער שעמט זיך מיט קיינעם ניט — פאר אים מאכן וויין און אויפפאסן אויף אלערליי אייפס; ביים בויען בריקן איז ער פריינטלאך גענוג צו לאזן טאן די שווערע ארבעט זיינע איצטיקע „שונאים" אזוי פיל ווי זיי ווילן און קאנען; זיי לאזט ער אויך „פאקן" פלייש אין שיקאגא.

ער אליין, דער יענקי, דער אמעריקאנער, איז דער בעל־הבית פון דער מדינה. אלע מוזן רעדן זיין שפראך, אלע מוזן ניין אין זיינע וועגן, לערנען געשיכטע ווי ער שרייבט זי, דאוונען פון דעם סידור, וואס ער האט פארפאסט, זינגען (און פארפאסן) זיין רעג־טיים־מוזיק, פאלגן די געזעצן, וואס ער מאכט, אפגאלן די וואנסעס, ווייל ער הייסט, געהארכן דעם פא־ליציייסקן, וואס ער זעצט איין, שטימען פאר דעם אדער יע־נעם פאליטישן, וואס ער נאמינירט אויף אזא „טיקעט", אדער אנ'אנדערן.

ער איז דער בעל־הבית: ער איז אויך דער ריכטער, דער פראקוראר, דער אופזעער אין געפענגניש, דער באנק־דירעקטאר, דער הויפט־מאכער אין יעדן שטאט־אפיס, אין יעדן געריכט, אין דער פאליציי־פארוואלטונג און אנדערשוואו.

ער מאכט געלט, לאזנדיק אנדערע פאר זיך ארבעטן. ער מאכט געלט און ווייטער כמעט גארנישט. אמאל שרייבט ער א דראמע — געוויינלאך א שונד־דראמע — דערנאך שרייבט ער א בוך, אויסער ווען ער האט פאר זיך וויכטיקערע ארבעט און לאזט איבער די ביכער־פאבריקאציע פאר זיין ווייב, זיין טאכ־טער, זיין פלימעניצע. דער אמת איז, אז ער האט קיין צייט ניט, ניט בלויז צו שרייבן ביכער, נאר אפילו ניט זיי צו ליי־ענען, און עס זיינען איז אמעריקע געווען צייטן, ווען א זיי־טיקן מענטשן האט זיך אפגעדאכט, אז דא ווערן ביכער גע־

www.libtool.com.cn



שריבן פון פרויעז, וועגן פרויעז, פאַר פרויעז, — פרויען און מיידלאַך, כדרך הטבע.

ער איז אָבער ניט מקפּיד אַז דוקא זיינע ווייבס־פאַרשווינעז זאָלן דאָס טאָן. וואָס אַ יאָר מער לאָזט ער אַלץ מער צו פרעמדע, ספּעציעל אידן, צום ביכער און מוזיק פאַרפאַסן, ווּעלכע ער האָלט פאַר אַ טרייד, וואָס קאָן קיין מיליאָנען ניט געבן.

ער לאָזט אויך די איטאַליענער פאַר זיך זינגען און די דייטשן פאַרפאַסן אָפּעראַס, זיי און אַנדערע. ער לאָזט אידן מאָנאָפּאָליזירן די וואָדעוויל סטיידזש („דהער איז נאַטהינג אין איט“) און מאַכן די הויך־פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער לידער און געזאַנגען, וואָס באַזינגען זיין אומשטערבלאַכע גרויסקייט. ער לאָזט רוסישע טענצערקעס אַרומשפּרינגען פאַר אים אויף די ציפּקעס און זיך דרייען אין דרייען. ער גייט אַזוי ווייט אין זיין באַרמהערציקייט צו די אונוויסנדע באַרבאַרן, וואָס ער נעמט אריין צו זיך יאָר־איין, יאָר־אויס, אַז בּיסלאַכווייז ווערן אַפּילו אידן בּאַ אים קולאַק־העלדן, בייז־באָל שפּילער און שלעכט־באַ־צאָלטע לערער.

ער אַליין האָט גענוג צו טאָן ווערנדיק רייך, און רעגירנדיק אַזוי, אַז ער זאָל האָבן יערע באַקוועמלאַכקייט אין ווערן ריי־כער, פעטער און גרעסער.

„עווריבאַדי וואָרקס באָט פאָדהער!“ אַלע אַרבעטן חוץ זיין מאַיעסטעט דער הערשנדער יענקי פון אַמעריקע.

פרעגט איר: ווער זיינען די אַרבעטער? ענטפערט איר זיך: אַלע, חוץ די קינדער'ס קינדער פון די אַמאָליקע פּוריטאַנער, פון די אַמאָליקע האָלענדער, פון די אַמאָליקע רעפּובליק־גרינדער. זיי האָבן זיך, ברוך השם, אַרויסגעאַרבעט און חוץ אין איינצלנע, זעלטענע פאַלן אַרבעטן זיי ניט, און דאַרפן ניט אַרבעטן.

פרעגט איר ווייטער: האָבן אַט־די אַרבעטער שטים־רעכט? ענטפערט איר זיך: ניט אַלע. זיי זיינען מיט אַמעריקאַנישע שטימען ניט געבוירן געוואָרן ווי, למשל, די יענקים און האָבן נאָך

www.libtool.com.cn



קיין צייט ניט געהאַט אויסצוגעפינען, ווער עס זיצט אין סע־נאַט און ווי עס הייסט דער וויצע־פּרעזידענט, כדי צו קאָנען ווערן אַ בירגער.

* * *

קומען מיר צו דער שטאַט ניו־יאָרק.

די אַרבעטער פון דער שטאַט זיינען אפשר מער ווי ניין צענטל פון זיי פרעמדע, אויסלענדער, אָדער אַניט קינדער פון אימיגראַנטן.

אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער זיינען אידן, איטאַליענער, דייטשן, סקאַנדינאַוויער און אירלענדער, וואָס האָבן נאָך ניט פאַספּייעט זיך אַרויפּצואַרבעטן.

איצט קומט אַ מעיאָר וואַל.

דער קאַנדידאַט פון די אַרבעטער קאָן זיין אַן אַמעריקאַ־נער, וואָס סימפּאַטיזירט מיט די אויסלענדישע (אָדער פון אויס־לענדער געבאָרענע) אַרבעטער, אָדער, נאָך בעסער, אַן אַמערי־קאַניזירטער אַרבעטער־פריינט, וואָס איז אפשר אַמאָל אַליין גע־ווען אַ האַנט אין אַ פאַבריק. אַמבעסטן וואָלט געווען צו גע־פינען אַן אינטעליגענטן אַרבעטער, וואָס זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם אַרבעטער'ס שטאַנדפּונקט פאַר די וועלער און זאָל קאָנען אויספירן דעם אַרבעטער'ס מאַנדאַט אין דעם פאַל ווען ער זאָל געוועלט ווערן.

געוויס, מיר זיינען אינטערנאַציאָנאַל. געוויס איז אונז אידן, למשל, ליבער דער אַמעריקאַנער, דער גוי אַלרזשערנאָן ליע, ווי דער איד, דער אייגענער העברי גאָלדפּאָגעל. וועגן רע־ליגיע איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן. אויב מיר זאָלן אויס־קלייבן פאַר אַ מעיאָר אַ אידן, וועט דאָס ניט זיין כדי צו פאַר־זאָרגן ניו יאָרק מיט אַן עירוב אויף שבת; אָדער, פאַרקערט, כדי אַרויפצושטעלן אַ גילדערנעם צלם אויף סיטי האָל. אויב אונזער קאַנדידאַט זאָל זיין אַ קריסט.

אָבער אונז איז דאָך וויכטיק צו דערוועלן דעם קאַנדידאַט

www.libtool.com.cn



אונזערן, אָדער אַניט צו קריגן פאר אים, דאָס הייסט, דורך אים פאר אונזער פּאַרטיי, פאר אונזער פּרינציפּ, פאר אונזער אידעאַל די העכסטע צאָל שטימען.

כדי צו דערגרייכן אַזאַ רעזולטאַט, איז נויטיק צו נאָמינירן אַזאַ קאַנדידאַט וואָס זאָל קאָנען אויף זיך פאראייניקן די וואוטס פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אויב מעגלאַך אריינ־נעמענדיק די ביסעלע יענקים צווישן די ניו יאָרקער פּראָלעטאַריער.

דער דאָזיקער רעזולטאַט וועט, לאָגישערוויז, אמזיכערסטן דערגרייכט ווערן, ווען מיר וועלן נאָמינירן איינעם, וואָס האָט ניט בלויז אַ נאָמען אין דער פּאַרטיי, נאָר אויך אַ נאָמען צווישן די ברייטע אַרבעטער מאַסן, וועלכע שטייען נאָענט צו אונזער פּאַרטיי אין געפיל, אין זייערע סימפּאַטיען, אפשר אויך אין פּרינציפּ, אָבער ווייט פון אונז אַלס אָרגאַניזאַציע. מיר אַפּעלירן צום גאַנצן אַרבעטער קלאַס, צום סאָציאַליסטישן עולם אַליין.

„דער לאַנגער רעדע קורצער זין“ איז, אַז אונזער קאַנדידאַט דאַרף זיין אַ פּאָפּולערער מענטש, באַקאַנט אין ברייטע אַרבעטער קרייזן, פעהיג צו מאַכן אַ גוטן ערפאָלגרייכן קאַמפּיין און אויך פעהיג צו זיין אַ גוטער באַאַמטער אין דעם אָפיס, צו וועלכן מיר וועלן אים ערוועלן, אויב מיר וועלן קאָנען.

און דאָ פאַרשטייט זיך, איז דער בעסטער קאַנדידאַט דער, וואָס געהערט צו יענער אַרבעטער נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָט זיך ביז איצט ארויסגעוויזן אַלס פּאָליטיש די שטאַרקסטע. אַזעלכע, וואָס האָט שוין פריער געהאַט אַ פּאָליטישן ערפאָלג אין דער פּאַרטיי׳ס קאַמפּיינס. אַזאַ אַרבעטער נאַציאָנאַליטעט וואָלט זיין אין מינעאַפּאָלים די פינישע, אָדער שוועדישע, אין מילוואָקי די דייטשע, אין הייווערהיל די אירישע, אין ניו יאָרק די אידישע.

וואָרום ? איינפאַך דערפאַר ווייל, זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פאַל פון ניו יאָרק, די אידישע אַרבעטער מיט סאָציאַליס־

www.libtool.com.cn



טישע איבערצייגונגען, ווייניקסטנס סימפּאַטיעז, זיינען אין אונ־זער שטאָט די שטאַרקסטע צווישן אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

ניט די דייטשן מיט זייערע 40 יאָר וואונדערבאַרע און פּיזיקע אַגיטאַציע־אַרבעט, ניט די איטאַליענער, ניט די איר־לענדער, ניט די סלאַווען האָבן ביז איצט ערגעץ וואו אין ניו יאָרק אַרויסגעוויזן אַ מעגלאַכקייט ניט נאָר אימיצן צו דער־וועלן, נאָר אפילו אף ערגעץ אַ קאַנדידאַט צו פּאַראייניקן אַ באַדייטנדע צאָל שטימען.

דאָס איז דערפאַר ניט אין אַן אתה־בחרתנו זין, נאָר טאַ־קע פון אַ פּראַקטיש סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט ווען איך זאָג, אַז אַ אידישער סאָציאַליסט, וואָס איז אַ פּאָפּולערער ביר־גער, איז דער ריכטיקער קאַנדידאַט פאַר ניו יאָרק.

אין בערלין וואָלט אָן שום ספק דער קאַנדידאַט געווען אַ דייטש, אין פּאַריז — אַ פראַנצויז, אין רוים — אַ איטאַ־ליענער, אָן אַ קלער, אַ טראַכט וועגן איד אָדער ניט איד. אין אַ קאָסמאָפּאָליטישע, פּיל־ראַסיקע שטאָט ווי ניו יאָרק איז די פראַגע פון וועלכער נאַציאָנאַליטעט זאָל דער קאַנדידאַט אויסגעקליבען ווערן זייער אַ וויכטיקע.

די אַלטע פּאַרטייען האָבן דאָס שטענדיק פאַרשטאַנען, זיי האָבן אין אידישן קוואַרטאַל קיינמאָל קיין גוי ניט אויפ־געשטעלט. זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אפילו וואו דער איד און דער אירלענדער רעדן ביידע דעם זעלבן לשון און פּרעדיקן דעם זעלביקן טעמעני־האַליזם, וועט דער איד בע־סער פאַרשטאַנען ווערן פון ענגליש־שפּרעכנדע — אפילו פון זיי — צווישן אידן, ווי דער איירישמאַן. און ווער רעדט דער־פון, אַז ער און נאָר ער וועט זיך פאַרשטענדלאַך מאַכן ביי די מאַסן „וואוטערס". וועלכע גייען נאָך ערשט ביי זייערע קינ־דער אין חדר און קאָנען לעת עתה נאָך קיין ענגליש גאָר ניט.

מיר אָבער האָבן אַלע די יאָרן געלעבט אין דער איינ־בילדונג, אַז מיר האָבן צו טאָן אין אמעריקע מיט אַן אמע־

www.libtool.com.cn



ריקאַנישן ארבעטער, וואָס רעדט דעם לשון פון אמעריקע און דערפאַר מוז זיין קאַנדידאַט זיין אַן אמעריקאַנער. — יעדער פון זיי איז אין זיין צייט זיכער דער בעסטער צווישן די „עכטע יענקים“ — אָבער ניט קיין איד, אפילו ווען ער איז דער אָנערקענטער פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו יאָרק, אויב ניט אין גאַנצן לאַנד; ניט אַ איד, ניט אַ רוסישער איד, ווייל אונז „פּאָלאָגאַיעט“ זיך צו זיין עכטע אמעריקאַנער, אויב ניט שוין איז מיט דער צייט און למה יאמרו הגוים, אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אויסלענדישע זאַך.

אַז דער ארבעטער אין אמעריקע איז אליין אויך אַן אויס־לענדישע זאַך האָבן מיר ניט באַטראַכט.

די צרה מיט אונז איז שטענדיק געווען, וואָס מיר האָבן זיך אליין ניט גענומען ערנסט. מיר האָבן אויפגעשטעלט קאַנ־דידאַטן נאָר ווייל עס פּירט זיך אַזוי. אין תוך איז די פּער־זאָן פון'ם קאַנדידאַט געווען ביי אונז אַ קלייניגקייט, אַ נעבנ־זאַך, אַ טפל וואָס מ'רופט: אַ פּסוק פון'ם "קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אויפגעקלעפּט אויף צוויי ברעטער פון אַ „סענד־וויטשמען", אפשר מיט אַ פּאַראַגראַף צוגעטשעפּעט צו אים, וואָס זאָל דעם פּסוק און אַנדערע פּסוקים כסדר ווידערהוילן, האָט ביי אונז געקאָנט פארנעמען דעם פּלאַץ פון אַן אמת'ן קאַנדידאַט, פון ד ע ם אמת'ן באַנערטרעגער. מיר זיינען צום עולם געקומען, זאָגנדיק, רבותי, שטימט פאַר דעם דאָ־זיקן מאַן פאַר גאָווערנאָר, און מיר האָבן געוואוסט און דער עולם האָט געוואוסט, אַז טאָמער... ווער ווייס... אל תפתח פה לשטן... ווערט ער חלילה דערוועלט, דאַרפן מיר מיט דער פּאַר־טיי... מיט אַלעם מיט אַנאַנדער אַנטלויפן וואו פעפער וואַקסט.

און ווי מיר האָבן זיך אליין ניט גענומען ערנסט, אַזוי האָט דער עולם אונז ניט גענומען ערנסט. אונזער קאַמף, אונ־זער וואַלקאַמף, האָט קיינעם ניט אָפּגענאַרט: מ'האָט גע־וואוסט, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַגיטאַציע גלאַט אין דער

www.libtool.com.cn



וועלט אריין : אז מיר שפּילן זיך בלויז אין עלעקשאָנס מיט כלומרשט א טיקעט "אין פעלד„ א שטייגער ווי מיר פלעגן זיך אינגלווייז שפּילן אין פערדלאַך מיט א קרייקע אין מויל. דער, יעניקער — וואָס איז די נפקא מינה? עס איז אַ קאַמ־פּיין, לויפן מיר... וואָס מאַכט עס אוים ווער עס לויפט.... אבי מען לויפט! אבי יוצא געווען!

הער איך ווי איר בורבלט : און אפשר טאַקע אזוי... וואָס מיינט איר, מיר זיינען פּאָליטישנס, בודלערס, דזשאַב זוכער? אונזער גאַנצער עֵסק אין דעם קאַמפּיין איז אַגי־טאַציע... פּראָפּאַגאַנדע פאר אונזער אידעאל, און מיר ניבן טאַקע ניט קיין אויסגעבלאָזענע איי פאר ד ע ם קאַנדי־דאַט אָדער יענעם, אַלס אַ מענטש.

דאָס איז א שלעכטער ארגומענט, ליבע גענאָסן.

קודם, מאַכט איר פּאָרט ווילנדיק, ניט ווילנדיק, פּראָפּאַ־גאַנדע פאר אַ פּערזאָן, אפשר מער ווי פאר אייער אידעאל. אפילו .איצט. אמת, ער און איר און מיר אַלע ווייסן, אז דאָס איז ניט מער ווי א שפּיל, אָבער אין דעם דאָזיקן שפּיל ווערן מיר בּיסלאַכווייז, פונ'ם אָנהויב ביזן אויסלאָז קאַמפּיין, אזוי פארקאָכט, אז מיר פאַרגעסן, אז דאָס איז א שפּיל, און אז די קראַיקע אין מויל איז ניט קיין לייצעם, וואָס ערגעץ א בעל עגלה האָט טאַקע אין האַנט ערגעצוואו.

און דאן לאָזט מיר אייך זאָגן, רבותי, איז א קאַמפּיין א זייער שוואַכע מעטאָדע פון אויפקלערען אן עולם אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן. איך האָב אין מיין צייט שוין געזען קאַמ־פּיינס, וואָס וואָלטן א מענטשן וואָס זיצט אַ האָרעלע ווייניגער שטייף אין זאָטל אַראָפּגעוואָרפן פון זיין זיץ, פאַרצייטן וואָלט דאָס געווען דירעקט אין אן אַנאַרכיסטישן פעלד, — אויף יע־נעם געמייזאַכץ, וואו עס פּאַשן זיך אידיליש אומשולדיגע, אומ־באַפלעקטע שעפּעלאַך, וואָס ווייסן ניט פון קיין פּאָליטיק, קיין קאַמפּיינס, קיין וואלן, וואָס ליגן זיך אין גראָז און לאָבן זיך

www.libtool.com.cn



מיט ווינטעלאַך אַרום זיך און חלומ'ען ווענן אַן אייביקן זונענ־שיין, אַן אייביקן פרילינג, ווענן מלאכים אין מענטשן געשטאַלט לעבנדיק אין פרייהייט אַן אַ שיעור, אַן אַ גרענעץ, אַן אַ סוף — אין דער פרייהייט, וואָס וועט קומען ווען עס איז, ווי עס איז, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, במהרה בימינו, אָמן!

ניין, צום פרעדיקן דעם סאָציאַליזם, איבערהויפּט אַזוי ווי מיר פאַרשטיין אים היינט; אַ סאָציאַליזם, וואָס קומט ניט איבערנאַכט, וואָס ווערט ניט איינגעפירט איינס, צוויי, דריי; וואָס איז ניט דער רעזולטאַט פון פייערדיקע „ספּיטשעס" און הילכענדע אַפּלאָדיסמענטן; וואָס פאַרלאַנגט, כדי פאַרשטאַ־נען צו ווערן פון מענטשן אַ רוהיקע, געלאַסענע סיסטעמאַטישע אויפקלערונג און ניט שטורם-ליאַרם, ברו-האַ-האַ! און טאַ־ראַ-ראַם!! ווי עס איז דער שטיינער ביי עלעקשאַנס, — דערצו טויג ניט אַ קאַמפּיין.

דרייט זיך און ווענדט זיך ווי איר ווילט, דער אמת בלייבט, אַז אין דעם וואַל-קאַמף איז די הויפּט אויפגאַבע ניט דירעקט דאָס „ענדציל", צו וועלכן מיר אַלע שטרעבן, נאָר פריער פאַר אַלץ די דערוויילונג פון אונזער קאַנדידאַט, און טאָמער איז דאָס נאָך האיאָר ניט מעגלאַך, דאַן איז דאָס די פּאָרבערייטונג צו דער דערוועלונג ביי דער נעקסטער געלעגנהייט.

פון דער אַנדער זייט האָט די דערוועלונג פון יעדן קאַנדי־דאַט אויף דעם סאָציאַליסטישן טיקעט אַ געוויסן ווערט טאַקע פאַר דעם ענדציל נופא, ווי קליין עס זאָל ניט זיין געוועזן די אויפקלערנדע, ערציערישע באַדייטונג פון דער אַגיטאַציע אין דעם וואַל קאַמף.

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט פֿון זיבעטן באַנד:


זייט

פֿאָרוואָרט פֿון קלמן מרמר — — — — — — — — — 5

וואָס מיר פֿעלט:

אַ יום טוב — — — — — — — — — — — 9

אַ לשון — — — — — — — — — — — 18

אַ פֿאָטער — — — — — — — — — — 25

קינדער — — — — — — — — — — — 34

אַ פֿאָטערלאַנד — — — — — — — — — 44

אַן אמונה — — — — — — — — — — 50

לעבנס־פּאָעזיע — — — — — — — — — 61

אַ פֿאָלק — — — — — — — — — — — 70

אַ ליטעראַטור — — — — — — — — — 79

יונגוואַרג — — — — — — — — — — 88

אַ פּאַרטיי — — — — — — — — — — 99

זאַמד פֿאַר׳ן שנאָבל — — — — — — — — 106

אַ צייט־פּאַרטרייב — — — — — — — — 116

פֿויגעלאַך אין בוזים — — — — — — — 125

דרך ארץ — — — — — — — — — — 131

אַ פּרייוונט — — — — — — — — — — 138

נאָך אַמאָל: אַ פּרייוונט — — — — — — 148

אַ טעאַטער — — — — — — — — — — 158

דער אמת — — — — — — — — — — 167

אַן עפֿנטלאַכע מיינונג — — — — — — — 175

זעלבסט־קריטיק אין פּאַרטייען — — — — — 183

אַ גאָט — — — — — — — — — — — 191

אַ העלד — — — — — — — — — — 199

אַ צוקונפֿט — — — — — — — — — — 210

מיין נאַציאָנאַלער אני מאמין — — — — — — 220

איז דער אינטערנאַציאָנאַל קעגן נאַציאָנאַליטעט? — — — — 254

אונזער צוקונפֿט אין רוסלאַנד — — — — — — 261

דער וואַל־קאַמף אַמאָל און הייַנט — — — — — 271

דער יענקי און זיינע אַרבעטער — — — — — — 277

www.libtool.com.cn